STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06094

YEYSHU HANOYTSRI

Henri Barbusse

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק מארק ראַקאָווסקי

אנרי באַרביס

ישו הנוצרי

איבערגעזעצט ב. ראָזמאַרין

אונטער דער רעדאַקציע פון מ. ראַקאָווסקי

ווארשע 1930

HENRI BARBUSSE
JEZUS
Druk. Braci Wójcikiewicz,
Warszawa, Pawia 10.

אנרי בארבים

הקדמה

צו מיינע יידישע לעזער

איך האָב געווידמעט עטלעכע ווערק מיין היסטאָרישן און פילאָזאָפישן שטודיום פון דער פערזאָן און דעם נביא ישו-הנוצרי. דאָס איז דאָס ערשטע ווערק אונטער אַ פרייוויליק, טראַדיציאָנעלער פאָרם, אַ צירונג פון קונסט, וועלכעס קאָנדענסירט און רעזומירט אַלע באַשפּוסן, צו וועלכע מיין גייסט איז געקומען נאָך אַ לאַנגער אויספאָרשונגס-אַרבעט.

דידאָזיקע אויספאָרשונג וועלכע האָט געדויערט עטלעכע יאָר און איז געווען ספעציעל געווידמעט ווערק, וואָס באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם וועגן דער אַנטשטייונג פון קריסטנטום — האָט אַ פּאָזיטיווע און וויסנשאַפטלעכע באַדייטונג. ס'איז נישט קיין ווערק, אויסגעזויגען פון דער פאַנטאַזיע, ווי איך האָב זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרזעצונג פון דעמדאָזיקן בוך, נאָר אַ ווערק פון אַ געלערנטן, צו וועלכן איך האָב זיך מיט גרויס התלהבות אָפּגעגעבן. די וויסנשאַפט, וועלכע האָט אויסגעפאָרשט גרויסע און קליינע געשעענישן, און וועלכע האָט זיך געגראָבן אין ביכער איבער קריסטנטום, האָט אין אַ געוויסער מאָס, פון דאָרט אַרויסגעדרונגען די אמתע שטריכן און דעם אמתן וואָרט פון אַ מענטשן, וועלכער האָט וואַרשיינלעך עקזיסטירט, נישט געקוקט אויף די מאָדנע קאָסטיומען מיט וועלכע מען האָט אים נאָכדעם באַקליידט. דאָס איז געווען דאָס ריינע וואָרט פון דער יידישער אידעע פון גערעכטיקייט.

אַ דאַנק דערדאָזיקער אידעע פון גערעכטיקייט קניפּט די יידישע גאונות אָן איר גאַנצע מאָראַלישע אָרגאַניזאַציע מיט דער

וויסנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, ווייל די גערעכטיקייט איז אַן אויסדרוק פון גלייכגעוויכט, פון וויסנשאַפטלעכער שלמות און אויך פון געפילן־השתפכות. אָבער דער מקור פון דער געפילן־השתפכות איז די פּאָזיטיווע זיכערקייט, דער גויט, דער שיקזאַל פון אַ סימעטרישער און גלייכער אָרדענונג, אינם פונדאַמענט פון די געזעלשאַפטן. אָט דידאָזיקע אויפבּרויז־שטאָף, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, האָט געגעבן איר ריכטונג דער יידישער אידעאָלאָגיע און דער יידישער היסטאָרישער טעטיקייט. אָבער דאָס קריסטנטום האָט נישט אויפגעטאָן אַזויפיל, ווי זיי, ווייל פון זיינע ערשטע יאָרן אָן איז ער אַרויס צו די אָרעמע פאָלקס־מאַסן מיטן לאָזונג, מיט דעם אַלטן געשריי פון גערעכטיקייט, וועלכער האָט שוין געקלונגען אין די מיילער פון די יידישע נביאים און מען געפינט אים אין אַלע יסודות פון דער תורה.

איצט, אַז מען האָט שוין דערגרייכט צום געדאַנק, וואָס קלערט בעסער אויף די געשעעניען און די מענטשלעכע באַוועגונגען שטרעבט מען אָנצוּוואַרפן די יידישע גאונות דעמדאָזיקן „געשריי פון דער ערד" וועמענס עכאָ מיר שלעפּן אַרויס פון די קינסטלעכע ווערטער פון די עוואַנגעליעס. ס'איז דעריבער גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס אַ געחיסע צאָל געלערנטע מיט קאָנסערוואַטיווע פּרינציפּן, וועלכע האָבן אַ לאַנגע צייט פאַרגעוואָרפן די יידן, אַז זיי האָבן פאַרפאָלגט יעזוסן, (וואָס ס'איז נישט ריכטיק, ווייל יעזוס איז געפאַלן אַ קרבן פון די רוימישע געזעצן), מאַכן זיי די יידן היינט פאַרוורפן וואָס זיי האָבן יעזוסן אַרויסגעבראַכט אויף דער וועלט.

אָט דעריבער איז מיר זייער אָנגענעם צו האָבן היינט פאַר מיינע אויגן דידאָזיקע איבערזעצונג אין דער יידישער שפּראַך, וועלכע גיט מיר די פרייד צו קומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט אַ גאַנצן עולם, וועלכער איז מיר נאָענט.

אַנרי באַרביס

23 מערץ 1928.

ערשטער קאַפּיטל

א. — אַ גוטע בשורה פון ישו, דער זון פון מרים.

ב. — ס'איז געווען אַ מאַן מיטן נאָמען מתי און איינער מיטן נאָמען יוחנן, און מען זאָגט וועגן זיי, אַז זיי האָבן אים געזען און וועגן אים דערציילט. מ'זאָגט אויך, אַז לוקאס און מאַרק האָבן וועגן אים געהערט פון שמעון און וועגן אים גערעדט. ס'זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דער־ציילט פון אים, נאָכדעם ווי זיי האָבן אים געזען, אַנדערע ווידער האָבן דערציילט און אים לגמרי נישט געזען. יאָ, ווער־טער פאַרבלייבן; די פאַקטן אָבער זענען נישט זיכער.

ג. — איצט רעדט ער אַליין פאַר דער גאַנצער וועלט, מיט ווערטער, וועלכע זענען איבער אים געזאָגט געוואָרן.

ד. — ווייל איין אמת איז נאָר פאַראַן, און ער געהערט אונדז אַלעמען.

ה. — יעדן פרימאָרגן כאַפּ איך זיך אויף אינם קליינעם ווינקל פון שטוב, ווו מ'האָט מיך געלייגט שלאָפן, וואָרום איך בין אַ קינד.

ו. — אָפטמאָל, ווען איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף, בין איך פאַרוועבט אין די נעפּלען פון אַ חלום, און איך פרעג זיך אליין: ווער בין איך.

ז. — דעמאָלט ווערן די שוואַרצע נעפּלען פון מיין חלום איינ־מיטן העלער: ס׳שיילט זיך אויס דער קליינער פּירעק פון פענסטערל, דורך וועלכן מ׳זעט דאָס גרויסע דאָרף. מיינע אויגן קלערן אויס פאַרשידענע זאַכן. איך זע מיין מוטער, קניענדיק; זי רייניקט דעם פּריפּעטשיק אין צווייטן חדר, לעבן מיינעם. וואָס איז גרעסער פון דעם, ווו איך געפין זיך. איך בין ישו, דער זון פון מרים.

ח. — אויבּ איך זע מיין מוטער אין צווייטן חדר אויף דער ערד, איז עס דערפאַר, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין טיר. אונדזער דירה פאַרנעמט אַזוי ווייניק אָרט, אַז מיין מוטער וואָלט מיך געהערט, ווען איך וואָלט אפילו גערעדט שטיל. אָבער איך טו זיך נישט קיין ריר, איידער כ׳בין נישט אינגאַנצן וואַך, איידער איך זע נישט אַלע ביילן אויף אונדזער גרויער, דיקער וואַנט און דעם רויטן שווערן קרוג אויפן ראַנד פון פענסטער; איידער איך צייל נישט איבער מיינע מלבושים, וואָס ליגן אויפן קופערט.

ט. — כ׳קאָן נישט פאַרלאָזן מיין שטוב, ווען ס׳פאַרגלוסט זיך מיר, ווען דער מאָרגן מאַכט מיך ניי געבוירן, ווייל איך בין א טישלער און אַרבעט לעבן מיין פאָטער. ווי איך ענדיק נאָר עסן, מ׳הערט נאָך דאָס קלאפּן פון לעפל אָן דער שיסל, גיי איך גלייך אַרבעטן צו מיין פאָטער. אויפן הויף, ער זאָגט מיר: טו דאָס, טו יענץ, אָט אַזוי ווי איך. און דאָס, וואָס ער מאַכט לייכט און גוט, קומט מיר אָן שווער, און איך מאַך עס שלעכט. דאָס וועט אַזוי לאַנג מוזן דויערן, ביז כ׳וועל זיין אַזוי גרויס ווי ער.

י. — אָפּטמאָל זאָגט ער צו מיר: גיי אַביסל אַרויס. ער זאָגט עס מיר דערפאַר, ווייל כ׳בין יונג.

יא. — איך גיי אַרויס גלייך, איבער פעלדער און טאָלן, באַזייט מיט שטיינער, איבער בערג, וואָס דערווייטערן זיך כסדר, כ׳גיי פאָרויס מיט ריזן-שפּריינן.

יב. — די בערג אויף דער אַנדערער זייט ים, איינגעהילט אין שוואַרצן, בלישטשען פון דער ערד-סמאָלע, ווו די זון רייסט אַרויס גאַנצע הויפנס ווייסקייט. זיי צווינגען מיך תמיד איך זאָל זיי באַטראַכטן. דאָס זענען די שענסטע זאַכן אויף דער וועלט.

יג. — פונוואַנען קום איך, ווהין גיי איך, וואָס בין איך? איך וויס נישט. אָבער די אומאָרדענונג פון די פעלזן און וועלדער, באַגייסטערן מיך נישט אַזוי שטאַרק, ווי די גערטנער, וואָס ליגן אויסגעצויגן, ווי בילדער אויסגעמאָלטע, ווי די פאַרטראַכטע לאַנדווירטשאַפט, ווי די אָרעמע ערד, מיט איר גאַנצן אויסגערייניקטן אינגעווייד.

יד. — און מער פון די גערטנער האָב איך ליב די הייזער, און איך גיי יעדעס מאָל צוריק אַהין, ווו ס׳זענען פאַראַן הייזער.

טו. — די זאַכן פון דאָרף דערציילן מיר אָן אויפהער: מיר זענען אַזעלכע. די פעלזיקע וועגן (מיר קאָנען שטאַרבן, די פאַרגייענדיקע צייט טויט אונדז), די גרויע פירעקן, מיט פאַלמען-ביימער באַדעקט. דער וואַסער-פאָנטאַן מיטן ווייסן שטיין, וואָס באָדט זיך אין וואַסער און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ באַרג ווייסע שטיינדעלעך. איך קוק זיך אַרום: אַ געפּילדער פון די קינדער, וואָס אַרבעטן ביים שפּילן זיך; די פרויען אין בלויע שלייערס, וואָס די זון וואַשט אָפּ פון זיי די בלויקייט און זיי פאַרוואַנדלען זיך אין הימלישן געוועב. אויף דער קלאָרער ערד רוט די זון, און ווי מחנות הענט זענען די בלעטער, וואָס הענגען אַראָפּ פונם גרויסן פייגנבוים, דעם רונדיקן פייגנ-

בוים, וואָס איז, ווי דער קאָפּ פונם דאָרף. — טיילמאָל אנט־שטייט אין איינעם פון די הייזער אַזאַ טומל, אַז דאָס הויז טרייסלט זיך אינגאַנצן (אחוץ די ווענט) אונטער זיין פּאַלמע, און מ׳זאָגט: שמואל איז געשטאָרבן, אָדער גאָר: צוער האָט חתונה. פונדערווייטנס אָבער דאַכט זיך דיר, אַז אין יענעם הויז, ווו ס׳איז עפּעס געשען, איז לחלוטין שטיל. אַזוי איז עס.

טז. — ס׳פאַרגלוסט זיך מיר — צו גיין אַהיים, אינם הויז פון מיין ברויט.

יז. — אין אונדזער הויז ווערט אַ סך געטאָן.

יח. — מיין מאַמע האָרעוועט פאַר אונדז שטענדיק. זי איילט זיך, תמיד פאַרסאַפּעט, באַלאָדן מיט דער שווערער שליחות פון אַ מוטער, ווייל די לאַסט פון דעם גאַנצן בני־בית פאַלט אויף איר, און זי האָט ליב די אַרבעט. די שעהן פון מאָל־צייט טרייבן זי, און דער שווערער עול פון ריייניקן פּלאָגט זי פון אַלע זייטן.

יט. — מיין מאַמע, די פאַרדאגהטע האָט מיר איינמאָל אָנגע־וויזן אויף דער שטאָל און שטיל געשעפּטשעט: דאָרט ביזטו געבוירן געוואָרן.

כ. — דאָרט, איינמאָל ביינאַכט. שטרוי, ערד, פינסטערניש־און אויפן הימל — .שטערן.

כא. — זי האָט געזיפצט דערביי, די מוטער מיינע, אַוועקגע־זעצט זיך אַ מידע, אַן איינגעהויקערטע.

כב. — איר שוואַרצער שטערן, געקנייטשט אונטער דעם שוואַרצן שלייער, איר יידיש פּנים, אירע פאַרשטויבטע פינגער פון די פיס.

כג. — איר בלוט, וואָס פליסט, פליסט אין אירע אָדערן.

כד. — מיין טאַטע איז זייער אַלט. טיילמאָל באַוועגט זיך זיין קאָפּ פון זיך אַליין. ער איז זייער קאַרג אין ווערטער. מער פון אַלץ פאַרלאַנגט ער, מ׳זאָל זיך האַלטן ריין און

זוי ווייט-מעגלעך אויסמיידן שמוץ, ווייל ער זאָגט, אַז ריינקייט איז אַ גרויסע התחלה. ער איז שוין יאָרן לאַנג אַ טישלער. ער איז שוין אַזוי לאַנג טישלער, אַז זיינע הענט זענען שוין פון האָלץ.

כה. — און פון מענטשן זענען מיר ליבער די אָרעמע.

כו. — אין איינעם אַ טאָג איז אַן אַלטער מאַן געקומען פון אַ באַרג און געגאַנגען צו אַ צווייטן באַרג, (ווייל די מענטשן דערגרייכן בערג), און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אונדז פאַר זיין ווייטערדיקן וועג. איך האָב געהאַלטן, אַז ער איז גרעסער פון אונדז. ער איז געווען דער, וואָס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם סוד פון מענטש, דעם סוד, וואָס מ׳קען אים נישט, און דאָך קען מען אים יאָ. דאָס אָרט אינדרויסן, פאַר דער טיר, וווּ ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מקום קדוש.

כז. — ער האָט אויסגעזען נבזהדיק און מיאוס. זיין שאָטן איז געווען ברודיק. ער האָט נישט געקאָנט רעדן.

כח. — זיין נשמה איז געווען געליימט, ווייל ס׳האָט איר פאַרפעלט ווערטער.

כט. — די ווערטער זענען נאָר געווען אין זיינע אויגן און אין די קנייטשן אויף זיין פּנים.

ל. — מ׳האָט געזען דעם גרויסן ווערט פון די ווערטער און דעם שטאַרקן רושם, וואָס זיי האָבן געמאַכט.

לא. — פון אַלע באַשעפענישן, זענען מיר ליבער די חיות.

לב. — איך זאָג עס, ווייל ס׳איז אינדעראמתן אַזוי.

לג. — איך האָב זיי גוט באַטראַכט, איידער כ׳האָב נאָך גע-האַט די דרייסטקייט, אויפצוהייבן מיינע אויגן פון דער ערד, כדי צוקוקן אין די פּנימער פון די קינדער און מענטשן.

לד. — אינדערפרי זענען זיי הונגעריק, פאָדערן זיי.

לה. — זיי רעדן זעלבסטפאַרשדענדלעכע ווערטער. זיי זענען אונדזער קינדערשער אמת. זיי זענען גערעכטיק.

לו. — און שטייענדיק צווישן דער זון און דער קאַריטע (אַ בערגל שטרוי ליגט אויף דער ערד און שרפהט זיך אויף דער זון), רעד איך צום אייזל אָט די ווערטער: די ביזט עפּעס אַזאַ אָרעם באַשעפעניש פון אַש-קאָליר. דו רוקסט פאָרויס דיין קאָפּ, און דער שפּיץ פון דיין מאָרדע איז אַ נעגער. דו שטייסט אויף דיינע לאַפּעס, וואָס האָבן נאָר פּיענטעס, דיין פעל איז אויסגעריבן ביז צום שטריקל, וואָס דו טראָגסט טיילמאָל אויפן רוקן אָדער אויף דיין אָנגעבלאָזענעם בויך, וואָס איז ווי אַרום געגומען אונטן פון אַ האַנט. מירביידע זענען אומבאַוווסטזיניק נאָר מיין אומבאַוווסטזיניקייט איז פאַרשטעלט, דיינס אָבער איז דורכזיכטיק.

לז. — מיר פרעגן אויך. נאָר מיר, וואָס ווייסן צופיל זאַכן ווייסן נישט קלאָר, וואָס מיר פרעגן.

לח. — דאָ, אויף דער ערד, זענען מיר די רייכע און איר די אָרעמע. מיר אָבער זענען אָרעם אין אונדזער רייכקייט, איר זענט רייך אין אייער אָרעמקייט.

לט. — און דאָס אייזל האָט געקוקט אויף מיין האַנט, וואָס האָט זיך באַוועגט איבער זיין קאָפּ און ער איז געווען אומזיכער, ווייל ער האָט קיין האַנט נישט געהאַט. זיין פעלער איז געווען, וואָס ער האָט נישט געקאָנט רעדן.

מ. — דער אַלטער מאַן, וואָס כ'האָב געזאָגט, אויב איר געדענקט, אַז ער איז געקומען פון באַרג און איז געזעסן ביי אונדז און גערוט פאַר זיין ווייטערדיקן וועג, — האָט געהאַט אַ הונט, וואָס האָט אים געפירט. ווייל זיינע אויגן האָבן זיך קוים געקאָנט עפענען צווישן די חורבות פון זיין פּנים.

מא. — אַן אַלטער הונט מיט אַן אָפּגעקראָכענער פעל, באַ־דעקט מיט אַ געדיכטן שטויב, אַ הונט, וואָס האָט נישט מער פאַרמאָגט אויף דער ערד, ווי דאָס שלעכטע מלבוש זיינס. ער האָט געקוקט אויפן מענטשן און געפונען אין אים די שלמות. ער איז געווען דער טרעגער פון אַן איינציקן בילד.

מב. — מיין אויג האָט ליבער געהאַט דעמדאָזיקן הונט, ווי דעם מענטש. ווייל דעם מענטשן קען מען נישט, אָבער דעם הונט זעט מען.

מג. — און זעענדיק, אַז דער הונט איז פאַרוווּנדעט אין אַ זייט און צעבלוטיקט, האָב איך אים מיטאַמאָל בעסער פאַר־שטאַנען. טיף אין מיין נשמה האָב איך נאָכמער געבלוטיקט. און ווען כ׳האָב זיך צו אים דערנענטערט, און ער האָט מיך אָנגעקוקט, איז עס געוואָרן אונזער שותפותדיקע ווונד: יאָ, כדי דו זאָלסט קאָנען צו מיר רעדן, לייגסטו דיך אויף די קני.

מד. — איך האָב גאָרנישט געטון פאַר אים, וואָס ליגט דאָ פאַר מיר, אַלט, ווי די שטיינער, און יינג, ווי דאָס לעבן. גיין, כ׳האָב גאָרנישט געטון; און דאָך, פאַרשטיין — הייסט אויך עפּעס טון.

מה. — און דאָ, פאַר די קליינע הייזלעך, וואָס שטייען פונ־דערווייטנס לעבן איינאַנדדער, דאָס אָרעמע שעפעלע, וואָס פאַרמאָגט נישט מער, ווי די לויטערע ווייסקייט.

מו. — און דער היישעריק וואָס זאָגט: די ערד וואַרפט אייך ארויס אינדערלופטן.

מז. — און דאָס קליינטשיקע פייגעלע, וואָס האָט פליגל.

מח. — עס זאָגט: דער הימל איז געדיכט.

מט. — און וואָס איז אַ גלעקל.

נ. — די חיה איז ריין ביים לעבן, ווי דער מענטש איז עס גאָר — בעתן טויט.

בא. — וואָרום, ווי כ'האָב שוין געזאָגט; אונדזער אומבאַוווּסט־זיניקייט איז אַנטשטאַנען מיט דער נאַכט, אָבער זייערער — מיטן טאָג.

בב. — גליקלעך זענען די אָרעמע אין גייסט, צו זיי געהערט דאָס הימלעשע קעניגרייך.

צווייטער קאַפּיטל

א. — און איך האָב ליבער די נאַכט, ווי דעם טאָג.

ב. — די נאַכט פאַרשטעלט פאַר אונדז אַלעמען די זאַכן, וואָס געפינען זיך אינדערהויך. זי צעשטערט די געזעענע מניעות, די בייזע גערעטעניש פון שעהן, און אַלע איבערפלעכלעכ־קייטן פונם טאָג. די נאַכט איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז ווינ־ציק פאַר אונדז. איך האָב ליבער די נאַכט: דאָס אָרעמע ליכט.

ג. — וואָס קערט זיך אום צוריק.

ד. — די שעמעוודיקע נאַכט ווייזט דעם אמת. און אונדזערע הערצער שטייען נאָך אַלץ אין שאָטן.

ה. — דידאָזיקע פאַרבנלאָזע קעגנוואַרט איז אַ שטאַרקערע דערשיינונג, ווי דער ברענענדיקער סנה, וועלכן דער גרעסטער פון אונדזערע אבות האָט געזען אויפן באַרג.

ו. — תּחילת, ווען משה האָט געציטערט, האָט ער נישט גע־וואַגט צו באַטראַכטן, וואָס דאָס איז אַזוינס.

ז. — און אויב מ׳פלעגט מיר אינם טאָג־ליכט זאָגן: באַוווּנ־דער דאָס, אָדער יענץ, ענטפער איך זיך טיילמאָל, ווען דער שאָטן איז געקומען ביי מיר אַוועקנעמען דעם טאָג: ניין, איך וועל נישט באַוווּנדערן, ווייל דאָס אָדער יענץ איז נישט אמת.

ח. — ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, בין איך צוריק אַהיימגע־גאַנגען צו מיין פאָטער און מוטער, נישט ווייט פון מיין טיר

האָב איך געזען שטיין אַ יינגל, וואָס איז געווען כמעט אין איין עלטער מיט מיר, ער איז געווען דאַר, הויט און ביין.

ט. — ער האָט מיך געפרעגט: האָסטו ליבער דיינע עלטערן מער פאַר אַלץ אויף דער וועלט? יאָ, האָב איך אים געענטפערט. ער האָט אויסגעשריען: ניין!

י. — און ס׳האָט אויסגעזען, ווי מיר וואָלטן זיך צוזאַמענגעשטויסן און איינגעריסן ביז די טיפסטע וואָרצלען, וואָס מיר האָבן אין דער ערד. נאָכדעם איז ער פאַרשוווּנדן. ער איז נאָר געווען דער, וואָס האָט געזאָגט: ניין.

יא. — שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען יוחנן, דער זון פון זכריהן.

יב. — ביינאַכט זענען מיר געווען אין שטוב.

יג. — איך האָב ווידער געזען דעם קאָפּ פון מיין פאָטער, וואָס וויגט זיך הין און צוריק, דעם אַקסל פון מיין מוטער, געבויגן אונטער דעם שווערן עול פון טאָג.

יד. — היות אין שטוב האָט מען גאָרנישט געקאָנט טון נוצלעכס, האָט מען סתם גערעדט. מיינע עלטערן האָבן גערעדט פון די שכנים, פון די שכנימס שכנים און וועגן אַלע מענטשן פון דאָרף. זיי האָבן זיי באַרעדט, מקנא געווען און געזאָגט: טודרוס האָט דאָס געטאָן, אָדער: צפורה האָט אַזוי געמאַכט. פאַר וואָס מאַכן מיר אויך נישט אַזוי?

טו. — און איך האָב געזען, אַז איין משפחה וויל פאַרטיליקן די אַנדערע. אין יעדערער איז פאַרזייט דאָס קערנדל פון קאַמף און קנאה.

טז. — און אָט, האָט די נאַכט איינגעהילט אין שוואַרצן די טיר פון אונדזער שטוב. אָבער אינדעראַמתן האָט זי געעפנט די טיר און אויסגעמישט זי מיט אַלץ. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דורך דערדאָזיקער אָפענער טיר גיי איך אַרויס פון

שטוב, און אַז איך לאָז זיך גיין צו אַלע אַנדערע, צו די מענטשן פון צייט און רוים.

יז. — מיין טאַטע, מיין מאַמע, אפשר זענט איר גאָרנישט מיינע ריכטיקע עלטערן, צו וועלכע איך געהער. דאָרט אינדרויסן, זענען פאַראַן מענטשן, וואָס זענען גיכער מיינע עלטערן, ווי איר, און דאָך זענען זיי נישט מיינע עלטערן. איך בין נישט געקומען צו אייך. אָט דער, וואָס גייט צו מיר, איז מיין ברודער. ער פרוווט ווערן מיין ברודער, איידער ער האָט נאָך אַ נאָמען. און ווען איך זאָג: מיין ברודער, רוף איך אין דער ווייט.

יח. — שטאַמט טאַקע אַלץ פון מיר, אפילו מיינע קרובים?

יט. — צומאָרגנס האָב איך געזוכט יוחנן בן זכריהן, כדי אים צו דאַנקען. ווען ער וואָלט נישט געווען געערדט מיט מיר, וואָלט איך נישט געוואַגט צו האָבן אמונה אין דעם, אין וואָס איך גלויב.

דריטער קאַפּיטל

א. — דער רבי איז געשטאַנען אינמיטן מאַרק צווישן די תּלמידים מיט אַ ספר אין דער האַנט און קלאָר געמאַכט פאַר זיי די גאַנצע וויסנשאַפט און אַלע פּאַסירונגען, ווי אַ הויפן קליינע שפּילצייג אויפן מאַרק.

ב. — ס'איז נויטיק, אַז די קינדער זאָלן לערנען די וועלט, ווייל יעדעס קינד איז דער משיח פון אַ מענטשן.

ג. — דער גרויסער פייגנבוים קוקט זיך צו, נישט קוקנדיק און פון דער אַנדערער זייט באַוועגט ער זיך אויף דער ערד מיט זיין שאָטן.

ד. — דער לערער איז ווי אַן אָנפירער פון ליאַלקעס, וואָס ער באַוועגט.

ה. — ער לערנט מיט ז״י, אַז דאָ אויף דער ערד עקזיס־טירט / נישט קיין אַנדער פאָלק, אויסער דאָס פאָלק ישראל. און לערנען געשיכטע פון די אומות העולם איז מער זינד ווי האָדעווען חזרים.

ו. — ער איז אַזוי ווייט ייד, אַז ער איז ממש קראַנק דערפון.

ז. — ער מאַכט קלאָר פאַר זיי די משפטים, און ער באַפעלט זיי איבערצוחזרן: כפתור, כתים, אופיר.

ח. — און די תּלמידים חזרן איבער די ווערטער פלייסיק

כדי זיי צו קאָנען אליין לייענען: צענמאָל, צוואנציקמאָל נאָכאנאנד.

ט. — איינמאָל איז אָנגעקומען אַ רוימער, אַ פריינט פון די יידן. ער איז געווען אַ גוטער מענטש, כאָטש ער האָט גע-שטאַמט פון רוים. ער האָט זיך דערנענטערט, אראָפּגעלאָזט זיין קלאָר פּנים צו דער ערד און געפרעגט: וואָס איז דאָ?

י. — דער רבי האָט אָפּגעענטפערט מיט שטאָלץ: מיר רעדן וועגן זייער ווייטע שטעט.

יא. — און דער רוימער האָט אָפּגעענטפערט: זיי זענען נאָך קיינמאָל און אין ערגעץ נישט געווען.

יב. — אָבער אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט דער רבי אָנגעוויזן מיט זיין פינגער אין ספר, וווּ ס'איז געווען געשריבן וועגן די-דאָזיקע שטעט.

יג. — מיר האָט זיין פינגער עדות געזאָגט, אַז יעגע אותיות האָבן אַ טרוקענעם אינהאַלט.

יד. — ווייל, מ'שרייבט דאָס, אין וואָס מ'גלויבט. דערנאָך גלויבט מען אין דעם, ווייל ס'איז אָנגעשריבן. דאָס וואָרט איז אַ צייטווייליק וועזן, וואָס האָט זיך זיין צייט, און עס שטאַרבט פּונקט ווי אַלץ, וואָס לעבט. און די ביכער זענען בית-עולמס פון ווערטער.

טו. — די אָנגעשריבענע ווערטער זענען פאַרברענט.

טז. — און דער אמת, וואָס גוייטיקט זיך אין די ווערטער, האָט זיי ליב, אָבער די ווערטער האָבן פיינט דעם אמת.

יז. — און זיין פינגער האָט מיר באַוויזן, אַז די ספרים וועל-כע דערציילן די אכזריותדיקע געשיכטעס פון מענטשלעכע ליידן און די יעניקע, וואָס לייענען זיי אויפן קול פאַר אַנדע-רע, ווייסן נאָר פון זיי די קליינע זאַכן און נישט די גרויסע.

יח. — די קליינע זאַכן, מיינט מען: די הערשער, וואָס האָבן

עקזיסטירט אָדער נישט עקזיסטירט, פון שטעט וואָס זענען חי וואַסערן אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד, פון נעמען, וואָס זענען פאַרשווונדן, ווי דער ווינד; מען ווייסט נישט פונוואַנען און וווהין.

יט. — און נישט די גרויסע זאַכן, — מיינט מען: אז תמיד און אומעטום איז מענטש מיט מענטש גלייך.

פערטער קאַפּיטל

א. — אין בית המדרש שטעלן זיך אויף די, וואָס קענען דאַווענען.

ב. — איך אָבער בין נאָך קליין און קען נאָר שטיל דאַווענען

ג. — איך הער שוין אָבער אויס מיט התמדה.

ד. — איך זיץ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, כדי בעסער צו הערן. איך באַטראַכט מיין האַנט, וואָס ליגט אויף דער קני, דעם פינגער, וואָס איז פאַרוואונדעט פון אַ קלאַפּ מיטן העקל.

ה. — דעמאָלט, קוקנדיק אינדערהויך, זע איך דעם וואָס איך הער.

ו. — אינדרויסן זעט מען יידן און ווייבער, מ'דערקענט זיי לויט דער קאָליר, לויט זייערע בליקן און גראָבע פינגער וואָס באַוועגן זיך. דאָ זעט מען די נשמה פון דער ראַסע.

ז. — די מורא פאַר גאָט, איז דער כוח פון אַ מאמין.

ח. — מיר, די אַלע, וואָס זענען דאָ פאַרזאַמלט, זענען גע־קרוינט און צוזאַמענגעבונדן מיט אייגאַנדער דורך דערדאָזיקער גאָטספאָרכטיקייט.

ט. — מ'דאַוונט. איך טראַכט וועגן די גרויסע טעג פון נחמיהן.

י. — דאָס איז דאָס אָרט אין אונדזער געשיכטע, וואָס איך האָב צום ליבסטן.

יא. — בעת עזרא מיט זיינע תּלמידים איז אָנגעקומען פון בבל קיין ירושלים און האָט דערזען, אַז דער דור פון בית־המקדש־צייט האָט פאַרגעסן די תורה, און ווען דער פאַר־צווייפלטער עזרא האָט פאַרגעוואָרפן דעם גאַנצן פאָלק די זינד, האָט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל חרטה באַקומען און תשובה געטון — און אָנגעהייבן אויפסניי זיין גורל אויף די חורבות פון זיין זינדיק גליק.

יב. — די התחלה איז געווען אַ שווערע און אַ גרויסע. און דאָך האָט זיך גאַנץ ירושלים פון גרויס צעפרידנקייט זיבן טאָג געצירט אין בלעטער. אומעטום זענען אויסגעשטעלט געווען מזבחות פון איילבערט־צווייגן, מירטן און לולבים: אויף די דעכער פון די הייזער, אין די הויפן און אין פּאַליש פון בית־המקדש.

יג. — וואָרום דאָס פאָלק ישראל פאַרמאָגט דעם כּוח פון חרטה און קען חוזר בתּשובה זיין.

יד. — און אַן אייביקער פרילינג אין זיין נשמה.

טו. — ער זינקט אין עבירות, אָבער ער קען חוזר בתשובה זיין.

טז. — זיינע געוויסנס־יסורים זענען אומברחמנותדיק.

יז. — און ער איז דורכדעם אַן אויסנאַם צווישן די פעלקער.

יח. — אויך איצט שטייען מיר פאַר אַן ערנסטע שעה פון אונדזער שותּפתדיקער דראַמע.

יט. - פון אַלע זייטן טראָגט זיך היינט צו אונדז די גרויסע בשורה.

כ. — די טעג זענען נאָענט. די אַלטע וועלט גייט אונטער.

כא. — זיי זאָגן: געקומען איז דער סוף פון דער צייט און אויסגעשלאָגן האָט די שעה פון אויפשטאַנד. אין די פינסטער־

נישן פון דער ערד וועט אויפשיינען דער רעגנבויגן פון גע־
רעכטיקייט.

כב. — און דעם קאָפּ אויפגעהייבן, לעבן זיי מיט דער האָ־
פענונג אויף ישראלס גאולה.

כג. — אַ בת-קול וועט זיך טראָגן פון ציון, און דער גאָט
פון גערעכטיקייט וועט אויסמישן מיט שטויב די מלוכות פון
דער ערד, וואָס זייער גאווה שטאַמט פון שטן, און אַ גרויסע
דערנידערונג וועט פאַרקומען אויף דער ערד. אזוי איז אונדז
אָנגעזאָגט געוואָרן אין די ווערטער פון די מלאכים.

כד. — ווייל, זאָגן זיי, אונטן איז דער אָפּגרונט, דאַן גייט
די אונטערערדישע וועלט פון די טויטע, דערנאָך די ערד,
וו די מענטשן גייען פאַרביי, דאַן די לופט, און די געוועל־
בונג, צעטיילט פון שטן און זיינע מלאכי-חבלים. דערנאָך די
זיבן שטראַלנדיקע הימלען, באַזעצט פון מיליאָנען מלאכים
און פון די הערשאַפטן און פון די מאַכטן אַרום די זיבן טראָ־
נען. דאַן וועט פון דער העכסטער הויך פונם זיבעטן הימל
זיך אָפּרייסן משיח, דער גליענדיקער טייל פונם איינציקן טראָן,
וואָס וועט אַראָפּפאַלן אויף דער ערד און אין שיין זיך אויפ־
הייבן, אין דער גאַנצער געשטאַלט פון גאָט.

כה. — דער משיח פון הימל וועט האַלטן אַ קאָסע אין זיין
האַנט און שניידן די ערד. ער וועט פאַרפאָלגן דעם שולדיקן:
אפילו ער זאָל זיך באַהאַלטן אין דער טיפעניש פון ים, האָט
גאָט געזאָגט, וועל איך אָנשיקן אויף אים די ווילדע חיה;
דאָס פאַרזעעניש אים צו כאַפּן. אויב ער וועט זיך אויסמישן
מיט די מענטשן, וועל איך שיקן אַ שווערד אויף זיין האַלדז;
אויב ער וועט אַרויף אין הימל, וועל איך אים אַראָפּנידערן;
אויב ער וועט אַראָפּ אין קבר, וועל איך אים אויך פון דאָרט
אַרויסציען.

כו. — די קעניגרייכן וועלן אָפּגעמעקט ווערן. די, וואָס וועלן געוועלטיקן מיט פעלקער, וועלן אַליין זיי אויפצאָרענען. די הימלען וועלן פאַרשווונדן, די אינדזלען וועלן אַנטרונען ווערן און פון די בערג וועט קיין זכר נישט בלייבן. קומען וועט אַ טאָג פון פאַרביטערונג און פחד. די זון וועט ווערן שוואַרץ. די ריטער און די געשפּענסטער וועלן זיך באַגעגענען אין די הימלען און אין די הויכע וואָלקנס. ווייל אין יענעם טאָג וועט די ערד צוריקגעבן די טויטע, און דער גיהנום וועט באַפרייען די זינדיקע.

כז. — און דער העלד פון דעם אויפשטאַנד וועט אָנהייבן אַ נייע תקופה. דאָס פאָלק ישראל וועט דערהייבן ווערן העכער ווי די אָדלער אין הימל. די שטערן וועלן זיבן מאָל שטאַרקער באַלייכטן די גערעכטיקע, און דער אייביקער וועט שליסן מיט אונדז אַ בונט פון גליק.

כח. — דאָס איז דער חלום פון אונדזער פאָלק (ווייל די בילדער, וואָס אַ מענטש שטעלט זיך פאָר, זענען ווי די חלומות פון אַ מענטשן: שטיקער פון זיין וועזן).

כט. — מיר, וואָס אונדזערע האָפענונגען ווערן צעבראָכן איינע נאָך דער אנדערער, מיר זענען דאָס פאָלק פון בטחון, דאָס מענטשן-פאָלק.

ל. — דאָס אומגליק האָט אונדז געמאַכט דאָס, וואָס מיר זענען; און ס'האָט נאָך נישט אויפגעהערט.

לא. — און דאָס שרייען מיר טאַקע; מיר, וועלכע שלאָפן נאָך=

לב. — אויף די וועגן, איבער וועלכע איך גיי אַהיים, לאָזט זיך אַראָפּ די שקיעה-זון. די מענטשן טראַכטן וועגן דעם אויפשטאַנד.

לג. — איינער זאָגט: גלויבסטו, אַז שוין מאָרגן קומט זי, די רעוואָלוציע? און דער אנדערער זאָגט: דאַכט זיך, אַז שוין מאָרגן.

לד. — און זיי אַלע קוקן טיף אין היכל אַריין, אויף דער זון, דעם שופט פון דער וועלט.

לה. — אָבער חוצדעם איז יעדערער פאַרנומען מיט זיין אַר־בעט און מיט זיין פאַמיליע. יעדערער האָט גלייכצייטיק פיל האָפענונגען, וואָס שיידן זיך אונטער פון איינאַנדער.

לו. — און גיי איך פאַרביי דאָס אָרט, וואָס איז געווען א נעסט פון תלמידים, הער איך אויס די, וועלכע זיצן פחדנותדיק אונ־טער די בליקן פונם לערער און דרימלען (פאַרזשמורן די אויגן און גענעצן); איך הער די אַלע צוזאַמען איבערחזרן כפתור, כתים, אופיר.

לז. — ווייל מען לעבט אין די מינוטן, טראָפן ביי טראָפן.

לח. — און אַרום דעם גרויסן פייגנבוים שטייט, פאַר יעדער טיר, אַ קלענערער פייגנבוים.

לט. — וועמענס פירות זענען וואָרעם ווי אַ האַנט.

מ. — און יעדער פון די פייגנביימער דרינגט אַריין אין יע־דער פאַמיליע.

מא. — איינמאָל באַנאַכט, אין אַ נאַכט פון אַלע נעכט, וואָס קיינער נעמט זי נישט אַוועק, און דאָך גייט זי פאַרלוירן, האָב איך זיך פאַרן שלאָף געשטעלט די פראַגע: וואָס פאַרלאַנג איך?

מב. — איך האָב דערפילט אין זיך אַן איבערקעניש, ענלעך צו דער רעוואָלוציע.

מג. — דער טיפער תהום פון מיינע אבות שריי׳ט אין מיר.

מד. — מ׳ווערט באַשאַפן, כדי צו טאָן גערעכטיקייט!

מה. — מ׳ווערט באַשאַפן, כדי צו פאַרטיליקן די פאַלשקייט.

מו. — ס׳שטייט געשריבן: פון דער ערלעכקייט וועל איך מאַכן אַ געזעץ און פון דער גערעכטיקייט אַ גלייכן וועג.

מז. — און אַ קוואַל!

פינפטער קאפיטל

א. — מען טייטלט אויף אים מיטן פינגער, מען גיט אים אָפּ כבוד, מ׳זאָגט: רבי, רבי... צו מיר זאָגט מען: דאָס איז ער האָרך אים, קליינער, גיי אין זיינע דרכים, ער איז א גרויסער געלערנטער.

ב. — איך ענטפער: ניין.

ג. — ווייל אזא גלויבן איז געצנדינערײ.

ד. — פון מיר אליין מוז זיך שאַפן דער גלויבן אין מיין לע־רער, נישט פון דעם, וואָס יענער זאָגט מיר.

ה. — יעדערער מוז זיך אויפסניי שאַפן, פולשטענדיק שאפן: זיין גלויבן, זיין בטחון.

ו. — זיין צוטרוי צום אנדערן.

ז. — און זיין צוטרוי, דאָס הייסט: דאָס גרויסע עשירות, וואָס מ׳פארמאָגט, ווען מ׳האָט גאָרנישט.

ח. — נישט פון א נאָמען דאַרף מען זיך באַגייסטערן, נייערט פון דעם פשוטן וואָרט פון פאָלק.

ט. — דאָס איז נישט דער היליקער לערער, וועמען איך מוז נאָכפאָלגן,

י. — נאָר דאָס איז ער.

יא. — מיין אומבאַגרייפלעכער ברודער.

יב. — ער איז געקומען צו מיר.

יג. — זייער ענלעך צו מיר און הויך, ווי איך: יוחנן, דער דער זון פון זבדיהו.

יד. — איך בין אויך צו אים געקומען.

טו. — מיר האָבן זיך דערוויטערט פון אַלע, איינער איז גע־גאנגען אנטקעגן דעם אנדערן.

טז. — מיר האָבן גערעדט איינער צום צווייטן.

יז. — רעדן הייסט: צו עמעצן.

יח.— אין די ווערטער צו אַ פריינט ליגט דער אמת פון דער רעאַלער קעגנוואַרט.

יט. — מ'דאַרף דיך האָבן, כדי דו זאָלסט זיך צוהערן, דו זאָלסט באמת זיין דו, און כדי זאָלסט זיך ווידער דערקענען.

כ. — בעת דו ביזט דאָ, קום איך צווישן אונדז ביידן.

כא. — די ווערטער, וואָס דו רעדסט אַרויס, זענען זיס צומיין גומען.

כב. — בעת איך זע דיך שלאָפן, און דער שלאָף מאַכט דיך אומבאַוועגלעך און פאַרשלאָסן, און אַז דיין קעגנוואַרט איז שוין מיר נישט דיין קעגנוואַרט, באַקום איך מורא פאַר דער צייט, וואָס גייט אוועק.

כג. — ווייל דער שלאָף איז דער פרילינג פון טויט.

כד. — פאַר דיר עפן איך נאָכאַמאָל מיינע אויגן. פאַר דיר פריש איך אָפּ מיין האַרץ און איך געפין מיינע פריינד, אַז איך בין מיין נביא.

כה. — און איך דאַנק דיר פאַר אַלץ

כו. — אז כ'האָב געזען יוחנן, דעם זון פון זבדיהו, האָב איך אים פאַראַמאָל אַרויסגעזאָגט, וואָס איך האָב געוווסט:

כז. — אפילו מ'איז אָרעם, אויסגעמישט מיט אַלע אָרעמע, אי־מען באַשאַפן צו זען, ווי אַ מלך.

כח. — כדי צוריקצונעמען פאַר זיך דאָס, וואָס מ'האָט אוועק־געשאָנקען דעם חלל.

כט. — מ'איז באַשאַפן פדי, צו רעדן.

ל. — אַט: יוחנן קומט פונדערווייטנס, אָדער פון בלויען ווינקל פון זיין צימער, צי גאָר פון דער שוואַרץ-ווייסער קווער=גאַס, ער קוקט אויף מיר: ער וועט מיט מיר רעדן.

לא. — איך ליב אים מיט דער גאַנצער אומבאַוווסטקייט פון מיין הארץ.

לב. — ס'איז פאַראַן א צווייטע ליכטיקייט.

לג. — וואָס געפינט זיך נישט אין הימל,

לד. — נאָר אין די קעפ און אויף די פנימער.

לה. — איך בין נאָר א זון פון מענטש, צו וועמען גאָט האָט געזאָגט: דיין פנים וועל איך מאַכן שטרענגער, ווי זייערע פנימער.

לו. — אָבער דעמאָלט ווען מ'וועט מיך דערקענען, און מען וועט מיר זאָגן: זע, דאָס איז דער מענטש.

זעקסטער קאפּיטל

א. — לענגאויס דעם מויער איז געשטאַנען אַ שטיינערנע באַנק.

בּ. — איבער איר זענען געוואַקסן דערנער, און ווער ס'איז געזעסן אויף דער באַנק (מ'האָט אויך געקאָנט זיצן אין צווייען), האָט געהאַט אַ קרוין פון דערנער איבערן קאָפּ.

ג. — דאָרט פלעג איך טיילמאָל ביינאַכט טרעפן זיצן דעם אַנדערן יוחנן: דעם זון פון זכריהן.

ד. — און דאָרט האָב איך איינמאָל צו אים געזאָגט: אַלץ קאָן נאָר אין פרייד געטאָן ווערן.

ה. — יאָ, האָט ער געזאָגט, אין פרייד און אין ווייטיק.

ו. — וואָס רעדסטו! ווי אַזוי קאָן דאָס גוטע געטון ווערן מיט טרויער!

ז. — איך האָב נישט געזאָגט: טרויעריק זיין, איך האָב געזאָגט: ליידן.

ח. — ניין, האָב איך געזאָגט. די זאַכן מוזן זיך שאַפן פון זייער אייגענעם רייץ, און אין רויקייט; די געשעענישן מוזן זיין דער טאַנץ פון די זאַכן.

ט. — ער האָט געזאָגט: ניין! אַלץ וואָס מאַטערט זיך, און אפילו דער ערשטער געשריי, וואָס מאַטערט זיך, רייסט זיך אָפּ. און פאַרשאַפט ליידן דעם, וואָס מאַטערט זיך.

י. — און דעם גאַנצן שטח אַרום.

יא. — איך האָב געזאָגט: דער שלום וועט דורכן שלום קומען.

יב. — ער האָט געזאָגט: ניין!

יג. — ס׳געפינען זיך אַזעלכע, האָב איך געזאָגט, וואָס באַנוצן אכזריות, און אזעלכע, וואָס באַנוצן מילדקייט.

יד. — ניין, ס׳זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן רעכט און אַזעלכע, וואָס זענען נישט גערעכט.

טו. — איך בין געוואָרן אומצופרידן און כ׳האָב זיך אויפגעשטעלט, כדי אים צו פאַרלאָזן. ווייל דער שאָטן פון יענעם ווינקל האָט מיך געמאַכט ציטערן פון קעלט.

טז. — וווהין גייסטו, קליינער?

יז. — צום ווערק פון גוטס.

יח. — ער האָט ווידער געזאָגט: ניין, און בעת איך בין אַוועקגעגאַנגען, האָט ער צו מיר געזאָגט: אַ סך טעג וועלן אַוועק, און אין איינעם אַ טאָג וועסטו אַהער צוריקקומען.

זיבעטער קאַפּיטל

א. — די נסיעה קיין ירושלים.

ב. — כּדי אָנצוקומען קיין ירושלים, דאַרף מען דורכוואַנדערן טאָלן און בערג.

ג. — ס'זענען נאָך פאַראַן אויף דער וועלט אַ סך אַנדערע טאָלן און אַ סך אַנדערע בערג.

ד. — מיין הויז איז דאָס דאָרף פון דאָרף. אָבער מיין לאַנד איז נאָר אַ דאָרף אויף דער ערד.

ה. — אויפן וועג צווישן ים און אפרים, האָבן מיר געזען די געטין עשתורת, געמאַכט פון האָלץ. זי איז געשטאַנען אין אַ הויף פון אַ סירישן מאַן מיט נאָמען חנניה.

ו. — דידאָזיקע געטין, וואָס האָט געהאַט אַ פּראַכטפולע געשטאַלט, האָט געטראָגן אויף זיך אַ גרויסן בלויען מאַנטל, פול מיט שטערן. זי האָט געהאַט אַ גאָלדענע קרוין. אין אירע אָרעמס האָט זי געהאַלטן אַ קליין געטלעך קינד. אויך פון אויסער־געוויינלעכע אָרעמען און אויך געהאַט אַ גאָלדענע קרוין. איבער זיי האָט געשוועבט דער געטלעכער פויגל. אַלץ איז געווען בלוי און פון גאָלד, אין הויף פון חנניה.

ז. — מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם הויף. ס'זענען מיטגע־גאַנגען מיינע גרויסע רייזע־חברים און צווישן זיי מיין פאָ־

טער. די לעצטע איז געגאנגען מיין מוטער, און וועלכער איך האָב זיך אָנגעהאַלטן.

ח. — אַלע יידן האָבן זיך האַסטיק אָפּגעקערט פון דעם אָפּגאָט.

ט. — אויך מיין מוטער.

י. — אָבער זי האָט עס געטון זייער געלאַסן.

יא. — און זי האָט אָפּגעזיפצט און געזאָגט: אָ, ווי שיין זי איז. זי האָט גליק.

יב. — זי האָט זיך אויסגעדרייט. זי איז געווען אַ פרומע יידענע.

יג. — אבישי פון כרמל האָט געזאָגט: איינמאָל אין אַ טאָג (הלוואי וואָלט ער נישט געווען), האָב איך געזען געצנדינער אָפּריכטן זייערע תפילות. פאַר דעם מזבח איז געשטאַנען אַ פּערסישער הייליקער, וועלכער האָט געהאַלטן אַ כוס, מכבד געווען אַנדערע און אַליין געטרונקען. ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ קיילעכדיקן קוכן פון מעל, געבאַקן אָן הייוון. ער האָט עס געשלונגען און געזאָגט: אָט דאָס, וואָס איך עס, איז דאָס לייב פון גאָט מיטראַ.

יד. — מיר אַלע, וואָס האָבן דאָס אויסגעהערט, האָבן אויסגעשפּיגן פון פרומקייט.

טו. — דער בית המקדש.

טז. — צום ערשטן מאָל האָב איך דערזען דעם ריזיקן, כיר־עקיגן בנין.

יז. — ער איז געווען ניי, נאָכמער, ווי ניי: נאָך נישט אַ־ גאַנצן פאַרענדיקט.

יח. — איך בין אַריין אינעווייניק; דער בית המקדש, וואָס דער מתפלל באַמיט זיך צו מאַכן אויפלעבן פאַר זיך אַליין.

יט. — און וואָס זיין גרויסער חלל דערציילט נאָך פון דער אמאָליקער עבודה.

כ. — אין בית המקדש זענען געווען סופרים, כהנים און מענטשן, וואָס האָבן געבראַכט קרבנות, זיי האָבן געדעט תורה און זיך געחקרנט.

כא. — זיי האָבן געזאָגט, אַז אברהם האָט געלערנט אַסטראָנאָמיע די בבלים און מצריים; און משה האָט די גריכן געלערנט פילאָזאָפיע.

כב. — דאָרט איז אויך געווען אַ מאַן מיטן נאָמען אלקנה; ער איז געווען אַ גרויסער חכם ביים פאָלק ישראל.

כג. — דערדאָזיקער אלקנה האָט געזאָגט: ס'איז געווען אַמאָל די אומענדלעכקייט פון מצריים. און שפעטער דאָס גריכנטום, וואָס האָט אַלץ פאַרקלענערט.

כד. — און צווישן זייערע געטער הערשט אַ גרויס צעמישעניש.

כה. — זיי זענען דאָס ווערק פון דיכטער, וואָס פאַרשטייען אַלץ נאָר ביז אַ העלפט, און דרייען זיך אַרום דעם אמת.

כו. — און בלויז אַ דאַנק זייער עלעגאַנץ און שלום מיט דער וועלט ווערן זיי די אויבערשטע פון שטויסל. און זיי שטעלן זיך צעפרידן מיט אַ קליינקייט, זיי שטעלן זיך צעפרידן מיט אַן אויבערפלעכלעכן שמייכל און מיט די פרוכטן פון דער לויפנדיקער רגע. און זיי פאַרשטאָפן זייער פוסטקייט מיט שיינע ווערטער און פאָעזיע און מיט פלומרשטן פאַרשטאַנד

כז. — אָבער אין דערזעלבער צייט, איז די מענטשהייט געווען צעריסן אויף שטיקער, די מענטשלעכע לייבער האָבן ווייטער זיך געפייניקט און זענען געווען פאַרשקלאַפט.

כח. — ס'איז געווען איינער, פלאַטאָן, וואָס האָט אויפגעגבויס-

דער מענטשהייט א ליכטיקע וועלט, אין די צייטן פון איינעם א גרויסן געלערנטן, וואס האט געהייסן סאָק־אַטעס.

כט. — דידאָזיקע ליכטיקייט אָבער האָט ער געבראַכט פאַרן היכל און נישט פאר דער ערד.

ל. — ס'זענען געווען רוימער, וואָס האָבן אויסגעזען אינגאַנצן ענלעך צו די גריכן; אָבער צו פיל אַרומגעשניצט, דאָס זענען געווען שופטים און הענדלער.

לא. — ס'איז אָבער פאַראַן דער גאָט פון ישראל, וועלכער איז דער שופט איבער דער וועלט.

לב. אָבער מיין פאָטער און מיין מוטער האָבן מיך אומעטום געזוכט, ווייל זיי האָבן זיך דערווייטערט, בין איך אריין צוריק אין בית המקדש; איך האָב מיך דאָרט אויפגעהאלטן, כדי אויס־צוהאָרכן די חכמים.

לג. — מיין מוטער האָט געזאָגט צום פאָטער: איך זאָג דיר, אז ער איז געגאַנגען אהין, און דער פאָטער האָט געענטפערט: גוט, מירן אויך אהינגיין. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צום בית המקדש און מיט זייערע פעק אריין אינעווייניק אין דעם מאָ־מענט, בעת די סופרים און שוחטים, האָבן, זענדיק ווי איך האָרך זיי אויס, געשטעלט מיר פראַגן.

לד. — און בעת איך האָב אָפגעענטפערט:

לה. — ס'זענען תמיד פאַראַן אָפגעטער, וועלכע מ'דאַרף צע־רייבן אויף שטויב.

לו. — זיי האָבן מיך געפרעגט. און וויבאַלד, מ'וועט דיר זאָגן פארהייליק דאָס אָדער יענץ?...

לז. — איך האָב געזאָגט: איך וועל ענטפערן: ניין!

לח. — און וויבאַלד ס'וועט דאָך ווערט זיין צו פאַרהייליקן:

לט. — צוערשט וועל איך זאָגן: ניין, און דערנאָך וועל איך ערשט זוכן די פאַרהייליקונג.

מ. — דעמאָלט האָט אלקנה געזאָגט וועגן מיר: אין אָט דעם קינד געפינט זיך די גרויסע נשמה פון ישראל.

מא. — ווייל מ׳דארף תמיד פולשטענדיק באַנייען זיין הארץ.

מב. — זיין שטימע האָט אָנגעפילט דעם בית המקדש מיט אַ וואָרט, וואָס איך האָב שוין פונלאַנג געהאַט געזאָגט צו זיך אליין.

מג. — און דאָס וואָרט איז געוואָרן פאַראייביקט.

מד. — ווען איך פאַל זאָל מיין געדאנק תמיד און אומעטום זיין אַ התחלה, ווי די באַוואָפנטע מעשים פון אברהם

מה. — אויפן וועג אהיים, ווו די וועגן האָבן זיך געקרייצט און געפירט קיין אפרת, צו בית לחם, האָב איך זיך געקוויקט אונטער דער זון און געזאָגט צו זיך אליין: דאָס לעבן איז שיין און עס זעטיקט דאָס אויג.

מו. — אָבער באַלד איז צערונען מיין פרייד, אַ בלינדער מאן איז פאַר מיר פארבייגעגאַנגען.

מז. — אָרעמער מענטש, פון וואָס ליידסטו?

מח. — פון דער שטילקייט, וואָס איך פאַרזיי. דערפון, וואָס דער שמייכל פון אַ צווייטן שוועבט פאַר מיר פאַרביי, ווי אַ פויגל און ער מיידט מיך אויס.

מט. — איך האָב אים געפרעגט: וואָס פאַרלאַנגסטו?

נ. — און דער בלינדער האָט געענטפערט: זאָלסט מיר שענקען אַ שמייכל.

נא. — ער האָט אויפגעהייבן זיין שטערן, באַלויכטן פון די שטראַלן, וואָס די זון האָט אויף אים אויסגעגאָסן. איך האָב געציטערט פאַר דעם מאַן, וואָס האָט בעסער פאַר מיר געקענט און געליבט די ליכטיקייט.

נב. — איך האָב תופס געווען פאַרוואָס די גערודפטע און באַזיגטע זעען די גערעכטיקייט.

נג. — אַלע טעמפּלען, וואָס געפינען זיך אויף דער ערד, מאַכן פון דעם חרוב געוואָרענעם — אַ טעמפּל פון ליכטיקייט.

נד. — און די גערעכטע זענען די צעקאַלעטשעטע.

נה. — ס'זענען דאָ געווען אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אויף דעם מענטן, און לגמרי' גאָרנישט געזען.

נו. — שפּעטער, גייענדיק אהיים, בין איך געווען מיד אוז איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָר

נז. — צוליב די קרבנות, וואָס איך האָב געזען.

נח. — מיין זכּרון איז געווען קראַנק און פול מיט דער שחיטה, מיט די פאַרברענטע אינגעווייד, מיטן פעטס, וואָס איז געפלאָסן און גערויכערט.

נט. — ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז די תּפילות זאָלן זיך בראָטן מיט די געמיינע ריחות?

ס. — דאָס לעבן זאָל זיך אויסמישן מיט דעם צעריסענעם פלייש.

סא. — די מענטשן דאָרט האָבן עס אויך געזען, אָבער זייערע אויגן זענען געווען בלינד.

סב. — צי הרגעט דאָס באַזיגטע פאָלק ישראל, וואָס איז אונטערדריקט און באַהערשט, אָן אויפמער די חיות;

סג. — כּדי צו שאַפן דערפון פאַר זיך אַ בלוטיק ווערק רויט ווי פּורפּור?

סד. — וויבאַלד גאָט אַליין האָט געזאָגט, אַז ער פאַרלאַנגט עס נישט.

סה. — אָנגענומען ווערט נאָר דער קרבן, וואָס מען מאַכט פון זיך אַליין.

סו. — ווען מען לאָזט פליסן דעם אמת,

סז. — ווען מען דערשטיקט אין האַרצן די אָפּגעטער.

אַכטער קאַפּיטל

א. — טעג און, וואָכן און יאָרן.

ב. — דער חשק צום לעבן גלייכט כּמעט אויס די פרימאָרגנס און פאַרנאַכטן.

ג. — אָבער איינס נאָכן צווייטן פאַלן זיי אין דער פאַרגאַנגנ־הייט. מ׳ציילט זיי, וויבאַלד מ׳וויל, אָבער די ציפערן זאָגן אָן דעם טויט.

ד. — דאָס, וואָס איז אַוועק, איז טויט און פאַרגליווערט. אפילו גאָט אַליין וואָלט נישט באַוויזן צו צעשיידן די צוויי עקן פונם בליץ, וואָס שוועבט פאַר אים פאַרביי.

ה. — יעדע נאַכט לייגט זיך איבער די טעג, וואָס זענען פאַרביי, און פאַרהילט זיי. מיר זענען תּמיד דער לעצטער טאָג, אָדער די לעצטע נאַכט פון אַלע נעכט, דער באַרג פונם גע־ירשנטן עול.

ו. — ווי יענע, וואָס זענען פון דער מדבר אַנטלאָפן און וועגן וועלכע דער נביא האָט געזאָגט נביאות: צעשפּרייט אויף די הויכע בערג פון ציון.

ז. — דער לעצטער טאָג וועט קומען, ווי אַ גנב אין מיטן דער נאַכט.

ח. — איך אַרבעט פלייסיק. זאָך גרייט צו פאַר אַנדערע.

ט. — לענגאויס די מויערן פון ווארשטאט, שטייען קרעפטי-קע און שמעקעדיקע קלעצער פון בוימער.

י. — איך האב ליב דאס האלץ, זיין אפגעשיילט הארט פליש. דעם חילוק פון איין האלץ צום אנדערן.

יא. — איך זע דורך דער טיר די דורכגייער, זיי דערווייטערן זיך וואס אמאל מער און גייען פארלוירן אין דער הימלישער ווייטקייט.

יב. — און די אויסגעקרימטע אלטיטשקע, וואס שפינט די פעדים.

יג. — אירע הענט זענען צוויי שפינען.

יד. — און קיין שום קליינע ארבעט איז נישט קליין.

טו. — מ׳דארף זיך קיינמאל נישט בייזערן ביי דער ארבעט און נישט זיין אומגעדולדיק. אנדערש וועט דיין האנט ציטערן און וועסט נישט זיין גליקלעך. א גוטער ארבעטער איז דער, וואס האט געלערנט די רויקייט. דאס האלץ דארף זיך נישט קריגן מיט די כלים, נייערט ביידע זאלן זיי זיך פארשטיין. און אז מען האט עפעס פארענדיקט, זעט מען, אז ס׳איז גוט, און מען ווערט באלוינט דורך דער קעגנווארט, צוליב דער זאך, וואס מען פארענדיקט.

טז. — איך האב אפגעטראגן צו די מענטשן טישן קופערטן און בעטן, — זאכן, וואס האבן א בויך. איך האב ארייגעדוונגען אין די שטיבער, וואס יעדע אויף איר שטייגער איז אנגעווארעמט פון היכן; איך בין געגאנגען פון שוועל צו שוועל און געזען אומדזער ענלעכקייט און אונדזער פארשידנארטיקייט

יז. — איך האב געזען, אז אלע מענטשן, וואס דערווארטן דעם אויפשטאנד, דערווארטן גלייכצייטיק נאך עפעס, עפעס אזוינס, וואס הייסט גליק. אזוי זוכן זיי צוויי גליקן מיטאמאל כדי צו זיין זיכערער.

יח.— ווייל זיי טראכטן, אַז דאָס גליק איז אַ פּאַרטיקע זאַך, וואָס איז צוגעגרייט פאַר זיי פון פריער.

יט. — איינער זאָגט: ווען איך זאָל האָבן נאָך אַ קינד!

כ. — אַ קינד, לעבן וועלכן אַלץ איז אַלט און נישט איידל. און די מאַמע זאָגט צו דעם: דו ביזט דאָך אינגאַנצן אנדערש ווי די אַנדערע (אַזוי איז שוין די געוווינהייט פון יעדער מו־טער). חוצדעם ווייסט זי, אַז די מוטערלעכקייט ענדיקט זיך שלעכט: שפּעטער, זאָגט זי, וועט עס שוין נישט זיין מיין קינד, איך וועל נאָך אָבער זיין זיין מאַמע.

כא. — ווען איך זאָל האָבן דאָס פעלד! זאָגט אַן אַנדערער. און זיי זאָגן: דעמאָלט וואָלט איך ענדלעך גליקלעך געווען.

כב. — זיי שעפּן אויס זייערע כּוחות אין דער האָפענונג זיך צוצורירן צו דעם אָפּגאָט, וואָס הייסט גליק. זיי דערוואַרטן מיט צעגליטע אויגן, אָבער בעת מעשה פאַרגייט דאָס גליק, פאַרגייט, פאַרגייט!

כג. — ווייל דאָס גליק איז נישט, ווי אונדז דאַכט זיך פון איין שטיק, נייערט ס׳איז אַ צענויפמישונג פון גליק מיט אומגליק,

כד. — וואָס איז אין אונדז.

כה. — ווייל האָפן הייסט: האָבן און נישט האָבן.

כו. — און האָבן הייסט: שוין מער נישט האָפן.

כז. — די האָפענונג איז דער שמייכל פון אומגליק.

כח. — גליקלעך זענען די, וואָס וויינען, ווייל זיי וועלן גע־טרייסט ווערן.

כט. — ווי צו די, וואָס זענען געטרייסט, ווייל זיי קענען שוין מער נישט וויינען.

ל. — דאָך, ווער ס׳איז געפּרוווט געוואָרן, דער וועט זיין גע־קרוינט. גליקלעך זענען די אומגליקלעכע, וואָס האָבן אַ סך געליבט.

לא. — און אנומלט האָט אין האַרץ פון בלינדן געלעבט די נשמה פון ליכטיקייט.

לב. — ס'איז געווען זייער א יונגע פרוי פון מגדיאל, זי האָט געהייסן מרים און מ'האָט זי געזען אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט.

לג. — איך האָב זי באַגעגנט.

לד. — דעם שוואַרצן גלאַנץ פון אירע אויגן און איר טונקל פנים, אירע האָר, באַצירט מיט בליענדיקע בלומען, אירע פיס פון וואַרעמען בראָנז, די גאַנצע וואָגיקייט פון איר לייב.

לה. — איך האָב געטראַכט וועגן איר, דורך אירע קליידער.

לו. — זי איז געווען אַן אויסגעלאַסענע, און באפרידיקט אַלע יונגע מענער. און אַלע האָבן געקענט אירע ברוסטן און איר לייב, און די צערטלעכקייט פון אירע קושן.

לז. — אַז איך האָב זיך צו איר דערנענטערט, האָט זי מיך אָפּגעשטויסן און אַנטלאָפן ווייט פון מיר.

לח. — ס'איז געווען אַן אַנדערע, זי האָב איך גוט געקענט

לט. — איך געדענק נישט איר נאָמען.

מ. — איידער כ'האָב אַראָפּגעצויגן פון איר די קליידער, בין איך געווען צעהיצט פון תאווה צוליב דער נאָענטקייט פון אונדזערע לייבער.

מא. — אָבער נאָך דער דערנענטערונג, האָבן מיר ביידע זיך שטאַרק פאַרשעמט.

מב. — ווייל דער מאַן און פרוי הייבן ווידער אָן פון אדם און חוה.

מג. — די תאווה מאַכט ווילד איינעם קעגן אַנדערן, און דאָס קול ווערט פאַרשטיקט.

מד. — און דער אָפּגאָט ווערט פוסט און צעפאַלט זיך אויף שטיקער.

מה. — איך האָב געזאָגט: וואָס האָבן מיר געטון!

מו. — און מיר האָבן באַהאַלטן אונדזערע ווונדן.

מז. — איינער אויפן אַנדערן האָט געקוקט מיט האַס, וואָס איז דער היפוך פון ליבע.

מח. — זי האָט צו מיר געזאָגט: מיר האָבן געטרעטן די ליבע מיט אונדזערע פיס.

מט. — מיין הארץ האָט איר אָפּגעענטפערט: איך האָב דיך נישט ליב. איך האָב דיך נאָר געברויכט, און דו האָסט דען מיך געליבט. אויב מיר וועלן זיך שוין יאָ דערוועגן צו רעדן דערפון?

נ. — זי האָט פאַרשטעלט דאָס פנים מיט די הענט.

נא. — איך האָב געזען, אַז זי שעמט זיך צו ווייזן פאַר מיר איר פנים, וואָס איז געווען איר נשמה, זי האָט עס באַדעקט, ווי חוה, איר לייב.

נב. — איך האָב געזאָגט צו איר: פאַרוואָס? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן מיר געטון.

נג. — ווייל איצט האָבן אירע יסורים מיך גערירט און איך האָב געציטערט פאַר איר. און אויף די חורבות פון אונדזערע לייבער, אין דער מוראדיקער פאַרשווונדענער תאווה און אינם ליבע-עגאָיזם, איז אַנטדעקט דאָס צערטלעכע רחמנות, וואָס איז טאָפּלט זיס. זעסטו דען נישט, אַז די קערפּערליכע ליבע מאַכט פון צווייען איינס און איינס, אָבער דאָס רחמנות מאַכט פון צוויי איינס?

נד. — ווייל גאָט (איז געזאָגט געוואָרן) וועט זיין איינס מיט אונדזער הימל אין דעם טאָג ווען מיר וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער און אויפהערן זיך שעמען, די תאווה שעמט זיך צו וויסן און דאָס רחמנות שעמט זיך נישט צו וויסן.

נה. — איך שעם זיך אויף דיר צו קוקן מיט די אויגן פון דער פאַרשטאַרבענער ליבע.

נו. — ווייל דו ביזט דו.

נז. — זי האָט געזאָגט צו מיר: האָב רחמנות אויף מיין קרבן.

נח. — אַזוי האָבן מיר זיך געזוכט און פּאַרייניקט. מיר, וואָס זענען געווען צוזאַמען, זענען מיר דאָך געווען דערווייטערט איינער פון אַנדערן.

נט. — אָט האָבן מיר זיך געזעצט אויף אַ שטיין, און האָב געזען דעם גרויסן בוים, וואָס איז דער קאָפּ פון דאָרף, און אַ שטערן האָט געלויכטן איבער אים.

ס. — דאָס רחמנות האָט מיך געשניטן טיף, ווי אַ מעסער, און איך האָב געזאָגט: דאָס בלוט פון דיין בלוט.

סא. — דעמאָלט האָב איך אַוועקגעריסן אירע הענט, וואָס זענען צוגעפּעסטיקט געווען צום פּנים.

סב. — איך האָב צוגעצויגן מיינע ליפּן צו אירע, כדי צו רירן איר הארץ.

סג. — דעמאָלט האָט זי צו מיר געזאָגט, ווי הגר צו גאָט: דו ביזט דער לעבעדיקער, וואָס האָסט מיך דערזען.

סד. — זי האָט ווייטער גערעדט, ווי הגר אין דער מדבר.

סה. — צי האָב איך דען אויך נישט געזען דעם, וואָס האָט מיך געזען?

סו. — דאָך האָט זי זיך דערמאָנט: ס'איז געווען אַ חרפּה האָט זי געזאָגט.

סז. — איך האָב איר אָפּגעענטפערט: די זאַכן וואָס קומען פאָר, וויל מען זיי זאָלן אַזוי פאָרקומען.

סח. — אפילו די זאַכן פון עבר.

סט. -- יאָ, ווייל ס'זענען דאָ גרדיסע מאָמענטן, ווען צוויי צוזאַמען מאַכן דאָס אוממעגלעכע.

ע. — אירע ליפּן, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי א נאַקעטע זאַך אויף איר נאַקעטן פּנים, האָבן געזאָגט:

עא. — דו ביזט די גוטסקייט אַליין.

עב. — איך בין עס נישט, אָבער מ ר ביידע זענען עס.

נײַנטער קאַפּיטל

א. — אין דערזעלבער צײַט איז מיר מײַן פֿאָטער אָפּגע־שטאָרבן.

ב. — נאָענט פֿארן טויט, האָט ער געפֿרעגט: פֿאַרוואָס? די מענטשן אַרום, פּשוטע ווי מאַמעס, האָבן אָפּגעענטפֿערט: פֿאַר גאָרנישט.

ג. — ס'האָט געדויערט נאָך איין אויגנבליק, ווי ער האָט גע־לעבט, און אין איין אויגנבליק ארום איז ער שוין נישט גע־ווען. דאָס איז געווען אַן אומגליקלעכע פּינוט, ווען דער טויט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן האַרץ, ווען זײַן אויג האָט באַ־קומען שטײַפֿע ליניען און ס'פּנים בלײַכקייט. זעט: די אומבאַ־וועגלעכקייט פֿון דער צײַט האָט געביטן דאָס אָרט און געמאַכט די התחלה בײַ דעם בעט.

ד. — איך האָב אַזוי געוואָלט, דו זאָלסט זײַן דער, וואָס דו ביזט שוין נישט מער.

ה. — צומאָרגנס נאָך דער קבֿורה, האָט מײַן מאַמע צו מיר געזאָגט: זע, ס'איז שוין דער צווייטער טאָג נאָכדעם, ווי מ'האָט אים אַרײַנגעלייגט אין קבֿר, נאָך דעם טאָג, וואָס האָט מיך בלינד געמאַכט.

ו. — זי האָט אָפּגעזיפֿצט פֿון צער, אַרויסגעלאָזט אַ דערשטיקטן

געשריי. און ביידע האָבן מיר פאַרצווייפלט געליטן צוליב איין מענטשן.

ז. — דעם מענטשן, וואָס איז געווען פאַר איר און פאַר מיר דער ברודער פון אונדזער אינגעווייד.

ח. — ס'איז געווען אַ פאַרבינדונג צווישן אונדז און אים.

ט. — ווייל טיף אין אונדזערע הערצער איז געווען פאַרשפּרייט די פרייד און די ליכטיקייט פון זיין לעבן, דער הערלעכער אָפּקלאַנג פון זיין קול, און מיר האָבן באַוווּנדערט יעדע קליי-ניקייט פון אָט די זאַכן. אין אונדזערע קעפּ האָט זיך באַוועגט דאָס פּנים און די ליפּן פון טויטן.

י. — ער, דער שוואַכער, דער שאָטן, איך האָב אים געטראָגן אין מיין האַרצן, געהיט, כ'בין געוואָרן דער באַשיצער פון מיין פאָטער.

יא. — און הגם אַלץ אין גאָרטן איז געווען פול מיט בלו-מען און צייטיקע פּירות, איז עס דאָך איינגעהילט געווען אין טרויער.

יב. — צוליב מיר, וואָס איז געבליבן לעבן.

יג. — יאָ, ער האָט שוין נישט געלעבט, אָבער איך בין גע-ווען איין פאַרשטאָרבענער און מיין מוטער די אַנדערע פאַר-שטאָרבענע. דער טויט איז עמיצער, וואָר גייט אַוועק פון זיך אַליין און קומט אַריין אין אייך. ס'זענען דאָ נאָר אַזעלכע טויטן, וואָס דריקן זיך אין די לעבעדיקע.

יד. — מיר זענען עס די, וואָס טויטן באַשעפענישן און מאַכן זיי ווידער לעבעדיק.

טו. — און, אַז איך האָב געפּאָרשט דעם טויט, האָב איך גע-זאָגט: דאָס איז נישט ער, איך בין עס.

טז. — איינאָוונט בין איך געגאַנגען צום טרויעריקן אָרט פון די קברים, אַליין אַ מת צווישן אַ סך מתים.

יז. — אָ, צער איבער אַלע יסורים!

יח. — אין דעמדאָזיקן בין־השמשות וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויפן בית־הקברות, האָב איך געזען צוויי יתומים, א יינגל מיט א מיידל; זיי האָבן געלאַכט, ווייל זיי זענען דאָרט געווען איינע אַליין און דאָס פאָרל האָט זיך אנטציקט מיט דער שוואַר. צער פאַרגאַנגנהייט פון דער וועלט. דאָס אַלץ, וואָס האָט אונ־טער דער ערד געביטן דעם אויסזען און נישט געהאַט מער קיין אויגן, האָט זיי באַגייסטערט, ווייל זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט.

יט. — ווייל זיי זענען געווען צעפּרידן איינער מיטן אנדערן.

כ. — זיי האָבן זיך אָנגעשפּאַרט ביידע אָן דעמזעלבן בלאָסן קבר, דעם טויטנס אויסערלעכער סקעלעט.

כא. — דאָס, וואָס האָט אַן אַנדערן געבראַכט אומגליק, האָט זיי געבראַכט גליק, ווייל זיי האָבן געלאַכט.

כב. — די צוויי בלייכע שאָטנס האָבן געשאַפן פאַר זיך די איינזאַמקייט מיט דער הילף פון דער וועלט.

כג. — דאָס איז געווען דער הערלעכסטער מאָמענט אין מיין לעבן: איך בין געזעסן אויף א שטיין, כ׳האָב געזען דעם גרויסן בוים, וואָס איז געווען דער קאָפּ פון דאָרף און איבער אים האָט געלויכטן אַ שטערן. דעמאָלט האָב איך געטראַכט וועגן ליבע און טויט און כ׳האָב געזען, אז דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס געפינט זיך אין אונדזערע הערצער.

כד. — דער אמת, די רעליגיע, פון זי ווייסט מען נישט.

כה. — און אין דעריאָזיקער ביינאַכטיקער פינסטערניש, ווו קיין מענטשן זענען נישט געווען, האָט זיך באַוויזן פאַר מיר אַליין א שטראַל ליכטיקייט.

כו. — דער אמת האָט גאָר אַן אנדערן זין, נישט, ווי מען גלויבט

כז. — דער אמת קומט נישט צו גאָט פון אונדז, נאָר פון אונדז צו גאָט.

כח. — אָט דאָס איז דער וועג צום אמת.

כט. — און דער גייסט קומט פון אונטן.

ל. — מ׳דארף שוין מער נישט מאכן די התחלה פון יענער זייט. דאָס וואָס שטאַמט נישט פון אונדז, דאָס איז נישטאָ, מיר פאַלן נישט אַראָפּ פון הימל, מיר, וועלכע הויבן זיך אויף.

צענטער קאַפּיטל

א. — יעדער איינער איז איבעריק, ווען מען וויל זיין אליין.
ב. · אין דעמדאָזיקן מאָמענט פון מיין גורל, האָט זיך אין איינעם אַ טאָג באַוויזן פאַר מיר פּריסצילאַ ביי אַ פּאַלמע-בוים פון בלעטער און זון, איר פּנים האָט געציטערט פון פרייד.
ג. — איר האָב איך אויסגעוויילט. פאַרוואָס? איך בין דער איינציקער אויף דער וועלט. וואָס וויים דערפון צום ווייניקסטן איך ליב, ווען כ'האָב ליב. קומט טאַקי אַלץ פון מיר, אפילו דער פאַרלאַנג?
ד. — איך ליב דיך. איך מאַך דיך שיין.
ה. — כ'האָב געמיינט, אַז די, וואָס איז געווען דער נאָמען פון מיין פרייד, האָט מיך ליב, ווייל זי האָט עס מיר געזאָגט מיט אירע פאַרטראַכטע ליפּן. אָבער אין געהיים האָט זי געליבט יחיאלן, וואָס האָט זיך אויסגעוויזן פאַר מיין פריינט. און איינמאָל אין אַ טאָג זענען זיי ביידע אַנטלאָפן קיין בית-שרה.
ו. — זי איז אוועק. דאָך איז זי דאָ. זי איז אומעטום, איר קעגנוואַרט איז אַ העלפט פון איר אַפּוועזנהייט.
ז. — יאָ, זי איז אוועק, אָבער איך קאָן זי נישט פאַרלאָזן.
ח. — און איך בין פול מיט פאַרביטערונג, מיט כעס און פאַראַכטונג צו די צוויי. וואָס האָבן מיך פאַרראַטן: דאָס טאָפּלטע העסלעכע פּאַרזעניש.

ט. — און איך בין געגאנגען איבער בערג, און קעגן מײַן ווילן האָט מיך דער וועג געפירט קיין בית־שרה.
י. — אָבער אײנמאָל אין א טאָג, האָב איך פון דערהויך פון א פעלז, אנטדעקט דעם קערפער פון פריסצילאַ און דעם קערפער פון יחיאלן, וועלכע זענען געלעגן ארומגענומען.
יא. — זײ זענען צוזאמען אראָפּגעפאַלן אויף א שטײן און זענען געבליבן טויט. זײ זענען דאָרט געלעגן פאראײביקט פון דער קעלט, און זײערע פיס זענען געווען צוגעשמידט צום עק פון זײער ערד־וועג. זײ האָבן אָבער נאָר געהאַט דעם כּוח זיך ארומצונעמען אויס ליבע.
יב. — פאַר זײער אײביקן שלאָף.
יג. — און ס'האָט מיר ווי געטאָן זיך צוצוקוקן אויפן געשטאַלט פון פריסצילאַ, פולשטענדיק ענלעך אין דערדאָזיקער קעלט צו איר געשטאַלט, בעת עס איז נאָך געווען וואַרעם, וועלכע איז האָט זיך באַהעפט מיט א צווייטן, הגם אירע האלבּ־אָפענע אויגן זענען געווען בלויז ווי צוויי פערל.
יד. - און ס'האָט מיר אויסגעוויזן, אז דערין דריקט זיך אויס זײער נאַקעטע שנאה צו מיר.
טו. — נאָר אָט האָב איך זיך אראָפּגעלאָזט צו זײ און געזען, אז זײ אָטעמען נאָך בײדע און אז זײ זענען נישט טויט.
טז. — און מײַן האלדז האָט געזונגען: זי לעבט!
יז. — ווייל ליב האָבן א באַשעפעניש הײסט: פילן א נויטווענדיקײט, עס זאָל לעבן.
יח. — אפילו ווען זי דרײט אוועק איר שײן פּנים און זי וויל לעבן פאַר א צווייטן.
יט. — און א גרויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין מיר, בעת אים האָב געגעבן הילף בײדן, וואָס זענען דאָך געווען נאָר אײנס.

כ. — און קיינמאָל האָב איך אַזוי גוט נישט פאַרשטאַנען די זאַכן פון ליבע, ווייל איצט בין איך געשטאַנען איבער דעם.

כא. — דידאָזיקע זאַכן זענען מער נישט פאַר מיר.

כב. — אַט די גאַנצע האלב־אינערלעכע מלחמה, וואָס קומט פאַר צווישן מענער און פרויען.

כג. — און נקמה איז נישט פאַר מיר, פונקט ווי פאַר קיינעם נישט. מען קאָן ליידן אָדער האַסן, אָבער נישט נקמה נעמען. ווייל בעת איך האָב געמיינט, אַז מיין שונא יחיאל איז טויט, האָב איך געטראַכט הויך: ניין, דו זאָלסט נישט הרגענען!

כד. — אין אַט דעם אויגנבליק האָב איך זיך אנטשלאָסן, איך האָב זיך אָנגעהייבן צו דערווייטערן שריט ביי שריט.

כה. — (איך אַליין האָב גערן געוואָלט פאַרבלייבן).

כו. — איך האָב זיי איבערגעלאָזט און בין געגאַנגען אהיים צו זיך. און אומעטום אויף די פעלדער און אין די קברים הייזער האָב איך געזען אומגליקלעכע, וואָס האָבן זיך עפייניקט.

כז. — נישט אַלע האָבן זיך געפייניקט. דאָך האָב איך געזען גאָר אַזעלכע.

כח. — און דידאָזיקע זענען נישט געווען קיין נייע, ספּעציעל אַוועקגעשטעלט פאַר מיינע טריט. איך האָב זיי אָבער פריער נישט באַמערקט.

כט. — אָבער איך בין געוואָרן איך אַליין.

ל. — ווייל מיין הארץ איז צעבראָכן געוואָרן.

לא. — און דאָס איז געווען מיין אמתע באַגעגעניש מיט מענטשן.

לב. — די רייכע, די צופרידענע, די רויקע מיט די ריינע כלבושים און פעטע ליפּן, וואָס האַלטן יענעמס הענט, און וואָס קלויבן נאָכדעם די פרוכט פון יענעמס אַרבעט, די, וואָס זאַמ־

לעך זיך אַרום מיר און זאָגן מיט אַ צאַרטער שטים: מיר זע־נען גערעכטיק.

לג. — איך האָב זיי באַטראַכט איינעם נאָכן אַנדערן אַרום מיר און כ'האָב צו זיי געזאָגט: ווי געפינט זיך צווישן אייך די נשמה, וואָס וואָלט זיך אָן בושה אויסגעטאָן.

לד. — און נאָכדעם די איבעריקע מענטשן, וואָס לעבן אונטער דער זון.

לה. — וואָס שרײַען, כאָטש זיי רעדן שטיל.

לו. — וואָס וויינען; אָבער זייער טרויעריקע פייכטקייט איז נישט פרוכטבאַר.

לז. — און זייערע יללות האָבן נישט קיין גרעסערן ווערט פון קינדערישע יללות, וואָס וויינען אין די אָרעמס פון דערוואַקסענע.

לח. — אָדער פונקט אַזוי ווי די גאַסן־קינדער, וואָס זאָגן: מיר זינגען און איר זינגט נישט.

לט. — דער פּאַרמאַטערטער, דער פון אַרבעט פאַרשוואַלטענער, וואָס זיינע אַקסלען האָבן זיך אויפגעהייבן און אַראָפּגעלאָזט, כּדי צו ענדערן דאָס אויסזען פון דער ערד, האָט געזאָגט צו מיר: אַמאָל האָב איך געהונגערט נאָך דער ערד, אָבער איצט איז די ערד מיין אומגליק, ווייל זי איז אומגערעכטיק.

מ. — און דער הימל איז אומגערעכט, מיט זיין אַרבעט פון פאַרטיילן רעגן און פון פאַרטיילן זון.

מא. — ער איז געווען ריין, ער איז געווען גערעכט. און דער דאָזיקער ריינער און גערעכטיקער האָט געעפנט זיין מויל, כּדי צו זאָגן דאָס, וואָס קיין האָט געזאָגט: מיין שולד איז גרעסער, ווי איך בין עס בכח איבערצוטראָגן. און ווי קין האָט ער גע־זאָגט: דאָך האָב איך אַ צייכן, וואָס צווינגט מיך צום לעבן.

מב. — ווארום, האָט ער געזאָגט, איך וואָלט געוואָלט זיין אויפן

בית-עולם, ווּ דער רשע טוט שוין מער קיינעם קיין שלעכטס נישט.

מג. — ווער איז דען דער בן-מות, וואָס דער אויבערשטער שטראָפט יעדן פרימאָרגן?

מד. — ווּעסטוּ מיר נישט דערלויבן, גאָט, אראָפּצוּשלינגען מיין גאוּוער? וואָס מאַכסטוּ פוּן מיר, באַשיצער פוּן מענטשן? און יעדן טאָג, אוּנטצייט, זענען מיינע הענט צצבראָכן.

מה. — צוּ וואָס איז דעם מענטשן געגעבן געוואָרן די ליכטי־קייט, אַז דער וועג איז סיי־ווי פאַר אים פאַרשטאָפּט

מו. — און דער אַנדערער, איינער אליין אויפן שטיין פוּן זיין הויז, האָט געזאָגט: די מידקייט האָט מיך אַזוי צעקלאַפּט, אַז כ'האָב פאַרגעסן צוּ עסן מיין ברויט, און איך האָב נאָר אַ דורשט צוּ שרייען.

מז. — און אַן אַנדערער: מען וואָלט געוואָלט, אַז עסן און טרינקען זאָל זיין אַלץ, מ'קאָן עס אָבער נישט. אין אַן אַנ־דערן טאָג וויל מען, אַז עסן און טרינקען זאָלן לחלוטין נישט זיין, אָבער אויך דאָס קען מען נישט. מיין טרוים איז מיר פון קאָפּ אראָפּ געפאַלן אין בויך אריין.

מח. — דידאָזיקע אָרעמע האָט געזאָגט צוּ מיר: איך האָב זיי־ער ווייניק מעל. באַק דערפוּן, זאָג איך, צוויי קוכנס און שענק מיר איינעם. יאָ, האָט זי געענטפערט, מיר וועלן זיי אויפעסן און דערנאָך וועלן מיר שטאַרבן. און די אָרעמע האָט געציטערט דערפאַר און פאַרן רעגן.

מט. — זיי אַרבעטן און זיי בויגן זיך; אין דער אַרבעט גע־בוירן זיי זאכן, ווי פרויען, אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג. אַ טאָג נאָך אַ טאָג עסט זיי אויף דער הונגער. די הערשער איבער דער ערד האָבן נישט קיין צייט צוּ לעבן, זיי זענען געגליכן צוּ חיות.

נ. — מיט טרויער טרעטן זיי אָפּ פון געבווּרט ביזן טויט.

נא. — און מען פאַרווענדעט קעגן די אַרבעטער געגוי דאָס, וואָס אליפז פון תּימן האָט אין זיינע כתבים געזאָגט וועגן שלעכטס: אַ געשריי פון יסורים האָט ער אין זיינע אויערן. פון אַלע זייטן לויפט ער נאָך ברויט און רופט: ווו איז עס? און ער וווינט אין פאַרוויסטע הייזער און אין שמוציקע שטעט, און דאָס שטופּט אים צום מלך פון שרעק

נב. — די צוויבערדיקע עשירות פון אַנדערע איז די סיבה פון זייערע ליידן.

נג. — ווייל, אַזוי שטייט געשריבן, ס׳איז ווי אַ באַפעל פאַר די שטערבלעכע צו האַלטן מלחמה אויף דער ערד.

נד. — ווייל דאָס געזעץ, וואָס די רייכע באַנוצן צו זייער הצלחה, און דער ביישפּיל פון די רייכע האַלט אויף די מלחמה

נה. — איבער די אָרעמע און אפילו צווישן די אָרעמע.

נו. — די מאַכט, וואָס קומט פון דער הויך, האָט נישט דעם זין פון אמת. און דאָס אַלץ אויף דער ערד איז שלעכט גע-מאַכט.

נז. — ווייל די קליינע זענען אַ ריז, און די אָרעמע, כמעט ס׳רוב מענטשן, זענען דאָס רייכטום פון דער ערד.

נח. — ווייל דאָס ברויט איז זייער ברויט. דאָס ברויט פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל, נאָר שפּראָצט אַרויס פון דער ערד פון אונטער זייערע הענט.

נט. — אַזוי האָב איך געזען די שטראָף פונם אָרעמען.

ס. — וואָס זיינע צוויי הענט זענען תּמיד פאַרמשפּט.

סא. — ס׳איז שיין צו זען די אָרעמע מיטאַמאָל, ווי זיי גלייכן זיך אויס מיט זייער נאַקעטקייט אויף דער וועלט.

סב. — אַזוי איז די אָרעמקייט שיין, די אָרעמקייט וואָס איז העסלעך.

סג. — און די געבויגענע האָרן געוווסט, אז עס גרייט זיך צו אויפשטאַנד, און נאָך דעמדראָזיקן אויפשטאַנד וועט אַלץ געהערן צו אַלע, און עס וועלן שוין מער נישט זיין קיין הערשער און קיין שקלאַפן; און זייערע פּנימער האָבן געוואָרט, בעת זייערע הענט האָבן זיך עקשנותדיק געגרייט צו ליידן.

סד. — און איינער, וואָס זיינע קינדער זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער און נויט, האָט מיך געפרעגט: וועט נאָך קומען די מרידה, איידער זיי וועלן שטאַרבן? דאָס איז אַלץ.

סה. — זי וועט קומען, כּדי נישט צו דערלאָזן דיינע קינדער שטאַרבן. דאָס איז אַלץ, וואָס מ׳קאָן ענטפערן. ווייל ס׳האַנדלט זיך נישט וועגן אַן אָפּגאָט, נאָר וועגן מענטשן.

סו. — אַז איך האָב מיך דערהייבן איבער מיין אייגענעם גע־ראַנגל, האָט אויפגעשיינט אויף מיר די זון פון רחמנות, און ענדלעך האָב איך דערזען די באַוועגונג פון אחדות.

סז. — וואָס געפינט זיך אונטערן צייכן פון גיריקייט און מלחמה.

סח. — און איך האָב פאַרלוירן פיל צייט פון מיין חוב, וואָס כ׳האָב אויף זיך גענומען: אויפצוטאָן עפּעס געררעכטיקס.

סט. — ווייל מיין צייט אנטלויפט, און עס וועט זיין צו שפּעט.

ע. — אויף דעמדראָזיקן וועג בין איך געקומען פון אייגענעם חשק. און איך האָב געפרעגט זיך אַליין: וועלכן וועג זאָל איך אויסקלייבן, כּדי מיך צוריקצוקערן? כ׳האָב נישט געוווסט, וועל־כער וועג איז גוט.

עא. — ווייל ס׳זענען פאַראַן צוויי וועגן און צוויי גורלות: פונם יחיד און פונם כּלל.

עב. — דער וועג פון יחיד איז: געניסן און ליידן, יעדערער אין זיין האַרץ און אין זיין גוף, דורך ליבע און טויט. דער חשק האָט קיינמאָל נישט דאָס, וואָס ער וויל, ווייל ער וויל

דאָס, וואָס ס'איז לגמרי נישטאָ. דאָס איז די אומענדלעך אויף גערירסענע וווּנד, די ערשטע ירידה ביי יעדן אייגציקן, און אויף אָט דעם וועג איז אַלץ הבל הבלים, אַזוי ווייט, אַז די דערליי־זונג קאָן פאַר יעדן קומען נאָר דורך זיין אייגענער ליידנשאַפט.

עג. — ווייל דער לעבעדיקער קאָן נישט טויטן די ליידן, וואָס זענען אין אים פאַרשפּאַרט. ער קאָן נאָר שטאַרבן.

עד. — און דאָס איז דער גורל פון אַלע: פאַרטראָגן די שלעכטס, פון די מענטשן פון אויבן. מען מוז זיך אויסלערנען נישט הערן דעם גורל. און אָט דאָס ווערק פון אומגעהאָרכזאַמקייט האָט אַ קיום. דיין גורל, ווי פאַר אַ יחיד, איז — ווען דער טויט מאַכט צו אַלץ אַ סוף. דער גורל פון כּלל איז נאָר דאָרט, וווּ דער טויט איז לחלוטין נישט פאַראַן.

עה. — ווייל דאָס אומצייליקע פאָלק, וואָס פאַרמאָגט דעם ווייטיק, פאַרמאָגט אויך די אומשטערבלעכקייט: אפילו ווען ס'איז געטויט, קאָן עס נאָך שרייען און אויפשטיין.

עו. — און ביי דעמראָזיקן גאַנג פון די זאַכן קאָן מען נישט זאָגן: אַלץ איז הבל הבלים. ווייל איבער דער ערשטער גורל, וואָס איך האָב געזאָגט, באַזיגט אונדז, אַזוי וועלן מיר באַזיגן דעם צווייטן איבער מיר וועלן זיין פאַרייניקט. דער נאָר לאָזט זיך טרייבן צום אָפּגרונט פון זיין פלייש. זיין האַרץ האָט ער אויף דער לינקער זייט, בעת דער חכם האָט עס אויף דער רעכטער.

עז. — דאָס ווערק, וואָס מ'דאַרף שאַפן איז דאָס, וואָס איז דערגרייכבאַר.

עח. — און די רעוואָלוציע קומט נישט פון הימל אויף דער ערד, נייערט פון ערד צום הימל!

עט. — אָבער יענע, וואָס עפענען די ערשטע די וועגן און הילן געבן די מאַסן אַ גײַסטיקלעך לעבנס־עקזיסטענץ.

פ. — די האָבן אַליין נישט קיין נאָר בלעד לעבנס־עקזיסטענץ

פא. — זיי זענען פארשאָלטן.

פב. — זיי פרעגן דעם וועג ביי די בלאָנדזשענדיקע און בעטן רחמנות ביי די בעטלער.

פג. — און ווייל זיי קוקן אין דערזעלבער צייט אויף דעם, וואָס איז דאָ, און האָפן צו דעם, וואָס ס'איז נישטאָ, הינקען זיי

פד. — און זיי טוען נישט דאָס, וואָס זיי זאָגן צו צו טאָן!

פה. — זיי זאָגן: נישט די ליבע איז דער גרונדשטיין פון דעם אַלגעמיינעם געזעץ, די גערעכטיקייט, זי וועט זיין דער ווינקל־שטיין. ווייל די ליבע גייט פון יחיד צו יחיד, און נישט פונם יחיד צום כלל.

פו. — דאָך די צערטלעכע ליבע צו אַלע מענטשן, וואָס זיי זענען נישט דרייסט צו מאַכן פון איר אַן אַלגעמיין געזעץ טראָגן זיי ביי זיך אין הארצן.

פז. — זיי נעמען אַריין יענעמס גורל אין זייער אייגענעם וואָס איז אַזוי גרויס, ווי די משוגעת.

פח. — איך! איך פאַריייניק אין זיך דעם אומצייליקן באַפעל.

פט. — און איך האָב אָנגעפילט מיין באַוווּסטזיין מיט אַ בילד פון די אַלע, וואָס איך קען זיי נישט, און איך מיש זיך אַריין אין זאַכן, וואָס גייען מיך נישט אָן.

צ. — איך האָב אייך ליב, אַלע, איר מענטשן, אייביק אָפּ־וועזנדע.

צא. — איך האָב געזען, ווי מיין שאָטן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטיק מויער און ליכט.

צב. — מיינע צעשויבערטע האָר, דעם שפיץ פון מיין גאָמבע און מיינע אַקסלען, אין שוואַרצן זיג־זאַג אויפן שטיין

צג. — איך בין נאָר אַן אָרעמער אַרבעטער

צד. — אָבער אַן ארבעטער, וואָס טראכט וועגן יעדער זאַך, אפילו וועגן שווערער אַרבעט און שטראָף.

צה. — איך בין דער אַרבעטער פון די אַרבעטער.

צו. — און יעצט זע איך דאָ פאַר מיינע אויגן דעם בנין פון שטאָט און די פעלדער ביינאַכט, און די שעה פון טאָג, ווען די שטערן זענען נאָך איינגעהילט אין בלויען. אַזוי ווי דער גרויסער פאַסטוך פון אונדזערע אבות, וויל איך טראָגן די לאַסט פון פאָלק און נישט זאָגן: עס איז צו שווער.

צז. — אַ דאַנק דיר, וואָס זענען שוואַך, איז מען שוואַך, אַ דאַנק די הונגעריקע איז מען הונגעריק.

צח. — דער קול פון קולות, דאָס געשריי פון געשרייען.

צט. — איך אַליין וועל זיך לאָזן אויף דעם וועג.

ק. — איך פאַרלאַנג נישט, אַז זיי זאָלן מיך נאָכגיין.

קא. — איך פאַרלאַנג נישט פון זיי דאָס, וואָס איז אוממעגלעך.

עלפטער קאַפּיטל

א. — אין אַ שטורמישער נאַכט בין איך געווען אין אַ הויז אין ירושלים, וווּ איך האָב געוווינט.
ב. — חלקיהו איז געלעגן לעבן מיר אויף דער ערד, ער איז געווען געליימט אויף אַ פוס; דאָס איז געווען אַן אָרעמער מענטש, וואָס פאַרנעמט ווייניק אָרט.
ג. — און אַ ליכט האָט געברענט אויפן טיש און אַרויסגעריסן די שוואַרצקייט פון מיטן שטוב.
ד. — אַ מאַן פון די פּרושים, מיטן נאָמען נקדימון, אַ חכם פון פאָלק ישראל, איז אין דערדאָזיקער נאַכט געקומען צו מיר.
ה. — ער איז געקומען בגנבה, אין מיטן דער נאַכט, ווייל ער איז נאָך געווען געגוג מוטיק אַדורכצוברעכן די פינסטערניש און דעם ווינט, אָבער ווייניק מוטיק אַנטקעגנצושטעלן זיך די ווערטער פון מענטשן.
ו. — נאָכדעם, ווי די טיר האָט זיך פאַר אים געעפנט מיט אַ שטאַרקן ווינט, וואָס האָט אויפגעבלאָזן זיין מאַנטל, און ווען דאָס פלעמל פון ליכט האָט זיך שוין געהאַט באַרויקט נאָך זיין אריינגעקומען אינעווייניק, האָט ער געזאָגט די ערשטע ווערטער: רבי, רבי...
ז. — וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?
ח. — איך האָב געענטפערט: ס'איז שוין געקומען די שעה

מיר זאָלן אריינדרינגען אין זיך אליין און אנטדעקן דיִס, וואָס דאָרט איז פארבאָרגן.

ט. — ווייל דער אמת קומט פון אינעווייניק און נישט פונ־דרויסן.

י. — און דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דער פינסטער־ניש, וועט ווערן געהערט אין דער ליכטיקייט.

יא. — ווייל באמת זאָג איך עס דיר: וויבאלד דער מענטש ווערט נישט ניי געבוירן, וועט ער נישט אריינטרעטן אין דער הימלישער קעניגרייך.

יב. — נקדימון האָט צו מיר געזאָגט: ווי אזוי קען א מענטש גע־בוירן ווערן, ווען ער איז שוין אלט? דארף ער זיך צוריקקערן אין זיין מוטערס בויך.

יג. — און דערהערנדיק דאָס, האָט חלקיהו זיך צוגעשלעפט צו מיר נענטער און געזאָגט: טאקע, ווי אזוי?

יד. — איך האָב געזאָגט: דער געלערנטער און דער פשוטער דארפן דאָס וויסן, יעדערער זאָל עס אויסגעפינען אויף זיין איי־גענעם אופן:

טו. — דאָס הייסט, אויסלייזן דעם גייסט דערפון, וואָס איז נישט גייסט.

טז. — לויט דער מאָס פון חריפות און גערעכטיקייט.

יז. — וואָרים צוליב דער ווילדער פרייהייט פון אידעען און ווערטער וואָס זענען געבויט אויף פוסטקייט, האָט דער מענטש אנגעלייגט אויף דערווירקלעכקייט אָן א שיער אויסגעטראכטע וועלטן, צענויפגעמישט איינע אין דער צווייטער, און ער ווערט פארלוירן אין זיי.

יח. — נקדימון האָט געזאָגט: איז דען נישט פאראן אויסער אונדז אזוינס, וואָס איז אמת?

יט. — יאָ, ווייל עס קען גאָרנישט זיין קיין שום אמת, און

נאָך ווייניקער קיין שום שיינע און גרויסע זאַך, אויב דאָס ווערט נישט געהאַלטן אויף די שורות פון גערעכטיקייט.

כ. — וואָס איז אין אונדז.

כא. — ישעיהו האָט גערעדט פון גאָטס גייסט, וואָס קומט פון ישיס שטאַם, און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען דער גייסט פון חכמה און חריפות, דער גייסט פון עצה און מעשים, דער גייסט פון וויסן און גערעכטיקייט. ווייל, וויבאַלד מען פרווט תופס צו זיין דעם לבוש פונם גייסט, זעט מען, אַז דיזאַ- זיקע פאַרב באַשטייט פון גרויסע שרעקלעכע ליניען וואָס זענען דער פונדאַמענט פון דער וועלט און וואָס זענען געגליכן צו די לויכטנדיקע קאָנטורן פון אַ מענטשלעכן מלאך. די גערעכטיקייט מוז אָנפילן אירע גרענעצן, און דער מענטש מוז טאָן גערעכטיקייט.

כב. — דערפאַר דאַרף מען אונטערשיידן צווישן זאַכן די, וואָס האָבן אַ ממשות, פון די, וואָס האָבן בלויז אַ געשטאַלט פון ממשות.

כג. — כדי דער געדאַנק זאָל זיין דאָס וווּנדער פון אמת.

כד. — ווי גרויס, נקדימון, די ביזט, אַזוי אָנגעפילט ביזטו מיט בילדער, וואָס קעמפן צווישן זיך, ווייל דו האָסט זיך נאָך קיין- מאָל נישט פאַרטראַכט איבער זייער טיפקייט און דו האָסט זיי נישט איבערגעשאַפן, נייערט וואָלסטו געוואָלט, אַז זיי פאַסן זיך צו בלויז אויבערפלעכלעך און גייען זיך פאַנאַנדער מיט זייער גאַנצן אינהאַלט.

כה. — און דו שענקסט גלייכן צוטרוי דעם אויסזען פון זאַכן פונקט ווי דער ווירקלעכקייט, דעם זעלבן צוטרוי צו דאָס, וואָס איז טייוולאָניש און צו דאָס, וואָס איז געטלעך; צו דאָס, וואָס איז טויט און צו דאָס, וואָס איז לעבעדיק.

כו. — און אַזוי לייזטו אויף די שווערסטע פראַגן מיט פאַר- מאַכטע אויגן. און דו באַרויקסט זיך, ווען דיינע אויגן זענען

פאַרמאַכט, און דו לעבסט איבער די קענגוואַרט פון דעם אויגנ־בליק אין דער פינסטערניש.

כז. — און דיין וואָרט איבער דיר איז דאָס קערנדל, וואָס שפּראָצט אַ קורצע צייט צווישן די שטיינער און שטאַרבט. און אַזוי וואַרסטו, אַזוי ביזטו צעטיילט, אַזוי וואַקלסטו דיך. און ווען די הערשער פון טאָג זאָגן: גאָט, אָדער: אונדזער ראַסע, אָדער גערעכטיקייט, אַזוי ענטפערסטו: גוט, דאָס איז שוין גע־נוג! און דאַן ביזטו אַן אָרעמער ליגנער.

כח. — און דו ביזט אַ מחנה.

כט. — און נקדימון האָט געזאָגט: היתּכן? און דאָס ליכט, וואָס האָט באַשטראַלט דעם טיש און באַלויכטן דאָס געזיכט און די אויגן פונעם יידן, וואָס האָט זיך פאַרטיידיקט, האָט אים געמאַכט אויף דער געבײַלטער וואַנט פליגל פון אַ שוואַרצן מלאך, און דאָס גערויש פון ווינט, וואָס איז אַרײַנגעדרונגען דורך די ווענט, האָט אויף אים געבלאָזן.

ל. — ער: מען הערט דעם ווינט, וואָס בלאָזט.

לא. — איך: יאָ, אָבער מ׳ווייסט נישט פונוואַנען ער קומט.

לב. — און איך האָב אויפגעהייבן מיין שטים און געזאָגט: בעת איך האָב געזאָגט, אַז דער גייסט איז אין אונדז, האָב איך נישט געזאָגט, אַז ער איז איך אונדז פאַרשלאָסן, נייערט ער מאַכט ביי אונדז זיין התחלה.

לג. — וואָרום, כּדי צו באַפרייען דעם גייסט, הייסט עס: פאַרשטיין די וועלט אינעם מענטשן און דעם מענטשן אין דער וועלט, און מען מוז זיך באַפרייען פון אַלע אָפּגעטער.

לד. — ווייל דאָס איז דער טויט,

לה. — און דער גייסט איז דאָס אייביקע לעבן.

לו. — אַז מען זאָגט די מענטשן דעם אמת, איז מען גורם, אַז זיי גייען אַוועק פון זיך אַליין און ווערן געבוירן אי־

הימל, און זיי רעדן אין הימל אוז גייען אין הימל און זיי זענען דאָס, וואָס זיי זענען.

לז. — מען מוז לעבן.

לח. — ער האָט געזאָגט: די וועלט איז וועלט. מען מוז לעבן.

לט. — נאָכמער: האָט דען סיראַציד נישט געזאָגט, אַז די חכמה וואַרפט אָן אויפן מענטשן אַ מורא און אַ פחד, — האָט נקדימון געזאָגט, — און זי פּייניקט אים מיט איר שטרענגקייט?

מ. — איך האָב געזאָגט: דער טייוול דער בעל־נסיון פאַר־מאָגט נישט דעם אויסזען פון אַ טייוול.

מא. — אָבער ער איז נאָך שעדלעכער דערמיט, וואָס ער האָט נישט דעמדאָזיקן אויסזען.

מב. — דאָ, אויף דער ערד פירן בלינדע די בלינדע, און זיי וועלן אַלע צוזאַמען אַריינפאַלן אין גרוב אַריין.

מג. — ווייל אויב מען קוקט אויף קליינע זאַכן פון דער נאָ־ענט, קומען זיי אויס גרעסער פון די גרויסע.

מד. — און דער, וואָס וועט אויסלייזן די נשמות, דערמיט, וואָס ער וועט זיי אָפּרייסן פון די אָפּגעטער, דער וועט דער־הייבן ווערן אין דער מלוכה.

מה. — דו ביזט פאַרזונקען אין תוהו־ובהו און אין פינסטער־ניש. דער, וואָס זעט נישט אַלץ מיטאַמאָל, דער איז אַ דער־טרונקענער. דו זעסט נישט דאָס לעבן, בייערט דעם אָפּגרונט פון לעבן. מען האַלט דיך פאַר אַ לעבעדיקן, אָבער דו ביזט אַ מת.

מו. — געקומען איז דער טאָג, ווען די, וואָס רוען אין די קברים, וועלן דערהערן דאָס וואָרט פון הימל.

מז. — דער, וואָס הערט מיך, איז איבערגעגאַנגען פון טויט צום לעבן.

מח. — דער אָרעמער חלקיהו האָט אויפגעהייבן אַ האַנט און געזאָגט: איך דאַנק דיר פאַר דיינע ווערטער.

מט. — ווייל דו ביזט אונדז מודיע, אַז די גופים פון די, וואָס זענען די טעג אַריינגעלייגט געוואָרן אין די קברים, ווי למשל, עזריה, בת־שבע און דאָס קינד פון אורי, וועלן אויפשטיין תחיית-המתים אין אייביקן גן־עדן.

נ. — ניין, איך האָב נישט גערעדט וועגן גוף.

נא. — איך האָב גערעדט וועגן לעבן.

נב. — אַז מען באַטראַכט דעם טויט פונעם גוף, וויל מען זיך זאָגן: ס'איז כמעט גאָרנישט! אָבער פאַרלייקענען דעם טויט הייסט: פאַרלייקענען דאָס לעבן, ווייל דאָס הייסט: אַרויסגענומען פון די לעבעדיקע פון לעבן אַרויס.

נג. — ער האָט נאָך געזאָגט: אונדזער לעבן איז אַ שטראָף אין דער אומשטערבלעכקייט.

נד. — איך האָב ווייטער געזאָגט די אומשטערבלעכקייט איז נאָר אַ שטראָף פון אונדזער לעבן.

נה. — און דאָך, האָט ער געזאָגט, קוק: צום אונדז איז נאָך פאַראַן אַ ביסל ליכטיקייט און אַזוי פיל שאָטן.

נו. — ניין, ס'איז בכלל נישטאָ קיין שאָטן. דאָס, וואָס דו רופסט שאָטן, דאָס איז די ליכטיקייט, וואָס דו זעסט זי נישט. ווייַן, ס'איז נישט אמת, אַז מיט דער נאַכט ענדערט זיך די בעלט און זי באַקומט אַ שוואַרצן אויסזען. ס'איז לחלוטין נישט פאַראַן קיין שאָטן; עס איז נאָר פאַראַן מער אָדער ווייניקער ליכט. עס איז נישט פאַראַן קיין שטילקייט; ס'איז פאַראַן נאָר שטח, איבער וועלכן ס'לויפט דורך אַ קול.

נז. — און ס'זענען נישט פאראַן קיין אומבאַקאַנטע זאַכן, ס'זע־נען נאָר פאַראַן ווייניק־באַקאַנטע.

נח. -- און עס איז נישטאָ קיין טויט, בלויז מיר זענען דאָ.

נט. — זייט מיט מיר, עפנט אייערע אויגן און לאָזט די טויטע באַגראָבן זייערע טויטע.

ס. — נקדימון האָט געזאָגט: ס'זענען פאַראַן רגעס, ווען איך זע דאָס, וואָס איך וואָלט געזען, בעת איך וואָלט אויפגעשטאַ־נען תחית-המתים.

סא. — ער האָט מיר געזאָגט: דו, וועלכער ווייזט אונדז מיט־אַמאָל דעם גאַנצן טויט פון טויט, און וועלכער פאַרלאַנגט פון אונדז אַזאַ גרויסע נייע התחלה, זאָג, ווער ביזטו?

סב. — איך בין דער ערשט־געבוירענער פון די געשטאָרבענע.

סג. — ווייל איך בין געקומען שאַפן די אינערלעכע וועלט.

צוועלפטער קאַפּיטל

א. — בעת איך בין געגאַנגען אויף דער גאַס איז צוגעקו־מען צו מיר אַ ייִנגער מענטש און מיך געפרעגט:

ב. — רבי, איך האָב געהערט פאַרשידנס וועגן די צוויי זאַכן: אמת און ווירקלעכקייט.

ג. — איך האָב אים געענטפערט: מיר זענען תמיד צווישן זיי ביידע. איינס איז אינעווייניק און דאָס אַנדערע אויסנווי־ניק. קוק זיך צו צו דער גאַס, אויף וועלכער מיר גייען: פונדערווייטנס דאַכט זיך אונדז, אַז זי ווערט וואָס אַמאָל שמע־לער, און די הייזער, דאַכט זיך אונדז, פאַרקלענערן זיך פאַר אונדזערע אויגן; און דאָך, לפי ערך, ווי מיר גייען די גאַס דורך זעען מיר, אַז זי האָט אומעטום דיזעלבע ברייט און אירע הייזער דיזעלבע הויך.

ד. — אַלזאָ, האָט דאָס אויג צוויי בילדער פון דער גאַס: איינס, וואָס פאַרקלענערט זיך כסדר, און דאָס אַנדערע, וואָס בלייבט תמיד גלייך.

ה. — ער האָט איבערגעריסן: דאָס איינציק אמתע בילד איז דאָס, וועגן וועלכעס דו האָסט גערעדט צום סוף; דאָס הייסט דאָס בילד, וואָס איז תמיד גלייך.

ו. — יאָ, אָבער דאָס אַנדערע, איז דאָס איינציק בילד, וואָס איז ווירקלעך.

ז. — צי פאַסטו נישט אויף דעם אמת פון דער פאַלשער זייט?

ח. — דער פּראַקטישער און טעאָרעטישער אמת, דער זעעה־דיקער און דער אומגעזעענער, זענען נישט קיין צוויי באַזונ־דערע זאַכן, נייערט צוויי צורות פון דעם, וואָס איז פאַראַן.

ט. — פּונקט אַזוי ווי די פאָרם פון אַ ראָד ענדערט זיך פאַר אונדזערע אויגן, לויט דעם, צי מיר געפינען זיך אינע־ווייניק אָדער אויסערדעם ראָד, כאָטש עס בלייבט דאָס זעלבע ראָד.

י. — וואָס ווייטער איז זיין פּנים אַלץ העלער געוואָרן, און בעת ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ זקנה, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו אונדז אין דער זון, איינגעהילט אין שוואַרצן ביז צו די אויגן, גלייך ווי זי וואָלט אויפגעהייבן דעם שוואַרצן שאָטן פון דער ערד, כדי זיך מיט אים איינצוהילן, האָט ער געזאָגט: זע, זי ווערט וואָס אַמאָל גרעסער; דאָרט, ווייט, איז זי געווען קליין, נעענטער האָבן מיר זי געזען אין מיטעלן וווקס, איצט איז זי שוין גרויס. דאָס איז עס.

יא. — און ווייל מיר זענען געגאַנגען, האָבן די הייזער אונדז געטאַנצט אַקעגן מיט זייערע בוגע, ברייטע, גאָלדענע ליניען.

יב. — איך האָב מסכים געווען און געזאָגט: יעדעס מאָל ווען דו האָסט געזען, אַז די צוויי עקן פונעם אמת גייען זיך פאַנאַנדער, איז אַ סימן, אַז דו האָסט געהאַט אַ טעות.

יג. — ווייל זיי לאָזן זיך נישט צעטיילן.

יד. — זוך דעם גלאַנץ פון דער ליכטיקייט און די גערעכטי־קייט פון די ליניען, און דאָס איבעריקע וועט שוין קומען פון זיך אַליין. דאָס איבעריקע: די גוטע זיכערקייט.

טו. — וווּנדערלעך איז דאָס, וואָס ביים פאַרמאַכן דאָס אויג,

שאַסטו פאַר דיר אַ וועלט. שיין וואָלט אָבער געווען, ווען די־
דאָזיקע וועלט זאָל זיין די, וועלכע איז.

טז. — לכן זאָ׳סטו דיך נישט שפּילן מיטן אָפּטיילן דעם אמת
פון דער ווירקלעכקייט, דעם גייסט פון לעבן

יז. — ווייל אומעטום איז נאָר פאַראַן איין איינציקע ווירק־
לעכקייט און איין איינציקער אמת: דאָס גלייכע, וואָס איז
נישט גלייך.

יח. — ס׳דאַרף נישט זיין קיין קליינע אידעע אָן אַ קליינער זאַך.

יט. — ס׳דאַרף נישט זיין קיין גרויסע אידעע אָן אַ גרוי־
סער זאַך.

כ. — ווייל אויב דו טיילסט אָפּ די ווירקלעכקייט פון אמת,
ווערט די ווירקלעכקייט בלינד און דער אמת צעדרייט.

כא. — און מען איז איבערגעשראָקן דערפון, וואָס די אי־
נערלעכקייט פון קאָפּ קאָן באַשאַפן אין חלל.

כב. — שלעכט איז דאָס, וואָס מ׳קאָן זאָגן, וואָס מען וויל.
און מען קאָן אפילו מאַכן, אַז דאָס, וואָס ס׳איז שוין געזאָגט
געוואָרן, זאָל זאָגן, וואָס מען וויל.

כג. — דער שטן קען זאָגן, ווען אים פאַרגלוסט זיך: נאָר
דאָס גוטע דאַרף מען שעצן. אָבער דאָס איז שקר, ווייל זיין
מויל האָט עס געזאָגט.

כד. — האָט דען דער צבועק נישט אַרויסגערעדט די שענסטע
געדאַנקען?

כה. — די רייד פון די נאַראָנים קומען פון די גאַנצע בערג ווער־
טער, אַזוי זאָגט די תורה.

כו. — ווייל די ווערטער לאָזן טאָן מיט זיך, וואָס מען וויל.

כז. — בעת דער אמת איז שטום.

כח. — דידימאָס האָט געזאָגט: מען מוז עס באַרירן.

כט. — איך האָב געענטפערט: דו רעדסט גוט.

ל. — איך וויל זיין דער גייסט פון פלייש און ביין.

לא. — מען זאָל מיך באַרירן.

לב. — די האַנט זאָל זיין פול מיט ערייד.

לג. — ווייל דער גוף און די נשמה זענען צוויי זאַכן פון איין און דערזעלבער זאַך.

לד. — דאָס לעבן.

לה. — נאָכדעם האָבן מיר באַגעגנט אין אַ ווינקל אַ משוגענער. זי איז געווען שמוציק און אָרעם; און איר קלייד איז אַראָפּגע-פאַלן פון איר, ווי דער רעגן.

לו. — זי האָט געזאָגט: איך בין גליקלעך, וואָס איך בין די מלכת-שבא.

לז. — אַרום מיר האָבן אַלע, געריהרט פון רחמנות, געזאָגט: מ'דאַרף זי אַזוי איבערלאָזן.

לח. — ניין! מ'דאַרף קיינמאָל נישט האָבן קיין דרך-ארץ פאַר משוגעת.

לט. — די חכמה מוז זיין ריין, ווי דער טאָג.

מ. — און די גלייכע ליניען זאָלן אַרויסשטראַלן פון קאָפּ!

מא. — און אַביסל ווייטער האָבן מיר צופעליק געטראָפן אַ מענטשן, וואָס האָט געאַרבעט; און עס איז גראָד געווען שבת.

מב. — און גייענדיק, האָב איך געזאָגט צו יענעם מענטשן, וועלכער האָט געאַרבעט שבת, וואָס איז לויט דער תורה פאַר-באָטן (ווייל ער האָט באַלאָדן זיין אייזל): מענטש, אויב דו ווייסט, וואָס דו טוסט, ביזטו גליקלעך. אָבער וויבאַלד דו ווייסט נישט, ביזטו פאַרשאַלטן און פאַרשוועכסט די תורה.

מג. —ראשית — פאַרשטיין.

מד. — גלויבן און נישט וויסן, איז אַ קינבאַק אָן אַ גוף.

דרייצנטער קאַפּיטל

א. — חלקיהו איז צוגעקראָכן נאָענט צו מיר; ער האָט געבעטן זיינע הענט צו הילף, כדי זיך צו קאָנען באַוועגן.

ב. — זיין פוס איז געווען געזונט, אָבער אומבאַוועגלעך, ער איז געווען ווילד.

ג. — דאָך, ווען ער זאָל וועלן, האָט ער געקאָנט גיין.

ד. — אין איינעם אַ טאָג, האָב איך געזאָגט צו אים הויך צווישן אַלע מענטשן, וואָס זענען מ'טאָמאָל שטיל געוואָרן: חלקיהו, געקומען איז די שעה, אַז דו זאָלסט ווערן געהיילט.

ה. — שטיי אויף און גיי!

ו. — און מ'האָט געזען, ווי ער האָט זיך וואַקלענדיק אויפגעשטעלט און אָנגעהייבן גיין.

ז. — און ער האָט באַקומען אַן איבערגעשראָקן שטראַלנדיק פּנים פון אַ קינד.

ח. — די, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם הערלעכן בילד, זענען געפאַלן כורעים פאַר דעם נייעם מאַן, אַזוי זיס און שרעקלעך איז עס געווען. מיר האָבן זיי געשאָנקען שבחים און געזאָגט: דו ביזט אַן אמתער נביא, ווייל דו באַווייזסט נסים.

ט. — מיר גלויבן אין דיר.

י. — אָבער זיי האָבן נישט געוווסט פון דער מאַכט, וואָס יעדערער פאַרמאָגט אין זיך, פון דער אינערלעכער עשירות פון

גלויבן, און, אַז דער בעשריי: איך גלויב! איז דאָס כלי-זיין.

יא. — דער אָרעמער חלקיהו האָט נאָך ווייניקער געוווּסט, ווי אַלע אַנדערע, ווי וויַט ער אַליין איז דער בורא פון זיין היילונג.

יב. — ער האָט געגלויבט, אַז אַ געטלעכער הויך איז אַריין אין אים, בעת דער הויך איז גאָר געקומען פון אים אַליין.

יג. — ווייל ער האָט נישט געוווּסט דעם וועג פון אמת.

יד. — עפּעס אַזוינס האָט אין זיי אַלע נישט געוואָלט וויסן.

טו. — פּריינט, צוטרשט דאַרף מען האָבן צוטרוי. דאָס הייסט: זיך שטיצן אויף זיך אַליין. אַלץ, וואָס איר פאַרלאַנגט וועט מקוים ווערן, ווי באַלד איר גלויבט דערין. דער גלויבן איז די גאולה.

טז. — אויב איר האָט גלויבן און איר זאָגט צו דעם באַרג: ביי אַוועק פונדאַנען, וועט ער גיין — וויבאלד איר זענט דער גלויבן. האָרכט אויס אייערע תפילות.

יז — און אין יענעם טאָג בין איך אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ מחנה מענטשן.

יח. — אין וועלכע ס'זענען געווען אַלע נסים פון דער וועלט.

פ ע ר צ נ ט ע ר ק אַ פּ י ט ל

א. — און איך האָב גערעדט צו עטלעכע פון זיי, וואָס האָבן זיך געשטופּט צו מיר,

ב. — כּדי איך זאָל פאַרעדיקן פאַר זיי די יעוואַנגעליע פון גייסט.

ג. — דאָס איז געווען בײם ברעג פון ים אין טבריה.

ד. — אין אײנעם אַ פרימאָרגן, האָב איך זיך אַרײנגעזעצט אין אַ שיפל צוזאַמען מיט עטלעכע חברים, וואָס זענען געווען פישער.

ה. — זיי האָבן געכאַפּט פיש, קלײנע מאַכטלאָזע באַשעפע־נישן, וואָס זענען אַרומגענומען געווען מיט אַ פּאַנצער. זיי האָבן זיי אַרויסגעצויגן פון וואַסער, און יעדער פיש, וואָס מען האָלט אין דער האַנט איז מער נישט ווי אַ קאַלטער שטריק מיט גרויסע, אָפענע אויגן.

ו. — אין דעמזעלבן טאָג, ווען איך בין אין שיפל אײנגעשטיגן, זענען מיר צוליב דעם שײנעם וועטער אָפּגעפאָרן. בײם ברעג ענען געשטאַנען פרויען און קינדער. זיי האָבן געפּאָכעט צו אונדז מיט די הענט און געצערטלט דעם רוים, פּונקט ווי אַ גאָרטן, וואָס באַוועגט זיך אין ווינט, בעת די אומבאַוועגלעכע בײמער אַנטלויפן פאַרן ווינט.

ז. — אָבער, ווי מיר האָבן זיך נאָר דערווייטערט פון ברעג, האָט זיך אויפגעהויבן דער ווינט. ס'איז געווען פינסטער, און

מיר זענען אריין אין שטורם און אין פינסטערניש, פינקט, ווי צווישן בערג, וואס פאלן איין.

ח. — און מיר זענען געווען מאכטלאז אין דעם אומענדלעכן כצאס.

ט. — ווייל דער גאנצער ים האט זיך איבערגעדרייט.

י. — און ער איז געווען שיכור

יא. — און דער הימל איז געווארן דער ים.

יב. — און דער ווינט האט געווירבלט דעם ים אין שטראמען וואסער, דער האריזאנט איז צעהאקט געווארן אויף שטיקלעך. און מ'האט געזען פארביילויפן די ים־באשעפענישן, און שיפ־לעך, וואס האבן זיך געטראגן אונטער שווארצע בייטשן.

יג — דער מעכטיקער האט פארגאסן אונזער שיף מיט וואסער, און מיינע חברים זענען שיער נישט ארויסגעשליידערט געווארן פון דארטן.

יד. — איך בין געווען רויק, און איך האב אויפגעהייבן מיין האנט צו דעם פאדערשטן טייל פון דער שיף, ווו דאס וואסער האט אריינגעדרונגען און איז געווען שווער, ווי ערד, און האט אונדז געגעבן צו פילן דעם ריח פון תהום און דעם תהום אליין.

טו. — און צו די עטלעכע איינגעקארטשעטע, דורכגענעצטע מענטשן, און ווייל דער ווינט האט שטארק געבלאזן, האב איך געשריען הויך אויפן קול, ווי כ'וואלט גערעדט אויף א שטאט־פלאץ:

יז. — און אלע גופים האבן אין איין קול אויסגעשריען: מיר ווילן נישט שטארבן!

יח. — און די מעכטיקייט פון די כוואליעס איז באזיגט גע־ווארן דורך דער אומגעזעענער גרויסקייט פונם מענטשן.

יט. — ווייל איך האב זיי צוריקגעגעבן זייער אייגענעם מוט

און זייער כוח, און זיי האָבן געמיינט, אז איך בין אַ מכשף פון גאָט.

כ. — און מיר האָט זיך געדאַכט, אז איך דאַרף זיי נאָך אַ קורצע צייט לאָזן גלויבן דערין.

כא. — ווייל זיי זענען נישט געווען מסוגל צו טראַכטן און צו שאַפן לויטן נאַקעטן אמת.

כב. — און מיך האָט באַהערשט אַ בייז געפיל, ווייל ס'איז מיר געווען פאַרבאָטן איבערצוגיסן מיין האַרץ אין זייערע הערצער, דאָס הייסט, צו געבן זיי דאָס, וואָס זיי געהערט.

כג. — די דאַרפסט, אויב דו האָסט רעכט, וועקן צוטרוי; ווי באַלד דו האָסט דעם צוטרוי נישט געוועקט, טאָ נעם אים.

כד. — אָבער, ווען וועלן זיי דערזען מיין האַרץ?

כה. — ווען וועלן זיי אָנווייזן אויף מיר מיט די פינגער און זאָגן: זעט, אָט איז דער מענטש.

פופצנטער קאַפּיטל

א. — אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען, אויב איר געדענקט, לענגאויס דער מויער, און וואָס איבער איר איז געוואַקסן אַ דערנער=קרוין,

ב. — בין איך אין איינעם אַן אָוונט פון יענע טעג געקומען אַהיים, ווי אַ מידער וואַנדערער. און בעת איך האָב זיך דאָרט אַראָפּגעבויגן אין שאָטן, האָב איך דערזען, אַז די שטיינערנע באַנק אָטעמט.

ג. — ווייל יוחנן בן זכריה איז דאָרט געזעסן, ווי ער וואָלט זיך דורך אַ נס נישט גערירט, זינט איך האָב אים פאַרלאָזט, אויב איר געדענקט, מיט יאָרן צוריק.

ד. — איך האָב מיך אַוועקגעזעצט אויף מיין אָרט, לעבן אים (צווי מענטשן, איינער לעבן אנדערן, שאַפן אין שאָטן איין שאָטן, וואָס ווערט אינמיטן צעטיילט דורכן טויט).

ה. — אָבער די נאַכט, ווי איך האָב עס שוין באַמערקט אין די ערשטע טעג, נעמט אַוועק די מאַסקע פון פּנים אויפן פּנים און די מאַסקע פון דער ברוסט אויפן האַרצן.

ו. — מיר האָבן גערעדט שטיל, אַזוי ווי די נאַכט וואָלט קליין געווען.

ז. — און אין דערדאָזיקער פינסטערער נאַכט האָבן מיר נישט

געזען די דערנער-קרוין, מיר האָבן נאָר געוווסט, אַז זי איז דאָרט פאַראַן, און מיר האָבן דערין געגלויבט.

ח. — זעסט, איך בין צוריקגעקומען.

ט. — איך ווייס שוין איצט, וויפל פרייד ס'שטעקט אינם זערק און אויף וויפל דיזאַקע פרייד איז ליידן און מלחמה.

י. — און, אַז דער שלום וועט נישט קומען דורכן שלום.

יא. — האָסט עס נישט געוווסט, האָט ער געזאָגט.

יב. — איצט ווייס איך עס שוין.

יג. — און איך ווייס אפילו, אַז כ'האָב עס אַמאָל געוווסט.

יד. — נאָכדעם, ווי מיר האָבן אַרויסגעזאָגט, וואָס מיר האָבן געהאַט צו זאָגן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שטילקייט, ענלעך צו אונדז.

טו.— און צו מיר, וואָס כ'בין געזעסן אומבאַוועגלעך האָט ער געזאָגט:

טז. — וווהין גייסטו, רבי?

יז. — אַראָפּגעלאָזט מיין קאָפּ אונטער דער דערנער-קרוין, וואָס איז געהאָנגען איבער אונדז, האָב איך געענטפערט צוזאַמען מיט מיין גאַנצן שאָטן:

יח. — זיי וועלן דערזען מיין האַרץ דעמאָלט, ווען איך וועל עס פון מיר אַרויסרייסן.

יט. — אפשר, ס'וועט קומען אַ טאָג.

זעכצנטער קאַפּיטל

א. — ביזטו דער משיח? האָט מיך געפרעגט אַ פרוי.

ב. — ניין, איך בין דאָס נישט.

ג. — די פרוי האָט אָפּגעזיפצט און באַדויערט, וואָס איך האָב געזאָגט.

ד. — דעמאָלט האָט זי אויפגעהייבן דעם קאָפּ און נאָכאַמאָל מיך געפרעגט; טאָ זאָג מיר, ווו איז ער?

ה. — ער איז אין דער צוקונפט.

ו. — דער משיח עפנט קערפערלעך די צוקונפט.

ז. — און ער גיט איר אַ האַרץ.

ח. — ער מעסט זי, ווי אַ באַוועגלעכע גרעניץ.

ט. — גלויבן אין ביאת=המשיח הייסט, אָננעמען אונדזער אמתע צורה, וואָס ווערט צעשטערט און ענדערט זיך אָן אַ סוף.

י. — יוחנן דער זון פון זבדיהו איז געווען מיט אונדז. ער האָט געפרעגט זיין מויל און געזאָגט: אין יענעם טאָג, אָבער ווען מ'וועט אונדז אָנזאָגן די בשורה: ער איז געקומען, צי וועט די גרויסע נשמה פון פאָלק ישראל נישט אויפהערן צו גיין פאָרויס?

יא. — און צי וועלן זייערע טעג נישט ווערן פאַרשלאָסן?

יב. — און יוחנן האָט זיך אויסגעדרייט צו אונדז און ער האָט שוין נישט געוואגט צו רעדן קיין וואָרט.

יג. — איך האָב נאָכאַמאָל געזאָגט: דער משיח איז נישט דער, א״ וועלכן מען גלויבט.

יד. — יוחנן האָט געזאָגט צו מיר: חזר איבער דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט, ווייל מען זעט עס נאָך נישט גוט.

טו. — איך האָב געענטפערט: דער משיח איז דער גייסט, און דער גייסט איז אין אונדז.

טז. — דאָס קעניגרייך פון גאָט איז געגליכנט צו א קליין קערנדל, פון וועלכן עס שפּראָצט אַרויס א בוים. דער בוים איז געווען אינם קערנדל. און דער אמת פון דער וועלט איז אין אונדז. אָדער גאָר, ס'איז געגליכנט צו אַן אוצר, וואָס אַ מענטש האָט געפונען אין פעלד ביי זיינע פיס, און ער גלאַנצט אין זיינע הענט. מיר זענען קיינמאָל נישט קיין פרעמדע אינם קעניגרייך פונם אמת, אָבער מיר זענען עס נישט תמיד. די זכיה זי צו זען איז אין אונדז. גאָטס ממשלה וועט נישט קומען מיטאַמאָל דורך אַ דונער, און מ'וועט נישט שרייען: קוקט, ער איז דאָ; אָדער: קוקט, ער איז דאָרט; דאָס הימלישע קעניג-גרייך איז צווישן אונדז. איז עס דען נישט קלאָר, ווי דער טאָג?

יז. — אָבער יוחנן האָט געענטפערט: דו האָסט געזאָגט, אַז ער איז אין דער צוקונפט, וויאַזוי זאָגסטו איצט, אַז ער איז אין דער קעגנוואַרט?

יח. דאָס איז דערפאַר, ווייל דו, טרעגער פון דער געט-לעכקייט, ב'זט אין דערזעלבער צייט די קעגנוואַרט און די צוקונפט, אַזוי לאַנג ווי דו לעבסט. ווייל דער מענטש טיילט זיך יעדן אויגנבליק אויף צוויי מענטשן, איינער, וואָס פאַלט אויף צוריק, און דער אנדערער, וואָס פאַלט פאָרויס. אַז דו זאָגסט: נעכטן, האָסטו געזאָגט: טויט. אַז דו זאָגסט: מאָרגן, זאָגסטו: לעבן. רעדן וועגן משיח: ער איז דאָ, הייסט: אַז ער איז דאָ געווען.

יט. — ווייל מען מוז ווארטן, כדי צו קאָנען זיך אויף אים שטיצן

כ. — די קעגנווארט איז די התחלה.

כא. — זאָלן הערן די, וואָס האָבן אויערן און פארשטיין ביזן טיפן הארצן.

כב. — די גרויסע זאכן זענען נישט אין דער פארגאנגענהייט.

כג. — און זיי זענען אויך נישט אין דער קעגנווארט. זיי וועלן זיין תמיד.

כד. — זיי האָבן מיך געפרעגט: וואָס זאָל מען טראכטן וועגן די אַלטע נביאים?

כה. — איר פארלאָזט די לעבעדיקע, וואָס זענען פאר אייע־רע אויגן, און איר רעדט וועגן טויטע.

כו. — געננוג מיט דער אַלטער וועלט. אָט גייט מען טאָן א נייעם נס.

כז. — וואוהין גייט מען? די תשובה: מען גייט.

כח. — נאָר דער טויט האָט אַ געשטאַלט, דאָס לעבן איז אָן א פאָרם. אָבער וויאזוי בויען אויף דער צוקונפט, שטי־צענדיק זיך אויף זאכן וואָס עקזעסטירן נישט?

כט. — בעת מיר האָבן גערעדט, האָבן מיר געזען פארבייגיין מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען זייען.

ל. — זעסט יענעם, וואָס טראָגט זוימען? ער בויט אויף דער צוקונפט, ער שטיצט זיך אויף די פעטע פרוכטן, וואָס זענען נאָך לגמרי נישטאָ.

לא. —יוחנן דער זון פון זבדיהו, האָט געזאָגט: אַלזאָ, וועט שוין דער אמת מער נישט זיין פארשטעלט?

לב. — ער איז געשטאַנען גלייך מיט פארלייגטע הענט. איך האָב געזען זיין געקנייטשטן שטערן, פארזונקען אין די גע־

קרייצטע הענט. ער האָט געטראַכט פאַר זיך אײַן אין זיך, ווי א מאַמע. ער האָט באַטראַכט דעם אמת, וואָס האָט אָנגעהייבן זיך צו באַוועגן.

לג. — און ער האָט געשריען, ווי אַ חולה וואָס וויל איבער־שרעקן דעם ווייטיק: וויבאַלד דו גיסט אים דאָס לעבן (דעם גייסט), מאַכסטו פון אים אַ מלאך־המשחית.

לד. —און ער האָט מורא געהאַט און געשאָקלט אויף ניין.

לה. — אָבער אין איין אויגנבליק, ווען ער האָט געשאָקלט אויף ניין האָט ער דערזען.

לו. — די אויגן פון דיין פנים, וואָס מאַכן די זאכן זאָלן קומען פאָרויס.

לז. — דאָ איז דער טויער פון די הימלען.

לח. — דער אויפשטאַנד

זיבעצנטער קאַפּיטל

א. — איינע שטייט אין הויז, אָט גייט זי, זי טראָגט עפּעס, זי דערנענטערט זיך כּסדר.

ב. — די אַנדערע זיצט אומבאַוועגלעך, קוקט זיך איין אין חלל, ווי אין אַ שפּיגל, קוקט אויף מיר און דערנענטערט זיך אויף וואָס אַמאָל מער, כאָטש זי איז אומבאַוועגלעך.

ג. — איינע הייסט מאַרטע, די צווייטע מרים, ביידע פרויען, וואָס זאָרגן צערטלעך פאַר מיר.

ד. — מאַרטע, די באַלעבאָסטע, די שפחה, וואָס שפּינט די מינוטן.

ה. — זי האָט געזאָגט: דער, וואָס האָט אַ ווערט, דאַרף טאָן נאָר דאָס, ער זאָל בלייבן ווערטפול. און איך האָב מיך אונטער-טעניקט אונטער איר הכנעה.

ו. — זי האָט געזאָגט צו מיר: וויבאַלד דו וועסט דיך לאָזן אין שלעכטע דרכים, וועל איך אויך דאָרט גיין, כּדי זיי זאָלן ווערן פאַר מיר גוט.

ז. — ווייל, האָט זי געזאָגט, דאָס לעבן איז אָדער אַ קעגנוואַרט אָדער אַן אָפּוועזנהייט.

ח. — מרים המגדלית. זי האָט גאָרנישט געטון.

ט. — זי איז נאָר דאָ געווען.

י. — און דאָך האָט זי מיך איינמאָל באַגאָסן מיט בשמים און

זי האָט אָפּגעווישט מײנע פיס מיט אירע האָר, נאָכדעם האָט זי איר גאַנץ לעבן ווײטער גאָרנישט געטון. דאָס איז געווען איר אַרבעט. און איך האָב מיך אונטערטעניקט אונטער איר הכנעה.

יא. — א בלום איז דאָרט געווען, וואָס איז אָפּגעשטאָרבן אין א וואזע.

יב. — זי האָט געזאָגט, בעת זי האָט זיך דערמאָנט וועגן דער שײנער דרשה פון עפּעס אַן אָוונט; דאָס איז, ווי א ליבע־וואָרט נאָכדעם, ווי ס'איז געזאָגט געוואָרן.

יג. — איר בײדע, וואָס צעבּרעכט אײערע הערצער, ווי ברויט.

יד. — און דו ביזט אײנע, וואָס פאַרשטײסט אַלץ, וואָס איך וואָלט געוואָלט זאָגן.

אכצנטער קאפּיטל

א. — יהודה איש קריות איז אַרויסגעקומען פון אַ ווינקל, און האָט מיך אַ צי געטון בײַ מײַן קלייד, בעת איך בין פאַרבײַ־געגאַנגען.

ב. — קען איך מיט דיר רעדן, רבי?

ג. — ער האָט מיך אָנגעקוקט פון דער זײַט און צו מיר געזאָגט: רבי, איך האָב עפּעס קעגן דיר.

ד. — עס האַנדלט זיך וועגן דער כּלי שמעקעדיקן בוימאייל, וואָס יענע פרוי האָט אַ גאָס געטון אויף דײַן קאָפּ, ווײַל ס'האָט זיך איר אַזוי פאַרגלוסט.

ה. — איך האַלט דעם בײַטל מיט געלט. דאָס איז אונדזער גאַנץ פאַרמעגן. דער בוימאייל האָט באַטראָפן לפּחות דרײַ הונדערט רענדלעך.

ו. — אַ פולע כּלי פערפום מיטאַמאָל! ניין, וואָס פאַראַ פּנים האָט עס! זי איז משוגע די כּשרע נשמה. און חוצדעם ווו איז עס גע־הערט געוואָרן — אָפּצווואַשן דעם רבין די פיס מיט אייגענע האָר? און דו, רבי, האָסט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט דיר געווען ביחא.

ז. — און ער האָט געברומט דערבײַ, ווי אַ הונט.

ח. — יהודה איש קריות איז אַן אָרעמער מענטש, מיט אַ גוטן ווילן, אָבער ער פאַרמאָגט אַ קליינע נשמה.

ט. — נישט פאַראַן שוין קיין ערגערע שונאים, ווי די אָרע־מע, קליינלעכע מענטשן, וואָס ווילן קודם כּל מ׳זאָל וועגן זיי זאָגן: אָט דער איז נישט קיין נאַר.

י. — וויפיל מאָל איך טרעף אים, קומט מיר אויס ווי איך וואָלט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ בוים.

יא. — אין דערדאָזיקער צייט האָבן זיי געבראַכט צו מיר אַ פרוי, וואָס זיי האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך; זי האָט געהאַלטן פאַרבאָרגן איר פּנים, וואָס איז געווען צעקאַליעטשעט און איינ־געהילט אין שרעק.

יב. — דידאָזיקע פרוי איז געכאַפּט געוואָרן ביי זנות. צי זאָל מען זי שטיינען לויטן געזעץ, צי נישט? ענטפער!

יג. — זיי האָבן דאָס געזאָגט, כּדי מיך אַריינצוברענגען אין אַ פאַרלעגנהייט, בעת די אשה האָט געציטערט פאַרן טויט, וואָס לויערט אויף איר לייב, ווייל די געשרייען פון המון האָבן זי שוין פאַרשטיינערט.

יד. — ווער ס׳האָט נאָך קיינמאָל נישט געזינדיקט, דער זאָל אויף איר וואַרפן דעם ערשטן שטיין!

טו. — די מענטשן האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן און וואָס צו טון, זיי זענען זיך צעלאָפן מיט פולע הענט שטיינער.

טז. — מען מוז זיין שטרענג אין די פּרינציפּן, כּדי צו שאַפן די פליכט, ווייל יעדער אַרבעטער איז שטרענג, אָבער מען מוז זיך היטן, נישט צו זיין אין לעבן שטרענגער, ווי ס׳איז נויטיק.

יז. — ווייל איר זאָגט דאָך, איר אַלע, אַז די גערעכטיקייט איז נישט געמאַכט געוואָרן, זי זאָל זיין אַ לאַסט פאַר יעדן, נייערט זי זאָל זיין פאַר יעדן, פּונקט אַזוי לייכט, ווי מעגלעך אויסצוהאַלטן. זי דאַרף זיך נישט אָנוואַרפן, נאָר, וויבאַלד מ׳וויל קען מען אַליין קומען צו איר.

יח. — ווייל דאָס, וואָס איז באַשיידן, איז געגרעכט.

יט. — גליקלעך זענען די גוטמוטיקע, ווייל זיי וועלן ירשענען די ערד. די מילדקייט איז א לייבלעכע, שוועסטער פון דער גע־רעכטיקייט, ווייל ביידע קומען זיי פון גייסט און ביידע עפענען די אויגן, איידער עס עפענען זיך די הערצער.

כ. — און וואָס קליגער עס איז די גערעכטיקייט, אַלץ מילדער און נאָכגיביקער איז זי.

כא. — ווען דער המון האָט זיך צוריקגעצויגן פון דעם נישט פאַגעקומענעם ספעקטאַקל, האָבן נאָך עטלעכע געמיינע מענטשן נישט געוואָלט אָוועקוואַרפן זייערע שטיינער, האָב איך געזאָגט צו דער אשה: נו, גיי און זינדיק נישט מער.

כב. — זי האָט זיך געלאָזט גיין אין שטאָט און האָט זיך דער־וויטערט.

כג. — ווייל זי האָט געטראָגן א גרין קלייד.

כד. — פון דערווייטנס, ביי מיינע פיס, האָט זיך אויסגעשפרייט דאָס בילד פון דער שטאָט, וואָס איר סוף איז פאַרשוווּנדן גע־וואָרן אין שטויב.

כה. — כ׳בין געזעסן אויפן ראַנד פונם ברונעם און מיט א שטעקעלע האָב איך גענומען שרייבן אויף דער ערד, אינם זאַמד, ווי ס׳האָט זיך א גאַנצן טאָג בעצייכנט דער שאָטן פון אונדזערע באַוועגונגען; איך האָב עס געטאָן פּונקט ווי פריער, איידער זיי זענען נאָך צו מיר געקומען.

כו. — דערנאָך האָב איך איבער מיין אַקסל א קוק געטאָן הינטער זיך, און דאָס רויקע וואַסער פונם ברונעם האָט אריינ־געאָטעמט אין מיר איר פרישקייט; און כ׳האָב אויף דער שוואַרצער שאָל פונם וואַסער דערזען מיין בילד.

כז. מיינע קליידער פון גרויען געוועב אויף מיינע דאַרע אַקס־לען, מיינע צעשויבערטע האָר, מיין בלייך פּנים.

כח. — אַט דאָס פּנים, וואָס די ליידן פון דער וועלט האָבן עס מיאוס געמאַכט.

כט. — און מיינע ברעמען, די עטוואָס פאַררויטלטע, וועלכע ס'פאַרמאָגן נאָר די, וואָס זענען געטרייסט.

ל. — און מיינע עטוואָס שטאַרע אייגן —

לא. — צוליב אַט דעם אַלעם, וואָס עס איז נאָך נויטיק געווען צו טאָן.

לב. — און איך האָב געטראַכט: וואָס האָב איך איצט אויפגעטאָן.

לג. — און איך האָב געטראַכט: וויפיל אַנדערע, וואָס זענען שוין אונטערגעגאַנגען, האָבן געוואָלט דאָס זעלבע, וואָס איך?

לד. — און ס'איז אָן צווייפל, אַז מיט הונדערט אָדער טויזנט יאָר צוריק איז אויפן זעלבן אָרט געשטאַנען אַ מענטש, וואָס איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען פונקט ווי איך וועל אונטערגיין, און ער איז ענלעך געווען צו מיר. אין זיין הארצן, וואָס האָט געשלאָגן, האָט ער געפרווט זיין דער מענטש צווישן די מענטשן. און אַזוי ווי ביי מיר זענען אים אָפּגעפאַלן די הענט, אָנמוטיק צו שאַפן די וועלט און צו פאַרוואַנדלען די פאַרצווייפלונג אין בטחון.

ניינצנטער קאפיטל

א. — יוחנן בן זכריה איז געווען אין לאנד און געהאלטן דרשות.

ב. — און אומעטום, וווּ איך בין פאַרבייגעגאַנגען, איז ער שוין פאַרבייגעגאַנגען, אָדער ער האָט געזאָלט פאַרבייגיין.

ג. — אָט איז ער אויף דעם פאַרבלאָזן פלאכלאַנד צווישן די האַרטע שטיינער, מיט וועלכע דער וועג איז אויסגעפּליאַסטערט, צווישן צוויי טונקל-גרינע פלעקן פון צוויי בוימער מיט רונד-פריזירטע שפּיצן; אָט זענען די שטאַרקע געלע און בלויע פלעקן פון זיינע קליידער און זיין רויט פּנים מיט די טונקעלע שטריכן. איינע פון זיינע שטאַרקע הענט מיטן פינגער, וואָס איז אויסגעשטרעקט אין דער לופט, און זיין לינקער אָרעם, וואָס איז געווען זייער לאַנג, צוליב דעם שטעקן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

ד. - ער איז געווען אויסגעמאָגערט און בייז, ווי אַ ווילדער מענטש. די באַקן זענען ביי אים געווען איינגעפאַלן, און זיין בויך איינגעשרומפּן, און די אָדערן פון זיין לייב זענען געווען האַרט, ווייל ער האָט זיך דערנערט מיט היישעריקן און ער האָט גערעדט מיט אַ המונישער שפּראַך און, ווי אַ שטיינהאַקער, אַריינגעקלאַפּט זיינע געשרייען אין די מוחות פון די, וואָס זענען אים געקומען הערן.

ה. — ווייל ער איז געווען א גוטער ארבעטער אויף צו צע־שטערן. ער האָט פארטיליקט און צעשמעטערט די אָפגעטער, ביז צום קערנדל ליכט, וואָס זיי אַלע פאַרמאָגן אין זיך. ווייל זיי איז צוגעטיילט געוואָרן עפּעס פון דער חשיבות פון זייערע באַשעפער; און אַפילו אין עגל־הזהב איז פאראַן א ביסל בלוט.

ו. — ער האָט גערעדט, און זיינע ליפּן האָבן זיך האַסטיק באַוועגט, און זיינע אויגן האָבן זיך געוואָרפן צווישן די ווילדע קנייטשן פון זיין פנים, און זיין מויל איז געוואָרן פירקאַנטיק.

ז. — איר זענט ענלעך צו א שטרויס, וואָס איז האַלב־פויגל און האַלב־קעמל, און קיינער איז קיינמאָל און אין ערגעץ נישט געווען מער חיה ווי איר.

ח. — און ווי דוד האָט אייך געווונטשן, אַז אייער טיש זאָל פאַר אייך פאַרוואַנדלט ווערן אין א נעץ, ווו איר זאָלט אַריינ־פאַלן, און דאָס וועט זיין אַייער שכר.

ט. — היט אייך!

י. — זיין גאַנצער קערפּער איז איינגעשרומפּן געוואָרן אין דער זוכעניש פון שטאַרקע ווערטער.

יא. — ער שרייט, ער פּילט אָן די ווערטער. לייגט אַריין אין זיי זיין בלוט. פון דער מענטשן־מאַסע שמידט ער אויס א מאַ־סע פאַר זיך. ער צעטרייבט ביי איר די ספקות; און זי טרעט אָפּ, ווי א חיה. יעדעס וואָרט זיינס שפּאַלט און עפנט, און דאָך איז געגוג א טראָפּן ליכט, כדי צו דערהייבן דעם מענטשן.

יב. — און ער האָט זיי געוואַשן מיט וואַסער, כדי זיי זאָלן דערמיט פאַרשטיין, אַז מ׳דאַרף זיך ריייניקן די נשמה.

יג. — אין איינעם א טאָג איז ער געקומען דאָרט, ווו איך בין געווען, און איך האָב געהערט, ווי ער האָט גערעדט מיט יהודה איש קריות און ווי ער איז זיך שלעכט מיט אים באַגאַנגען צוליב זיין פאַרזיכטיקייט און באַגרענעצטקייט.

יד. — יהודה האָט צו אים געזאָגט: רבי, וואָס האָסטו קענען מיר?

טו. — ער האָט געענטפערט: גאָרנישט, ווייל דו ביזט גאָרנישט.

טז. — דו טוסט דיינע קליינלעכע מעשים, דו ביזט אָבער נישט קאַלט און נישט הייס. הלוואי וואָלט דיך גאָט באַשאַפן קאַלט אָדער הייס. אָבער אַזוי ווי דו ביזט לעבלעך, וועל איך דיך אויסשפּייען פון מיין מויל.

יז. — דערנאָך האָט מיך דערזען יוחנן המטביל, בעת איך האָב צו אים גענענט, און ער האָט געזאָגט: דער, וואָס איז געקומען נאָך מיר, איז גרעסער פון מיר, און איך בין אפילו נישט ווערט צו פאַרשנורעווען זיינע שיך.

יח. — ער קומט מיט זיין גאַנצער גרויסקייט. און ער איז בלייך, ווי דער מזרח.

יט. — אָבער פּלוצלונג זעט מען שוין נישט מער יוחנן בן זכריהן.

כ. — ווייל מ'האָט אים איינגעזעצט אין תפיסה.

כא. — אַזוי גוט ווי אַלע, וועלכע טוען, וואָס זיי טראַכטן.

כב. — אין איינעם אַ טאָג זענען אָנגעקומען זעלנער, קינדער פונם אָרעמען רוימישן פאָלק, און זיי האָבן מיט געוואַלט געבונדן

כג. — דעם, וואָס האָט געוואָלט אויסלייזן די מענטשן.

כד. — דאָס בילד צרום איז געווען האַרצרייסנדיק.

כה. — גלייך ווי ער וואָלט נאָך אַליין געשריגן.

כו. — און איך, מיט נאָך עטלעכע, האָבן פאַרלאָזט די וועגן, און מיר האָבן זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום מדבר.

כז. — כדי צו זען דאָס אָרט, ווו ער האָט זיך טיילמאָל אויפגעהאַלטן.

כח. — נאָך דריי טעג אַרומוואַנדערן אין מדבר, אינם מדבר, זוּ ס'איז קיין שום וועג נישט יעווען, האָבן מיר געפונען זיין אָרעם געצעלט, וווהין מיר זענען אַריינגעגאַנגען.

כט. — אַ שוועל ביי דער טיר, משופּעדיקע ווענט, אַרום שטיי־נער, שטיינער.

ל. — זיין אַוועקגיין האָט אויסגעבויערט אַ חלל ווייט־ווייט אַזש ביזן וואַסער, און אומעטום האָט געגליוערט זיין שטילשווייגן.

לא. — און כּדי דאָרט זיין צוזאַמען האָבן זיינע תּלמידים אַלץ אַוועקגעוואָרפן.

לב. — ווייל יוחנן איז נעלם געוואָרן.

לג. — אין זיין געצעלט איז געלעגן אַ הייפל ערד אָדער בלאָטע, וואָס האָט געדינט פאַר אַ טיש; און אויף דעמדאָזיקן טיש זענען געווען אויפגעשריבן סימנים.

לד. — דאָס זענען געווען שטיקער פון אים.

לה. — וואָס זיין פינגער האָט אויסגעפונען און אויסגעפאָרעמט.

לו. — און מיר האָבן עס געליינט; און מיר האָבן זיך גע־בויגן צו אים איבערן וואַל פון זיין אָפּוועזנהייט, בעת די אַנ־דערע האָבן געוואַרט, ביז מיר וועלן פאַרענדיקן דאָס, וואָס מיר האָבן געליינט:

לז. — איר זענט ענלעך צו אַ שטרויס, דער זון פון געשריי.

לח. — און די אותיות פון יוחננס פינגער האָבן ווייטער גע־זאָגט:

לט. — און בלעם, דער זון פון בעור, האָט געזאָגט, און דער מענטש מיט איין אָפענעם אויג האָט געזאָגט.

מ. — האָרכט, פונקט ווי די וואַר־זאָגער, דעם שטומען רעדנער און דעם ווינט פון די ווערטער און די אַלטע, וואָס האָבן ביי־נער אין זייערע געהירן און וואָס זייערע אויגן זענען אייז.

מא. — אָבער זעט: אַ ווערק, אַ זאַך. איר ווייסט? די גרעסטע

מב. — (און דאָס, וואָס איך גיב איבער, אַ צוואה, וועלכע דער מאַן, וואָס איז דאָ שוין מער נישטאָ, האָט אָנגעשריבן אויפן בויך פון דער בלאַטע. און דאָס איז נאָך אויך געווען אָנגעשריבן און האָט עדות געזאָגט אויף זיין גרויסקייט).

מג. — און דער מענטש זאָגט, און דער מענטש מיט איין אָפּגענעם אויג זאָגט:

מד. — וואָס איז געווען די גרעסטע זאַך? איך בין געשלאָפן; נאָר בעת מיין שלאָף איז מיך אַזאַ פינסטערניש באַפאַלן, אַז איך האָב מורא באַקומען.

מה. און דעמאָלט, אין אַ הייסן טאָג האָט אַ פלאַם־פייער זיך דורכגעטראָגן איבער דער גרעסטער זאַך,

מו. — איבער דעם טורעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט דערהייבן ביז אין הימל אריין!

מז. — און דעמאָלט האָט גאָט געזאָגט, ווי ס׳שטייט געשריבן: ווײַבאַלד זיי וועלן זיך פאַרייניקן און שאַפן איין איינציק פאָלק, און אויב זיי וועלן דערצו ווייטער אַרבעטן, בין איך, גאָט, פאַרלוירן.

מח. — דעריבער: לאָמיר צעשטערן זייער אַרבעט, צערייסן די אחדות פונם פאָלק; און דערפאַר לאָמיר שפאַלטן זייערע אייגענע ווערטער, מי״, געטער.

מט. -- און לאָמיר זיך צו דעם צוועק באַנוצן מיט זייערע אייגענע מיילער און מיט זייערע קעפּ, די מושלען פון ליכט.

נ. — ער האָט אַזוי געטאָן, און זיי האָבן מער נישט פאַרשטאַנען איינער דעם צווייטן. זיי האָבן גערעדט אויף קעגנזייטיק־פיינדלעכע לשונות און האָבן געפירט צווישן זיך מלחמה.

נא. — און ווען זיי האָבן אפילו גערעדט אויף דערזעלבער שפּראַך, האָבן זיי זיך שוין מער נישט פאַרשטאַנען, אויף דער ערד.

נב. — וואָרום, וויבאַלד דאָס ווערק פון מענטשן איז גרויס, קאָן עס אפילו דאָס פייער פון הימל נישט אומברענגען.

נג. — סיידן די מענטשן.

נד. — די מענטשן גופא שאַפן אָדער שאַפן נישט אָדער זיי מאַכן גאָר חרוב.

נה. — און דער טורעם האָט אויפגעהערט צו שטייגן, און ער האָט נאָך ביסלעכווייז אַראָפּגעגלידערט צו דער פלאַכער ערד.

נו. — און פעלקער זענען פון פעלקער פאַרשאָלטן געוואָרן.

נז. — און לסוף וועט מען רופן: האַר, ווער ביזטו?

נח. — איך בין דער, וואָס האָט אין די ערשטע טעג געזאָגט דאָס, וואָס ס'שטייט געשריבן אין דער תורה: אויב דער מענטש וועט עסן די פרוכט פון עץ-הדעת, וועט ער ענלעך זיין צו אונדז, געטער, און אזוי טאָר נישט זיין.

נט. — ווייל ער וועט איבערטראָגן בערג.

ס. — ווייל ער וואָלט געהאַט דעם בליץ פון דער זון.

סא. — איך בין דער שונא פון דער געטלעכקייט.

סב. — יוחנן בן זבדיהו איז געווען מיט מיר.

סג. — צו אים האָב איך געזאָגט: דו הערסט...

סד. און ער האָט מיר געענטפערט: איך זע.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

א. — איך בין אַרויף אויף אַ באַרג, אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע געטרייע.

ב. — מיר זענען שטיין געבליבן און זיך אויסגעדרייט; אַ גאַנצע מחנה מענטשן האָט זיך צענויפגעזאַמלט און איז אונדז נאָכגעגאַנגען.

ג. — בעת איך האָב דערזען דאָס פאָלק פאַרזאַמלט אַרום מיר, האָב איך געוואָלט גיין צו זיי רעדן, וואָרום איצטער איז געקומען די שעה צו דערפילן דעם חוב פון רעדן פאַר אַלעמען.

ד. — כדי מיין גלויבן זאָל קלינגען.

ה. — און כדי מיין פשטות זאָל ווערן אָנזעעוודיק.

ו. — אָבער אין ערשטן אויגנבליק האָב איך נישט געוווּסט וויאַזוי אָנצוהייבן

ז. — צוליב דער גרויסקייט פון דער התחלה.

ח. — ס׳זענען דאָרט געווען קינדער, טייל מיט היטעלעך אויף זייערע קעפּלעך און טייל מיט די בלויזע קעפּלעך, אַלע אין צעריסענע מלבושים, וואָס פון אונטער זיי האָבן אַפּערגעקוקט אַ סך פּאָר קליינע פיסלעך.

ט. — און זיי האָבן געוואָלט נעענטער צוקומען אין מ׳האָט זיי געוואָרנט שטילערהייט: טראָגט זיך אָפּ.

י. — פריער פאַר אַלע, אין דער ערשטער ריי, זענען געשטאַנען פּרושים, סופרים און חכמים.

יא. — איינער פון זיי האָט געזאָגט אויפן קול, כדי מ׳זאָל אים הערן: ווי קאָן דערדאַזיקער מענטש רעדן וועגן דער תורה, בעת ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געלערנט?

יב. — אָבער מיין הויך קול האָט אים איבערגעשריגן: ווי קאָנט איר רעדן וועגן אמת, בעת איר האָט אים נאָכנישט געלערנט?

יג. — א סופר האָט אָנגעוויזן אויף מיר מיט זיין פינגער און געשריגן:

יד. — איינמאָל האָסטו געהיילט א פּאַראַליזירטן אום שבת!

טו. — צבועקעס! האָב איך באַדאַרפט לאָזן אים פּייניקן זיך נאָך א טאָג? דער שבת איז געמאַכט געוואָרן פאַרן מענטש, נישט ז׳ער מענטש פאַרן שבת.

טז. — אָבער איר זענט די, וואָס זאָגן: טוט ווי איך הייס, אָבער טוט נישט, וואָס איך טו. ווייל איר זאָגט און טוט נישט.

יז. — וואָרום איר זענט פרום נאָר מיט אייערע תנועות און נאָר מיטן מויל. איר קלייבט נדבות ביים שאַלן פון שופר און איר ציט אויף זיך די אויפמערקזאמקייט מיט אייערע קולות. און איר שטעלט זיך דאַווענען אינמיטן גאַס, כדי מען זאָל אייך זען, און איר קלאַפּט זיך קאָפּ אָן וואַנט, און איר דרייט אָפּ די קעפּ, נישט צו קוקן אויף קיין אישה. און איר ווייסט זייער גוט, ווען אַנטשוויגן צו ווערן, איר, וואָס שפּייט אַרויס פון זיך אַזעלכע גרויסע ווערטער.

יח. — און דאָס פאָלק האָט מיך אויפגענומען מיט א באַגייסטערטן געשריי, פּונקט ווי אַן עלטערער ברודער א יינגערן.

יט. — ווייל זיי זענען געווען צעפרידן פון אמת.

כ. — און זייער טיף שטילשווייגן האָט זיך צו מיר געעפנט.

כא. — אין יענער רגע האָב איך געהאַט צוויי טויזנט הער־צער, פונקט ווי זיי.

כב. — מיין וואָרט איז געווען מיין לייב און מיין בלוט.

כג. — טוט פאַר אַנדערע דאָס, וואָס איר וואָלט געוואָלט, מ'זאָל טון פאַר אייך.

כד. — טוט נישט דעם צווייטן דאָס, וואָס אירווילט נישט, מ'זאָל עס אייך טון.

כה. — דאָס איז דער בת־קול אין דעם מענטשלעכן געפיל־דער.

כו. — וואָרום איין מענטש איז ענלעך צום אַנדערן.

כז. — און דאָס פאַרפליכטעט אייך אַ סך, ווייל דאָס איז די פאַרפאָלקאָמונג פון דער ערדישער גערעכטיקייט.

כח. — ביזן סוף.

כט. — און די ווערק פון דער נאַטור זענען גרויס, אָבער פאָרמלאָז.

ל. — אָבער די דענקמעלער פון די מענטשן פאַרמאָגן אין זיך די סימעטריע פון גערעכטיקייט.

לא. — און אָט אַזוי וועט אונטערן הימל אויסקוקן דער דענק־מאָל פון אַלע צייטן.

לב. — וועלכן אַלע אַרבעטער וועלן צוזאַמען בויען.

לג. — נעמט אין זיך דידאַזיקע זאַכן, וועלכע איר לאָזט פאַרטריקענען אויסער אייך.

לד. — וואָרום די אותיות זענען אויסער אייך, בעת דער גייסט איז אין אייך.

לה. — טאָג און נאַכט שאַפט לויטן גייסט.

לו. — און גלויבט אין זיך אַליין.

לז. — איר זענט פאַרפלאָנטערט אין מנהגים, געזעצן און כללים, ווי אין אַ נעץ.

לח. — און אויך אין טויטע דינים.

לט. — נעמט צווייפלען אין אויסערלעכע זאכן און זאָגט: ניין.

מ. — וואָרום איר פאַרקערפּערט די גערעכטיקייט.

מא. — שטויסט אָפּ מיט די הענט יענע חכמים, וואָס זענען אומזויסנד, ווייל זיי קענען נאָר איין זאַך, וואָס זיי רופן זי אַן געזעץ, אָבער זי איז נישט מער, ווי זייער געזעץ.

מב. — און זיי, זאָגט דער נביא, גייען אין שלעכטע דרכים, זייער געדאַנק גייט פאָרויס, ווי אַן עמוד האש.

מג. — גליקלעך זענען די פּשוטע אין גייסט, ווייל פאַר זיי עפענען זיך מערער טויערן, ווי פאַר אונדז.

מד. — לאָזט צו צו מיר די קליינע קינדער און שטערט זיי נישט, ווייל דאָס הימלישע קעניגרייך געהער צו די, וואָס זע־נען ענלעך צו זיי.

מה. — און שיין וואָלט געווען, מיר זאָלן דערגרייכן צו זיי־ער הויך.

מו. — דער הימל איז נישט אַזאַ זאַך, וואָס מ׳קאָן געווינען מיטן אויסשטרעקן די הענט אין דערהויך.

מז. — טראָגט דעם הימל אין זיך גופא.

מח. — און שאַפט פון זיך אַליין.

מט. — און דעמאָלט, האַנטווערקער פון דער ווירקלעכקייט, וועלן אייך אייערע הענט דערהייבן.

נ. — אייך די פּשוטע, די אָרעמע, די צאָלרייכע.

נא. — אייך, דאָס געליימטע פאָלק.

נב. — נעמט זיך נאָכאַמאָל צום אָנהייב.

נג. — מאַכט די התחלה.

נד. — דאָס יידישע פאָלק איז אַ קליין פאָלק מיט אַ גרויסער נשמה.

נה. — וואָס איך בין איר באַשיצער.

נו. — און אויסלייזער.

נז. — כדי מציל צו זיין די פאַרלוירענע!

נח. — אין יענעם טאָג האָבן זיי עולה־רגל געווען צו מיר. די קינדער האָבן געשריגן: הושענא, און דאָס פאָלק האָט מיך געטראָגן אויף די הענט.

נט. — און איך האָב זיך באַשטימט מיט זיי אין בית־המקדש אויף ערב פסח.

ס. — און יוחנן־זבדיהו האָט געזאָגט צו מיר: איך האָב געזען דיין נשמה אַרויסלייכטן פון דיין גוף, און פון דיין מויל איז אַרויס אַ שווערד.

סא. — און איך האָב געזען דאָס געליימטע פאָלק, וואָס האָט אָנגעהייבן אויסגעהיילט צו ווערן.

סב. — דערנאָך, אין דער שעה פון קרבן מנחה, האָבן מיר זיך געטראָפן זאַלבעדריט אויף אַ וועג, וואָס האָט געפירט ווייטער.

סג. — איך, שמעון בר יהודה און פּאַולוס, מיינע תּלמידים, ווייל זיי זענען ווייט אַוועק, מיטן וועג.

סד. — און שמעון האָט געזאָגט צו מיר: איך האָב דיך אויסגעהערט, איך האָב דיך פאַרשטאַנען, דיין וואָרט האָט טיף אין מיר אַריינגעדרונגען. ס'איז אַריין דורך איין עק פון מיין האַרץ און ס'וועט אַרויס דורכן צווייטן. אַזוי וויל איך עס איבערגעבן די מענטשן.

סה. — און פּאַולוס האָט געזאָגט צו מיר: איך האָב פאַרשטאַנען. דיין ליכט איז אַזוי טיף אַריין אין מיר, אַז איך זע עס אפילו ביינאַכט; און איך וועל אויך זיין דער רוף פון דיין קול, געטראָגן אויף מיינע פיס.

סו. — און עפּעס האָט אונדז אַלע דריי פאַרוואַנדלט אין איין מענטשן.

סז. -- ביידע האָבן זיי מיך פאַרלאָזט, כּדי צו פאַרשפּרייטן מיינע ווערטער. איך האָב זיי באַגלייט אַ שטיק וועגס (און אינדערהויך. האָבן עטלעכע שטערן זיך גערוקט פאָרויס); דערנאָך האָבן זיי מיך, ביים ערשטן קרייץ-וועג, פאַרלאָזט, און זיך געזעגנט צווישן זיך; איינער האָט זיך געלאָזט גיין מיט איין וועג און דער אַנדערער מיט אַ צווייטן.

סח. — כּדי צו פאַרשפּרייטן מיינע ווערטער.

איינאונצוואנציקסטער קאפיטל

א. — איך האָב אויסגעהערט די ווערטער פון מיכאל, וואָס איז נישט לאנג מיט אונדז געווען:

ב. — וואָס זאָל מען ענטפערן, חיבאלד איינער זאָגט: אויב גאָט האָט אַלץ באַשאַפן, האָט ער דאָך אויך באַשאַפן דאָס שלעכטע?

ג. — יוחנן־זבדיהו האָט געענטפערט אויף דער פראַגע, ווי איי־נער, וואָס האָט שוין וועגן דעם געטראַכט: מען קאָן דערויף נישט ענטפערן, נאָר מען דאַרף אנהייבן רעדן וועגן עפּעס אַנ־דערש.

ד. — דידים, וואָס איז פול געווען מיט פאַרביטערונג און איז תמיד געווען אומצופרידן (און איך האָב אים דערפאַר ליב גע־האַט), האָט איבערגעריסן מיט כעס:

ה. — פאַרוואָס האָט דער גוטער מענטש אַ קורץ לעבן און פול מיט דאגות? ער שרייט און געפינט נישט קיין ענטפער. ער בעט, ווי איינער, וואָס רעדט צו זיך אַליין. לסוף פאַרלאָזן אים די כוחות און ער שטאַרבט; מען לייגט אים אין דער ערד אַריין, און ווו קומט ער אהין?

ו. — און פאַרוואָס, ווי איוב האָט געפרעגט, לעבן און עלטערן זיך די רשעים אין רשעות און אין ווילטאָג? פאַרוואָס זענען אויפן דאָזיקן איוב, וואָס האָט דאָס געפרעגט, געקומען אַזעלכע

צרות און יסורים און ווערים אויף זיין לעבעדיק לייב, און פאַרוואָס ער האָט געזאָגט צו זיין קבר: דו ביזט מיין פאָטער און צו די ווערים, איר זענט מיין משפחה, נאָר כּדי גאָט און דער שטן זאָלן זיך קענען ווילן און אים פּרוּוון?

ז. — וואָרום די צרות, האָט דידים געזאָגט, לאָזן זיך גאָרנישט אויס און וואָס איז עס פאר אַ יושר, אַז דער צדיק זאָל אפילו איין רגע באַהאַנדלט ווערן, ווי אַ רשע? און ווען ס׳זאָל אויף דער ערד זיין בלויז איין טראָפּן בלוט, דאַרף עס דען פאַרגאָסן ווערן? וועגט דען נישט אַ טראָפּן בלוט אַזויפיל, וויפל דאָס גאַנצע גוטס? און וויבאַלד די יסורים זענען הבל, טאָ פאַרוואָס האָט זיי גאָט באַשאַפן אויף דעם לייב און ביינער פון די מענטשן?

ח. — און דידים האָט אויסגעשריגן אויפן גאַנצן קול, ווי זיין שטייגער: די פּרוּוון זענען א בזיון!

ט. — און ער איז געווירט געוואָרן פון זיין אייגענער געפאַלנקייט און ער האָט אויסגערופן: האָט ער נאָר באַשאַפן דאָס שלעכטע? אָבער פאַרוואָס פאַרמשפּט ער צום טויט?

י. — האַר, אייביקער שעפער פון פּגרים!

יא. — אָבער ער איז צנטשוויגן געוואָרן, בעת ער האָט דערהערט, ווי די איבעריקע מורמלען אַקעגן אים.

יב.— נתנאל האָט געזאָגט: מיר טאָרן זיך נישט באַקלאָגן אויף אונדזער בראָך, און זאָל עמעצער רעדן דערפון (פון גאָט און פון זיין זיווג מיט די יסורים), וואָלט ער דערפון ווי פאַרשלונגען געוואָרן.

יג. — וואָרום דער מענטש איז גאָרנישט; און פאַרטיידיקן אָדער רעכטפאַרטיקן זיך וואָלט געהייסן: חוזק מאַכן פונם בורא און זיך צו אים פאַרגלייכן. וועגן דעם האָט געזאָגט איוב, דער

העלר פון די כתובים. אפילו ווען ער זאָל מיר ענטפערן, וואָלט איך נישט געגלויבט, אַז ער הערט מיך אויס.

יד. — איך האָב געזאָגט: בעת מ'זאָגט, אַז גאָט האָט אַלץ באַשאפן, איז מען געצוווּנגען צו לייקענען אין דעם, וואָס מ'האָט געזאָגט, און באַ״ד צו צוגעבן: אַנדערע, נישט ער, האָבן באַשאפן דאָס שלעכטע. אַנדערע: די, וואָס זענען דאָ פאַראַן: מיר. און מיט דער רשעות טייטשט מען אויס די יסורים און דעם טויט.

טו. — אָבער דאָס הייסט: מיטן שאָטן דערקלערן די נאַכט.

טז. — דידאַזיקע ווערטער האָבן צעטומלט די אַלע, וואָס זענען דאָרט געווען. איך האָב געזען, ווי זיי האָבן מיט שרעק געטראַכט וועגן יענע געצנדינערישע לערעס, וואָס זענען אין אַ גלייכער מאָס באַגרינדעט אויף ווייס, ווי אויף שוואַרץ.

יז. — איינער האָט געזאָגט: מען דאַרף וועגן דעם נישט רעדן. און איך האָב געזען, ווי עטלעכע האָבן זיך אין הארצן פון מיר צוריקגעצויגן.

יח. — ווייל זיי האָבן געזען, ווי אינם חלל עפנט זיך אַ תהום

יט. — אָבער איך האָב געזאָגט: דאָס איז אַ שרייענדיקער באַווייז, אַז אַלץ איז אין אונדז.

כ. — מיר טראָגן אין זיך דעם תהום פון ווייטיק און דעם קוואַל פון אמת און די קוואַלן פון בלאָנדזעניש. און מיר טראָגן אויך אין זיך דאָס קעניגרייך פון מרידה און דאָס קעניגרייך פון הכנעה. דעריבער, לאָמיר צוזאַמען גלייך שרייען.

כא. — זיי האָבן אראָפּגעלאָזט זייערע קעפּ און מער אויף מיר קיין קוק נישט געטאָן, אויס מורא מיך צו זען.

כב. — און זיי האָבן געזען, ווי די התחלה האָט געביטן איר אָרט.

כג. — אין דידאָזיקע מענטשן האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן ווי בערג.

כד. — דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט, שטייט אין מיר געשריבן.

כה. — און אין זיי. איך וועל זאָגן דאָס, וואָס ס'שטייט געשריבן אין מיר און וואָס ס'איז אויסגעקריצט אין די הערצער פון דער מאַסע. און איך וועל אַראָפּשרייבן פון די דעכער.

כו. — דאָס וואָרט פון דער מאַסע איז דער רעדנער.

כז. — ס'איז נייטיק צו רעדן. ס'איז נייטיק צו זאָגן דעם אמת, אפילו ווען אַ סך מיילער זאָגן אַנדערש.

כח. — אפילו ווען אַלע זאָגן אַנדערש.

כט. — ווײַבאַלד איך וועל אַנטשוויגן, שטאַרב איך. ווײַבאַלד אָבער איך האָב גערעדט איז נאָכן טויט שווײַג איך אויך נישט.

ל. — און בײַנאַכט, בעת איך בין געזעסן איינער אַליין פאַרטראַכט, האָט זיך דערטראָגן צו מיר אַ קול, וואָס כ'האָב שוין געהערט בײַטאָג, דאָס היימיש קול פון אַ קאָפּ, וואָס האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו מיר און געזאָגט:

לא. — ישו, דו רעדסט נאָר בלויז וועגן פשוטע ענינים, זיי זענען אָבער צו פשוט. דײַן קעגנוואָרט איז אימהדיק און, בעת מ'לעבט לעבן דיר, ווערט מען צעשטויבט.

לב. — ווײַל דו ביזט דער לערער פון אויגן.

לג. — אַך דו, שפּע פון דעם אַלעם, וואָס איך זע!

לד. — און דער אַנדערער איז געווען טרויעריק, ווײַל ער האָט פאַרגעסן; כ'האָב פאַרגעסן, כ'האָב פאַרגעסן. אויך דער ווײַטיק האָט מיך פאַרלאָזן, אַליין מיך געלאָזן, ווי אַ מת. אַלע זאַכן פון צוואַנציק יאָר צוריק, דאָס ווײַב און דאָס קינד, וואָס האָבן מיך געהאַלדזט: איך האָב זיי פאַרגעסן, ווי ס'וואָלט שוין געווען דורות־לאַנג. און, לײַדער, ווייס איך קוים, אַז איך בין געווען אומגליקלעך.

לה. — און זיין אומעט האָט געזוכט מיין האַנט, כּדי זיך צו דערהייבן.

לו. — אָבער אלעזר, וואָס האָט נאָך ביז דעמאָלט נישט גע־ווּסט פון קיין צרות, האָט איינמאָל אינאָוונט צו מיר געזאָגט: איך בין געווען טויט, און דו האָסט מיך ווידער לעבעדיק גע־מאַכט.

צוויאונצוואנציקסטער קאַפּיטל

א. — איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ שטאָט, וואָס הייסט שכם, און אויף דעם אָרט, ווו עס געפינט זיך יעקבס ברונעם, האָב איך באַגעגנט אַ פרוי און ביי איר געבעטן אַ טרונק. אָבער זי האָט מיר געענטפערט:

ב. — ווייסטו, ווער איך בין, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר אַ טרונק? איך שטאַם פון שומרון. און מיר גלייבן, אַז גאָט וווינט אויף אָט יענעם באַרג, בעת איר יידן זאָגט, אז ער וווינט אין ירושלים.

ג. — אשה, ס׳איז געקומען דער טאָג, ווען מ׳וועט שוין נישט תפילה טון צו גאָט אין ירושלים און נישט אויפן באַרג, נייערט אין גייסט און אין אמת.

ד. — זי האָט געזאָגט: ווו איז ער?

ה. — ער געפינט זיך נישט אין די קדשי־קדשימס, וואָס זענען געמאַכט פון אַ מענטשלעכער האַנט.

ו. — דו זוכסט זיין בילד, כדי צו זאָגן: דאָ איז ער, און ווילסט אים געבן אַן אויסערלעך געשטאַלט.

ז. — אָבער ס׳שטייט געשריבן: זאָלסט זיך נישט שאַפן קיין בילדער.

ח. — און קיינער האָט נישט דאָס רעכט ארויסצוריידן זיין נ אָ מ ע ן, הגם, מ׳קען אים פון משהן אָן; כדי דערמיט

נישט צו מאַכן קיין אָנהייב פון א בילד. גאָט איז אינם סוד.

ט. — דידאָזיקע פרוי, וועלכע איז געווען אַ פרוי פון אַ מאַן, האָט געזאָגט צו מיר: איך בעט דיך, אַנטפּלעק פאַר מיר דיין נאָמען.

י. — איך האָב געענטפערט: צוואָס ווילסטו וויסן מיין נאָמען?

יא. — זי האָט געזאָגט: ווייבאַלד אַזוי, טאָ בענטש מיך.

יב. — און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען פאַרחידושט, אַביסל אויפגעקלערט און באַרייכערט, מיטן וועג, אויף וועלכן ס'האָבן מיט ריזן-שפּרייזן געטרעטן אונזערע אבות, אברהם יצחק און יעקב מיט זייערע גרויסע סטאַדעס,

יג. — האָב איך זיך פאַרטראַכט און זיך אונטערגעוואָרפן דעם געבאָט, וואָס לייזט אונדז אויס.

יד. — אין גייסט און אין אמת. די זאָלסט זיך נישט שאַפן קיין בילדער.

טו. — און איך בין נאָכגעגאַנגען דעם געבאָט אַזוי הויך, ווי מען האָט נאָר געקענט.

טז. — וואָרום, בעת איך זאָג, אז גאָט איז ערגעץ אויסער אונדז, שאַף איך אַ בילד.

יז. — איך מאַך פונם הימל אַ זאַך, און פונם דונער אַ פערזאָן.

יח. — און דאָס איז גראָב און גשמיותדיק.

יט. — גאָט איז אין אונדז. איז ער נישט, הייסט עס, אַנ-דערשוווו.

כ. — און זיי זאָגן, אז דער שטאַרקער גאָט שפּאַצירט אי-בער די הימלען, און אז די זון קומט אַרויס פון זיין אינגע-

ווייד, און זיי מאַכן פון אים דעם גרעסטן פון אַלע מזרח־לענדער.

כא. — און אַזוי ווי מ'האָט עס זיי פאַרגעוואָרפן פאַר אַן עברה, זענען זיי געפאַלן אויף דער ערד פאַרן ווערק פון זייערע הענט.

כב. — דער מענטש, דער צדיק, וועגן וועלכן אלחנן האָט געשריבן, איז באַשאַפן געוואָרן פונעם מענטשן, וואָס געפינט זיך אונטן, און פון דער גערעכטיקייט, וואס געפינט זיך אינעווייניק.

כג. — וואָרום מיר פאַרמאָגן אין זיך די וואָרצלען פון די ביימער פון גליַיכמעסיקייט.

כד. — און האָט דען דוד־המלך נישט געזונגען: אָ, גאָט פון מיין גערעכטיקייט!

כה. — מיר נויטיקן זיך אין דאָס אומבאַוווסטע, וואָס האָט קיין גבול נישט און דידאָזיקע נויטווענדיקייט איז גאָט.

כו. — מ'האָט מורא פאַר גאָט, און דידאָזיקע מורא איז גאָט.

כז. — מיר מאַכן אָפּגעטער פון האָלץ און פון מעטאַל.

כח. — און אויך פון ווערטער, וואָס זענען בילדער און צייכנס; און פון אידעען, וואָס זענען בילדער אין ליכט.

כט. — און אויך פונעם געשריי פון אונדזערע הערצער.

ל. — און מיר זאָגן: דער געשריי וואָס אויסער אונדז, איז עמעצער.

לא. — דאָך איז עס נאָר אַ תּפילה.

לב. — פאַרצייטנס, ווען אונדזערע עלטערן האָבן נאָך פאַרמאָגט ווייניק חכמה, האָבן זיי תּפילה געטאָן צו די שטיינער, פון די אורים־ותּומים, וואָס זענען געווען גאָט.

לג. — דאָס זעלבע טוען מיר, נאָר די צוויי שוואַרצע שטיינער זענען געוואָרן אַזוי גרויס, ווי די וועלט.

לד. — גאָט-וועלט, דער אָפּגאָט פון די אָפּגעטער.
לה. — פאַרשווערונג פון מיינע בליקן, בלוטבאָד פון מיין האַרצן!
לו. — פון דער טיפעניש, פון די אָפּגרונטן פון מיין צער, שריי איך אויס: ניין!
לז. — אַלץ איז אין אונדז, און אונדזער געשריי פאַרגייט נישט, און אונדזער אויסגעשטרעקטער אָרעם פאַרגייט נישט, און מיר גייען נישט ווייטער. ווי מיר גייען, אפילו ווען מיר ווערן משוגע פון חלומות און אויפגערעגט פון יאוש.
לח. — איז, הייסט עס, גאָט נאָר אין אונדז?
לט. — יאָ, ער איז נאָר אין אונדז.
מ. — ער איז אין אונדז, ווי די מתים, וואָס מ'האָט ליב געהאַט און געמאַכט זיי אויפלעבן. דאָס איז אַ קאַמף, אין וועלכן נאָר מיר נעמען אַנטייל. גאָט איז אינם סוד. איר זאָגט: אין גייסט. באמת אין גייסט, גאָט פון אונטן אינדערהייך צו.
מא. — עס וואָלט געװען בעסער, ער זאָל זיין אויסער אונדז. דער רעגן זאָל האָבן אַ פאָטער און די גערעכטיקייט זאָל זיין דער מלאך פון דער גערעכטיקייט, און עמעצער זאָל זאָגן דעם פייער, וואָס ער האָט צו טון, וואָ־זום, וויבאַלד ער וואָלט דאָ געװען, וואָלטן די גוססע געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זיי שטאַרבן, און די אבלים וואָלטן נאָר געפילט אַ העלפּט פון זייער עלנט, און דער גורל וואָלט געוואָרן אַ גרויסע וואָג, און מען וואָלט געוואָרן רויק.
מב. — אָבער עס איז נישט אַזוי.
מג. — און זאָגן: גאָט עקזיסטירט איבער דער וועלט פון אויסערלעכקייט, איז פּונקט אַזוי אומזיניק, ווי זאָגן: מ'דאַרף זיין גליקלעך.
מד. — און גלויבן, ווייל מ'קען האָבן נוצן פונעם גלויבן איז

און אויסגעלאַסנקייט פון דער נשמה. דו פאַרקויפסט זיך פאַר געלט;

מה. — יעדן טאָג זאָלסטו פונדאַסניי באַשאַפן דיין האַרץ.

מו. — יעדן טאָג זאָלסטו פונדאַסניי טון די מעשה־יצירה פון דעם גייסט,

מז. — אָן אַ פלעק.

מח. — און זאָלסט זיך דערפון נישט אָפּזאָגן צוליב אַ בילד, וואָס מ'שטעלט פאַר דיר אַוועק.

מט. — און וואָס קומט פון דיר, אפילו ווען עס פאַרייניקט דעם מזרח מיטן מערב.

נ. — איך האָב זיך צוריקגעקערט אין דער סביבה פון דידאַזיקע באַשעפער פון גאָט.

נא. — זיי האָבן געזאָגט פון בלויען הימל: איך זע, ווי ער רירט מיך אָן.

נב. — זיי האָבן געזאָגט: אַ לויב צו גאָט! אַלץ קומט פון גאָט צו אונדז.

נג. — איך האָב געטראַכט: אַלץ קומט פון אונדז צו גאָט; אפילו גאָט אַליין.

נד. — איינער האָט געזאָגט צו מיר: איך בין געווען אַ געצנדינער, אָבער איך בין עס שוין נישט מער, זינט יענער נאַכט, ווען דו האָסט אויסגעשריגן, אַז דער גרויסער פּאַן איז טויט.

נה. — ער האָט נישט געוווסט, ביז צו וועלכע תהומות איך האָב דערפון געשריגן.

נו. — אַן אַנדערער איז געווען אויסער זיך און געשריגן: גאָט!

נז. — און אַ קינד, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר, האָט געזאָגט, קוקנדיק אויף דעם וויינענדיקן, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד און געשריגן, ווי אַ קוסט אויפן

ווינט: ער שרייט, ווי ס'וואָלט נישט געווען אמת.

נח. — און אַזוי האָב איך באַמערקט דעם ווידעראויפבוי.

נט. — מענטשהייט, דלות, גרויסקייט און אויסלייזונג!

ס. — וואָרום צו יענעם אויסגעטראַכטן גאָט האָט מען צוגעוועבט אַלץ, וואָס מען האָט אויסגעטראַכט.

סא. — זיי האָבן אים געהייסן זאָגן דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט; זייערע פעלערן און זייערע פאַרברעכנס, האָבן זיי געטענעט, קומען פון אים צו אונדז.

סב. — און אויך זייער גאַנצע פּאָליטיק.

סג. — און מ'האט אויסגעוועבט ווערטער אין דער ליכט פון צייטן; און מען איז געבונדן און מען שטויסט זיך אָן אינם קאָשמאַר, וועלכן מ'האָט אַוועקגעוואָרפן.

סד. — דאָס געזעץ פון דער גערעכטיקייט איז אַנטשטאַנען פונם צעריסענעם פלייש און פון די צעבראָכלטע טרוימען, נאָר זיי האָבן פון אים געמאַכט דעם פאַרבלענדנדיקן יהוה.

סה. — כדי דערמיט זיך צו באַדינען.

סו. — און זיי זענען קלענער געוואָרן.

סז. — און די מענטשן, די אָרעמע מענטשן, צו וועלכע ס'איז גע־אָ־ט געוואָרן: שטאַרבט ביי דער אַרבעט. הרגעט אָדער ווערט דערהרגעט — זענען פאַרטריבן געוואָרן פון דעם געשפענסט, ווען זיי האָבן געוואָלט אויפלעבן זייער גרויסן טרוים.

סח. — ווייל ווי נאָר זיי הייבן זיך אָן צו באַוועגן, ווערן זיי צעשמעטערט. זיי ווערן געדריקט מיט דער גרויסקייט פון דער וועלט: מיט דער משא פונם ווייס־געפּאַנצערטן באַרג און מיט דער הוילער וואָג פונם ים, און פונם ליכט, אין פונם ווירבל פון ווינטן, און פון רעגנס, און פון געוויסערן, און פונם גרויסן געשלאָסענעם לעבנס־חורבן. און די גאַנצע נאַטור וואַרפט זיך אויף זיי, אונטער דער געשטאַלט פון גאָט. און דאָס אומבאַ

קאנטעווערט באקאנט, כדי זיך אויף זיי צו ווארפן. און זיי האבן נישט מער קיין העזה צו זאגן: איך בין גערעכט. זיי האבן נישט מער קיין העזה עפעס צו זאגן אין דער פארצוויי־פלונג פון דעם חורבן. זיי לייגן ארויף זייערע הענט אויף זייערע מיילער, און בעת זיי רעדן, רייסן זיי מיט זייערע ציין זייער אייגן לייב. זינט דער הימל הערשט איבער אונדז.

סט. — די ברואים ווערן אויסגעראטן פון עפעס אזוינס, וואס איז לחלוטין נישטא. און מען פרעסט ארויס פונם מענטשן א מענטשלעך־פיינטלעך גלויבן.

ע. — אבער בעת איך בין געוואקסן, האב איך געזען אין מיר וואקסן, די התחלה פון אלץ.

עא. — און ס'האט זיך אנגעזאמלט די רייכקייט פון אונדזער איינזאמקייט.

עב. — מיר, די קיניגן פון גאט.

עג. — מיר, וועלכע זענען דאס ארט, ווו עס פארייניקט זיך הימל מיט ערד.

עד. — מיר, די וועלט פון וועלטן.

עה. — אונדזערע תפילות זענען אזוי מעכטיק, ווי א לעבעדי־קער קוואל.

עו. — דאס איז דאס גאנצע געשטאלט פונם שטומען גאט.

עז. — איינגעפלאנצט אין אונדז.

עח. — און די האפענונג פון מענטשן איז דאס לאנד פון גאט.

עט. — דאס איז די גוטע בשורה פון גאט.

פ. — ווארום די אומענדלעכע האפענונג קומט, ווי א געבעט.

פא. — איך האב זי דארט געזען פאראויס.

פב. — ווארום די מענטשן וועלן אוועקווארפן די ערשטע זינד פון דער געהארכזאמקייט. אט זע איך, ווי זיי שטופן זיך פון אלע זייטן.

פג. — און דערנאָך, ווי זיי קויפן זיך אַליין אויס אַ דאַנק זייער באגייסטערונג פון פאַרשטיין.

פד. — און ווי זיי אַליין נעמען מיט אַ פעסטער האַנט די פרוכט פון עץ־הדעת פון גוטס און פון שלעכטס, וואָס מאכט געטלעך.

פה. — און צוליב וואָס זיי זענען פארטריבן געוואָרן דורך דער שווערד פון קאָשמאַר.

פו. — און דורך דעם קול, וואָס שרייט: איך בין דער האַר פונם הימל.

פז. — און זיי גענענען נישט נאָר צום עץ־הדעת.

פח. — נייערט אויך צום עץ־החיים, וועגן וועלכן ס'שטייט געשריבן, אַז גאָט האָט אַרום אים אַוועקגעשטעלט אַ שטאַרקע שמירה.

פט. — וואָרום, זאָגט ער, דאָס לעבן פונם מענטש וואָלט געווען אונדזער טויט, דער טויט פון אונדז, געטער.

צ. — לכן: שטיי אויף, אונדזער געטלעכער טויט! גאָט פון מיין איינגעווייד!

צא. -- מען גלויבט אין דיין לעבן, אָבער דו ביזט טויט.

צב. — אָט אזוי רוף איך צום ריזיקן מת פון גאָט־וועלט און וועלכן איך דערהייב מיטן גאַנצן כוח.

צג. — און איך טויש זיין אָרט.

צד. — און איך, ענלעך צו אייך אַלע, געיאָגט און געפּלאָגט, איך, א מענטש, וואָס וועט שטאַרבן, איך ברענג אייך דאָס געטלעכסטע, וואָס איז נאָר פאַראן.

צה. — די ריינקייט פון דער הערשאַפט פון גייסט.

צו. — דעם גייסט, וואָס איז אַן אומבאַפלעקטער שפראַצל.

צז. — איך בין דער, וואָס איך בין.

צח. — איך בין זיין וואָרט און זיין גייסט.

צט. -- און איך בין אַ פאַלשער גאָט.

דריי און צוואנציקסטער קאַפּיטל

א. — איך האב באַגעגנט יוחנן זבדיהו, וואָס איז מיר אַנטקעגנגעקומען און איך האָב צו אים געזאָגט: דו האָסט מיך געזוכט?

ב. — ער האָט געענטפערט: איך האָב געזוכט זיך אַליין.

ג. — ער איז פארזונקען געווען אין טיפע מחשבות, און ער איז געשטאַנען אָנגעשפּארט מיט ביידע הענט אָן זיין שטעקן, וואָס ער האָט געהאַלטן לעבן זיך.

ד. — ער האָט אנטפּלעקט פאר מיר זיינע געדאַנקען און מיר געזאָגט: יאָ, דער גייסט, פונוואַנען קומט ער?

ה. — דער שטאַרקער קול, וואָס קומט אין אונדזערע חלומות, פונוואנען קומט ער?

ו. — און ער האָט געענטפערט צו זיך אַליין: גלייבן הייסט דאָך: גלויבן, נאָך איידער מען גלויבט?

ז. — אָבער ער האָט ווידעראמאָל געפרעגט: דער גייסט, פונוואנען קומט ער?

ח. — יוחנן, הער ווי דער ווינט בלאָזט. ער איז דאָ, אָבער מען ווייסט נישט פונוואַנען ער קומט.

ט. — דערדאָזיקער גייסט, דאָס איז דער נס אין אונדז, דער גייסט און דאָס לעבן, דאָס איז דערזעלבער נס אין אונדז. דאָס איז די רעכט. וואָס מען האָט, כדי אויפצוכאפן דעם אמת

און כדי צווּעק־ושטעלן אין א גלייכער מאָס די פאָרם פון אי־
דעען אויף דער פאָרם פון זאכן און מיט דער קונסט פון גע־
רעכטיקייט צו באַצייכענען די געמיינזאמקייט פון מענטשן, און
צו ליבן בלויז מיטן כּוח פון פארשטיין; (לעבן הייסט טאָן
אמת). דער גייסט איז אין אונדז. פרעג בלויז וווהין ער גייט.

י. — יוחנן האָט איבערגעחזרט: פונוואַנען קומט ער?

יא — און ער האָט געוואָרט. ער האָט געוואָרט, אַז איך
זאָל זאָגן: ער קומט פון גאָט פון אונדזערע אבות.

יב. — און אַז ער האָט לאַנג געוואַרט (ער האָט געטראָגן אַ
טונקעלן מאַנטל), האָט ער געזאָגט: ענטפער, וויבאַלד דו
האָסט וואָס צו זאָגן. האָסטו שוין אַלץ געזאָגט?

יג. — מיין האַרץ האָט אויסגעשריגן:

יד. — יאָ.

טו. — דעמאָלט האָט זיך יוחנן מיט זיין גאַנצן וועזן אָנגע־
שטרענגט איבערצוררייסן די הערשנדיקע שטילקייט און גע־
זאָגט: פארוואָס רעדסטו מיט זיי וועגן גאָט פון אונדזערע
אבות?

טז. — ווייל איך רעד מיט משלים און פארגלייכן.

יז. — פאַרוואָס רעדסטו מיט משלים?

יח. — ווייל נאָר אונדז איז געגעבן געוואָרן צו וויסן דעם
אמת, אָבער זיי איז עס נישט געגעבן געוואָרן.

יט. — א סך האָבן אויגן און זעען נישט, אויערן און הערן
נישט, א האַרץ — און פארשטייען נישט.

כ. — יוחנן האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

כא. — ער האָט געזאָגט: רעד ווייטער צו מיר.

כב. — יאָ, דאָס הימלישע קעניגרייך איז אין אונדז, און דער
וואָס קען זיך אַליין, געפינט זי.

כג. — ער האָט אויסגעשטרעקט זיין ציטערנדיקע האַנט אין

דער אומענדלעכקייט און געשעפטשעט : דו טויטסט אָפּ די וועלט.

כד. — איך מאַך אויפלעבן דעם מדבר. (איך בין געווען אַ פעלז און מיין קול האָט געשפּרודלט ווי אַ קוואַל).

כה. — און איך פיר אַרויף די תפלה אויפן אמתן וועג.

כו. — יוחנן האָט מיר געענטפערט : כ'האָב מורא.

כז. — איך האָב געזאָגט : איך בין נישט קיין בעל-מופת און נישט איך האָב אַנטדעקט דעם אמת.

כח. — ער איז געווען פאַרבאָרגן, אָבער ער איז געווען, ער איז דאָ און ער וועט זיין.

כט. — נישט איך רעד צו אייך, נייערט דער געטלעכער גייסט, וואָס איז אין מיר, פּונקט ווי אין די אַלע, וועלכע זענען געבוירן פון דער ליכט, פון וועלכן איך בין דער שומר ; וואָרום איך בין ווי אַ פעלז.

ל. — און קיין זאַך וועט נישט שטערן, אַז איין פרימאָרגן זאָל קומען נאָכן צווייטן, כדי צו פאַרוואַנדלען יעדע נאַכט, אינם לויף פון דורות נאָך אונדז, און כדי אויפדאַסניי צו מאַכן אויפלעבן יעדן פרילינג.

לא. — און קיין זאַך וועט נישט שטערן, אַז דאָס אמתע בילד פון אַלץ, וואָס לעבט זאָל זיך נישט באַווייזן אין די מענטשן.

לב. — ווייל קיין זאַך וועט נישט בלייבן פאַרבאָרגן און אַלץ וועט אַנטפּלעקט ווערן.

לג. — און אין יענעם טאָג וועלן חרטה האָבן די אַלע, וועלכע האָבן זיך געשראָקן פאַר דאָס וויסן.

לד. — און זיי וועלן חרטה האָבן דערויף, וואָס זיי האָבן געהאָרכט.

לה. — און די, וואָס וועלן זען אין דער ליכטיקייט, וועלן טון אין דער ליכטיקייט.

לו. — אָבער נאָך דעמדאָזיקן טאָג, ווען דאָס איז געזאָגט געוואָרן, האָב איך געזען, אַז די מענטשן און אפילו די בע־סערע, זענען נישט מסוגל צו פאַרשטיין נישט די אומגעהייערע מענטשלעכע פאָרמען פון דער געטלעכקייט און נישט דאָס אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין די ווערטער: דאָס אויסערלעכע און דאָס אינערלעכע זאָלן פאַרייניקט ווערן.

לז. — וואָרום דער פאַרלאַנג צו גלויבן איז דער פאַרלאַנג צו באַזיצן, דאָס הייסט: נעמען דאָס, וואָס געהערט אונדז נישט.

לח. — און זיי ווילן גנבענען. דאָס אוממעגלעכע.

לט. — און אין זייער עלנדער נשמה, וואָס דרייט זיך אין אַ ראָד, וואָלטן זיי נאָר מסוגל געווען צו פרעגן: אויב מען נעמט ביי אונדז צו דעם עול פון גאָט, טאָ מיט וואָס זשע וועט מען עס פאַרבייטן?

מ. — איך האָב איך נאָך צו זאָגן אַ סך זאַכן, וואָס זענען נאָך נישט געזאָגט געוואָרן, ווייל איר קאָנט נאָך נישט טראָגן דאָס אמתע וואָרט.

מא. — איך זאָג צו זיי נאָר איינס: דער גייסט און דער אמת — דאָס איז די זעלבע זאַך, און מיר שטאַמען פון גאָט.

מב. — וואָרום דער תהלים האָט עס שוין אַנערקענט: איך זאָג, אַז איר זענט געטער.

מג. — און יעדערער איז זיין אייגענער קריסטוס.

מד. — איך האָב זיי נאָר געגעבן דעם ערשטן גרונדשטיין. וואָרום עס וועט קומען דער טאָג, וואָס איז נאָך נישט געקומען, און מען וועט זיך דערוויסן, אַז דער וואָס האָט געזען זיך אַליין, האָט געזען גאָט.

מה. — און אַז מיר זענען ברידער אָן אַ פאָטער.

מו. — לאָמיר אָנהייבן דאָס ווערק פון יענעם טאָג מיט אַ נייער התחלה.

מז. — פון די שפּלדיקע אָרבמע הערצער, די קוואַלן פון די מענטשן,

מח. — פון די גרויסע בלינדע, וואָס האָבן אויגן.

מט. — און הענט.

נ. — מען איז באַשאפן געוואָרן, כדי צו צעשטערן דאָס, וואָס איז אומגערעכטיק.

נא. — אַ סך האָבן מיך פיינט, קודם־כל האָט מיך פיינט יחיאל, וואָס איז געווען מיין פריינט, און אָפטמאָל דערפיל איך אין מיינע פריינט די האַנט אָדער דאָס פּנים פון זיין שנאה.

נב. — און אין דערזעלבער צייט, בעת איך האָב געטראַכט ס'איז נישט פאַראַן קיין שום פשרה מיט די אַלטע דאָגמען,

נג. — האָב איך געוווסט, אַז אַ טייל האָבן וועגן מיר געזאָגט: מען דאַרף אים טויטן.

פירונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

א. — איך האָב געוואונדערט און געפּריידיקט די עוואַנגעליע פון גייסט און פון אָרעמע.

ב. — און געגרינדעט אַן אחדות לויטן גייסט און לויט די ווערק, מיט יוחנן, מיט שמעון, מיט אַנדריי און מיט אַלע אַנדערע.

ג. — ווייל מ׳דאַרף אָנהייבן מיט עפּעס נאָענטעס און אוועקשטעלן די ערשטע מענטשן אויף דער ערד, ווי די ערשטע שטיינער אָדער ווי די קערנדלעך; און צוערשט פאַרוואַנדלען דעם המון אין קינדער. לאָמיר ווערן קליין, כדי מיר זאָלן אויפוואַקסן גרויס.

ד. — און אויך מיט עטלעכע ווייבער.

ה. — די ווייבער זענען דערנידעריקט געווען פון זייערע מענער.

ו. — די שקלאַפּעריי פון די פרויען האָט אפילו באַשמוצט די מפלה פון די אָרעמע.

ז. — וואָרום גאָט האָט געזאָגט צו חוהן: דיינע פאַרלאַנגען זאָלן נוגע זיין דיין מאַן און ער זאָל איבער דיר הערשן.

ח. — אָבער ס׳האָט אויסגעשלאָגן די שעה, אַז יעדערער זאָל זיין ער.

ט. — און אין דער נייער געזעלשאַפט, פון וועלכער מיר זע־

נען געוועז דער זוימען, פארזייט אין א ווינקל פון דער וועלט
י. — איז די פרוי געוועז גלייכבארעכטיקט מיטן מאן.
יא. - און די קירך איז נישט געוועז קיין סעקטע, נייערט מיר.
יב. — און יהודה איש-קריות האט געהאלטן דעם בייטל, פארפולט דורך די, צווישן אונדז, וועלכע ס'איז געגאנגען גוט אויף דער וועלט.
יג. — וואָרום מען מוז לעבן מיט דער הילף פון געלט, ווייל דאָס איז א געזעץ פון דער וועלט פון פאלשקייט, פון דער וועלט פון מלחמה און שקר.
יד. — ווו מיר זענען א ווייסער פלעק.
טו. — פאר דידאַזיקע געגזלטע גיטער קויפן מיר זיך א גערעכטיק לעבן.
טז. — אָבער איך האָב שוין מער נישט געהאט קיין הויז.
יז. — און אפילו נישט קיין שטיין, וועגן וועלכן איך זאָל קאָנען זאָגן: איך בין זיכער דאָרט אוועקצולייגן מיין ק פ.
יח. — וויאזוי קאָן זיין ווארעם דעם, וועלכער איז אייגער אליין?
יט. — איינמאָל בין איך צוריקגעקומען אינם דאָרף, פון וועלכן איך בין אוועקגעגאנגען.
כ. — איך בין צוריקגעקומען אין מיין היים.
כא. — די אנדערע שטעט, הגם זיי זענען גרעסער, האָבן זיי א קלענערן ווערט.
כב. - אלע קליינע זאכן פון אמאָל זענען פאר מיר איצט אויסגעוואקסן.
כג. — און דער ברונעם, און די שילער, אין אן עיגול אויפן פלאץ, וועלכע האָבן איבערגעחזרט א געריש פון ווערטער; און מיין הויז באוויגט און באזעצט דורך פרעמדע; און מיין חדר,

נאָך דערדאָזיקער פּריסצילע, וועלכן כ'האָב דאָ נישט לאַנג, אין
איין אָוונט געפונען אַזוי פאַראיינזאַמט ווי איך; און דאָס קליין
פענסטערל, פונוואַנען די מרחקים האָבן גענומען זייער אור-
שפּרונג; און די קאָריטע, אין וועלכער כ'בין געבוירן געוואָרן —
און איך האָב נישט געקאָנט באַגרייפן, וואָס איך בין געווען.

כד. — איך, וואָס פאַרמאָג נישט מער, ווי די וועגן פונם
דאָרף,

כה. — איך, וואָס ווייס בלויז: זיין באַהאַלטן אונטער א טיר.

כו. — וואָס האָב איך געמאַכט פון מיין יוגנט און פון מיינע
כוחות?

כז. — וואס האב איך געזאגט מיט מיין קול, וואָס וועט אויס-
געלאָשן ווערן?

כח. — וואָס האָב איך אין אלע מיינע קאַמף-טעג צוגעגעבן צו
דער ווירקלעכקייט, וועלכע איז דויערהאַפט און דינט דער
מענטש'זהייט?

כט. — עפּעס אינם מיטלפּונקט, אָבער נישט גענוג.

ל. — איך האָב נאָך כמעט גאָר נישט אויפגעטון און כ'האָב
מורא פאַרן אָוונט.

לא. — איך, וועלכער איז איבערגעשראָקן פון אלע מיינע יסורים,

לב. — איך באַשולדיק זיך אין אַלץ, וואָס כ'האָב נישט גע-
זאָגט.

לג. — גליקלעך זענען די, וואָס לאָזן איבער אַ גרויסן נאָמען,
ווי א פאַסטוך אינם נעפּל!

לד. — דער אפּאָסטאָל, וואָס וועט זיין דער זיגער, וועט אין
איינעם אַ טאָג זיין ענלעך צו די צלע, וואָס זענען געוואָרן
באַזיגט.

לה. — אָבער נישט איך וועל דאָס זיין.

לו. — און אפילו איך וועל אונטערגיין, וועל איך דען נישט זיין אליין ?

לז. — און איך האָב זיך אָוועקגעזעצט אויפן שטיין, אויף וועלכן איך בין אַמאָל געזעסן, בעת די ליבע און דער טויט האָבן דייטלעך צו מיר גערעדט. איך האָב געזען דעם גרויסן פייגנבוים, וואָס איז דער קאָפּ פונם דאָרף, און איבער אים דער שטח פון די שטערן.

לח. — ווען איך וואָלט געלעבט דאָס רויקע לעבן, וואָס איז צו ביסלעך געגעבן געוואָרן יעדן שטערבלעכן,

לט. — וואָרום דאָס איז דאָך די איינציקע זאַך, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן.

מ. — דהיינו: פאַרבלייבן דאָ, האָבן אַ הויז, איינאָרדענען און דערנערן זיך דורך רעגלמעסיקע אַרבעט,

מא. — זיין תּמיד באַשיצט פונם גרויסן פייגנבוים אויפן פּלאַץ און פונם קליינעם ביי דער טיר.

מב. — און אַלץ, וואָס כ׳האָב צוריקגעפונען און דאָך נישט געפונען.

מג. — אויך איך: אַ ווייב, וואָס זאָל אויך זיין אַ פריינט.

מד. — און אונזערע גופים, אַ ביסל פאַרמאַטערט זאָלן זיך אָנשפּאַרן אָן איינאַנדער.

מה. — און אויך איך: קינדער,

מו. — איינס, צוויי אָדער דריי.

מז. — אָנשטאָט צו שרייען אין די מדבּריות פון שטעט, וואָס שרייען שטאַרקער און זענען ערגער פון מדבּריות.

מח. — און אָוועקצושטויסן דאָס לייקענען ביי מענטשן.

מט. — אַזוי האָב איך געטראַכט כּל-זמן ס׳איז נאָך געווען טאָג.

נ. — אָבער בעת די נאַכט האָט באַדעקט די ערד, האָב איך

ווידער געפונען אין דער טיף פון מיין קינדהייט — די ריינקייט, וואָס איז דאָרט געווען.

נא. — איך האָב צונויפגעקליבן די פשטות, וואָס מ'האַלט ווי אַן אוצר.

נב. — באַוויין דיין געשריי. גיי כסדר און פרווו גיין, ווי־ווייט מעגלעך, יאומעטום.

נג. — און צו זיין דער מענטש פון מענטשן.

נד. — גליקלעך זענען די, וואָס ווערן פאַרפאָלגט.

נה. — אינדערפרי האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט און געזאָגט: הייל אויס דעם חולה, וואָס ליגט דאָ, און יענעם, וואָס איז בלינד, ווי אַ האַנט.

נו. — אָבער מען האָט עס געזאָגט צו מיר מיט פאַלשקייט, און פאַרביטערונג אויף די ליפּן; וואָרום אין דאָזיקן דאָרף האָט קיינער אין מיר נישט געגלויבט.

נז. — ווייל זיי האָבן מיך נאָענט געקענט, זיי האָבן געקענט מיין מוטער און מיין ברודער, זיי האָבן געקענט מיין פאָטער.

נח. — און זיי האָבן איבערגעחזרט: דאָס איז ישו, דער טישלער, און וואָס נאָך?

נט. — און זיי האָבן זיך פאַרשלאָסן אין אומגלויביקייט.

ס. — און איך האָב נישט געקאָנט געבן דעמדאָזיקן חולה די קערפּערלעכע אויפריכטיקייט.

סא. — און ער איז פאַרבליבן ביי זיין מחלה.

סב. — אָבער דער הונט, וואָס איז געווען קליין, בעת איך בין אַוועקגעפאָרן, איז איצט געווען אַלט, און קוים געעפנט זיינע אויגן, פאַרוואונדערט פון אַלטקייט. אָבער ווי ווייניק ער האָט זיי געעפנט, האָט ער דערזען מיך דערקענט און איז געווען פולשטענדיק גליקלעך. פון זיין ערשטן ביזן לעצטן טאָג האָט ער געזאַמלט די ליבע צו מיר. איך ליב אים כמעט

נישט מער, און זיין טויט אין מיר איז טרויעריקער, ווי דער טויט וואָס אין אים.

סג. — און ווי נאָר דער הונט וועט איינגיכן שטאַרבן.

סד. — וועט זיין טויט זיין אַזוי גרויס, ווי דאָס לעבן.

סה. — ס'וועט זיין בלויז אַ קליינער טרויער, וואָס די רחמנות רופט אין מיר אַרויס.

סו. — מרים פון מגדל.

סז. — זי האָט מיך באַטראַכט. זי האָט זיך געגעגנט מיט אירע ציטערנדיקע הענט. איך האָב געזאָגט צו איר: ריר מיך נישט אָן, זי איז שטיין געבליבן לעבן מיר און אירע הענט זענען אַראָפּגעפאַלן אין זייער גאַנצער לענג.

סח. — איך בין געוואָרן נייגעריק און כ'האָב געזאָגט צו איר: מרים, מרים, ערשט נישט לאַנג זענען די אַלע, וואָס זענען געווען מיט מיר, דיר נאָכגעלאָפן און דו האָסט זיי נישט אָפּגעזאָגט.

סט. — נאָר מיר אַליין האָסטו אָפּגעזאָגט.

ע. — זי האָט געזאָגט: ווייל איך האָב דיך ליב געהאַט.

עא. — איר קנעריש קול האָט געזאָגט ווייטער: אָבער איצטער איז שוין פאַר מיר נאַכט.

עב. — איך וואָלט געוואָלט אַ ביסל פאַרלייכטערן, נישט איינ-גאַנצן, די יסורים פון מיין האַרצן.

עג. — און אַזוי־ווי ס'איז פינסטער, וויל איך אַוועקגיין אין אַ מדבר, פאַרגאָסן מיט זון.

עד. — זי איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסן, און די זון האָט באַדעקט דידאָזיקע ווייסקייט מיט אַ גלאַנץ פון אַ מלאך.

עה. — זי האָט אויסגעזען ווי איינער, וואָס זאָגט נביאות:

עו. — דו וועסט טרייסטן די אומגליקלעכע.

עז. — איך ווייס אָבער נישט וויאַזוי דו וועסט עס מאַכן.

עח. – דו וועסט ווערן באַשטראָפט דערפאַר, ווייל דו רוקסט זיך אַרויס איבער אַלע אַנדערע.

עט. – דיינע שונאים וועלן דיך שלאָגן און דיינע פריינט וועלן זיך פון דיר אָפּלייקענען.

פ. – וועסט האָבן נאָר זיך אַליין, כדי זיך צו העלפן.

פא. – און אויך מיך אָרעמע און איינזאַמע, וועלכע וועט דיר העלפן אָן הילף.

פב. – זי האָט נאָך געזאָגט:

פג. – דו קאָנסט נישט וויסן פון דעם גליק, וואָס דו וואָלסט געוועזן פאַר אונדז. דו אַליין ווייסט עס נישט, איך זאָג דיר: דו אַליין, דו ווייסט נישט, וואָס איך זאָג צו דיר.

פינפאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל.

א. — ס'איז געווען אין יענע צייטן, אין אַ נאַכט, ווען מיר זענען פּלוצלונג גרויס געוואָרן.

ב. — ווייל די הימלען האָבן זיך געעפנט.

ג. — און זיי זענען געבליבן פאַר אונדז אָפן, ווי דער רויטער ים.

ד. — ווייל די שטערן האָבן צעריסן דעם הימל, יעדער שטערן אויף זיין אָרט, און דורך אונדזערע אויפגעהייבענע אויגן, איז אונדזער נשמה אַרויפגעשטיגן צו די אַלע זאַכן פון דער ליכטיקייט. און מיר האָבן געפילט, אז דאָס אומענדלעכע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ יום-טוב, אָנהייבנדיק זיך פון אונדז,

ה. — וועלכע זענען געווען טיף, ווי די ערד.

ו. — ס'איז שיין. מ'זעט, אז ס'איז גאָרנישט.

ז. — דאָס וואָרט, וואָס איך האָב אַרויסגעצויגן פון אונדזער טונקעלער, בלויער גרופּע, האָט געמאַכט פון יעדן איינציקן פון אונדז א גאָרטן פון שטערן.

ח. — וואָרום זיי זענען נאָר געווען דער סוף פון אונדזערע בליקן.

ט. — און זיי זענען געוואָרן, דורך אונדז, איינגעוואָרצלט אין חלום.

י. — די שטערן קומען פון אונטן.

יא. — איינער האָט געזאָגט: מען גייט ביז צום הימל.

יב. — און איך האָב גערעדט פון דער וועלט און געוואָגט צו זאָגן:

יג. — דאָס איז אונדזער לייב און אונדזער בלוט.

יד. — וואָרום בעת מען גייט צום הימל, קאָן מען נישט אַרויסגיין פון זיך אַליין און פונם קערפּער פון זיין בליק.

טו. — אָט דאָס איז דאָס שיינקייט פון דער גערעכטיקייט.

טז. — דער אָרעמער יהודה איש־קריות, דער קליינער בעל־חשבון, האָט זיך דערוויטערט, אָן איינגעבויגענער, ווי ער וואָלט באַהאַלטן אין זיין מאַנטל דעם גלאַנצנדיקן אוצר פון דער דאָזיקער נאַכט; און אַ מאַן, וואָס האָט אים באַגעגנט אויפן וועג נאָכדעם, ווי ער האָט מיך פאַרלאָזן, האָט אים געפרעגט:

יז. — וואָס האָט ער אַזוינס געזאָגט?

יח. — און דער אָרעמער יהודה האָט געענטפערט פאַרחידושט:

יט. — ער האָט געזאָגט, אַז ער איז דער ניי־ער גאָט.

זעקסאונצוואנציקסטער קאפיטל

א. — ווען איך האָב נישט געוואוסט, וואָס איך זאָל טאָן.

ניין און צוואנציקסטער קאפיטל

א. — אויפן שווארצן עיגול פונם בערגל, דער פיעדעסטאל פון די וואָלקנס, זענען געשטאנען דארע ביימער, מאַכנדיק דעם איינדרוק, ווי דער ווינטער וואָלט זיי צעריסן מיט זיינע ציין.

ב. — און זיי זענען געווען צלמים, ווו ס'האָבן געהאָנגען שטיקער פלייש.

ג. — אונטן, ביי דער יסורים־יאַטקע, איז געלעגן אויסגעצויגן זיין גרויסער גוף פון א באַזיגטן.

ד. — און אַרום איז האָבן זיי געוויינט ליידנשאַפטלעך, מיט א ווילדן גלאַנץ אויף זייערע פנימער:

ה. — יאיר, אליעזר, יעקב, שמעון, מיין תלמיד, יהודה בר־אבא, וועלכע זענען געקומען פון די בערג און וועלדער פון ליל, פון מעבר־לירדן און פון די ברעגעס פון ירדן. זיי האָט געלערנט שמעון, מיין תלמיד, וואָס האָט זיך אין איינעם אַן אָוונט געלאָזט אין וועג אַריין, כדי צו לערנען.

ו. — וואָרום ס'איז פאראן אויף דער וועלט דריי שיטות: פרושים, צדוקים, איסיים. גאַנץ אַנדערע זענען דידאָזיקע: די קנאים, ביי וועמען די פנימער האָבן געבליצט, זין פון דונער.

ז. — ווייל זייער נאָמען איז באַאַנערגעס.

ח. — איינער האָט וועגן זיי גערעדט און דערציילט.

ט. — ער האָט דערציילט: מיר זענען אַרויסגעטרעטן באַוואָפנט מיט יהודה בן יהודה. (דו ווייסט, דאָס איז יענער, וואָס האָט אַ מוטער שלומית, וועלכער דער מלאך גבריאל האָט צוויסן געטון, אַז ער וועט איבערנעמען דעם טראָן פון דוד; יענער, וועמען הורדוס האָט געוואָלט טויטן, בעת דער גזירה — אויסצוראָטן אַלע קליינע קינדער) מען האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט אַ רוימישן לעגיאָן. מען האָט נישט קיין כוחות, נישט אמת. ער האָט אָנגעקעלייגט פאַראַמאַל אויף דער ערד דריי פון דידאָ־זיקע פלשתים, ווי ס׳האָבן געטון בניהו, עשהאל און אלחנן בן־דודו פון בית־לחם און די אַנדערע קנעכט פון דוד, געזאַלבט פון גאָט. אָבער אויך אים האָבן זיי אַוועקגעלייגט. איך האָב געקענט אַנטלויפן און אומקערן זיך ביינאַכט, אין דער געדיכטער פינסטערניש מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, מיט פאַרגליווערטע, שרעקעוודיקע טריט, כדי אויסצוזוכן זיין קערפּער וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אויף דער ערד.

י. — די העלפֿזערין האָט געזאָגט: זיי ווילן אים טויטן.

יא. - דאָס איז געווען נעכטן ביינאַכט. דאָ איז ער. ער האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל די רוימער באַצאָלן דעם שטייער; ער האָט נישט געטרונקען קיין ווייַן אָדער אַנדערע שאַרפע משקאות, וואָס האָבן געקאָנט פאַרשיכורן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט זאַלבן פון מענטשן, און זיך נישט געבאָרן. ער איז געווען גאָטספאָרכטיק, און די הויט פון זיינע קניען איז געווען האַרט פון כורעים, ווי ביי קעמלען.

יב. — ער איז געווען אַ הייליקער, אָבער אויך אַ קנאי.

יג. -- ער איז געווען אַ מושלם.

יד. — ער איז געווען דער הייליקער פון גאָט.

טו. — וואָרום, בעת ער איז געבוירן געוואָרן, האָט מען דער־

פון לכתחילה מודיע געווען, ווי שמשון, שמואל און יוחנן דער זון פון זכריה.

טז. — ווען מען הערט א שטימע עס גייט זיך פאנאנדער אין דער ריכטונג פון אונדזערע מעשים, ווי דער וואלקן-ברוך, וואס זאגט אן א שטורם.

יז. — יהודה איז א יינגער לייב, האט יעקב געזאגט אין דער תורה. אז ער לייגט זיך מיט האלב-פארמאכטע אויגן, די נעגל אויסגעצויגן אויף די שטיינער, טא ווער וואגט אים דעמאלט אויפצוּוועקן?

יח. — דאן האבן די מורדים געקוקט אויף דער ערד, ווו ס'איז געלעגן דער אומבעוואשענער, און זיי האבן געזאגט:

יט. — אויסערדעם וועט ער נישט ליגן און בלייבן טויט. דער מלאך וועט זיין געדעכט. זיין מת וועט זיך צוריקשטעלן אויף די פיס.

כ. — ער איז האסטיק אנטשלאפן געווארן, ווי אחזיה, ווען דער פראקוראטאר הורדוס האט געפייניקט, פדי דערמיט נושא חן זיין ביי יוליוס צעזאר; ווי יהודה פון גמלה, וואס איז גע-הרגעט געווארן צווישן בית-המקדש און מזבח; און ווי זכריה, וואס איז אויך אויף דעם אופן דערנאך אומגעקומען, ווי די פינפ-טויזנט באלאגערטע, יענע פינף טויזנט, וועלכע די רוימער האבן געפונען צונויפגעלייגטע און מיט אייגענע הענט געטויטע קער-פער; ווי יענע, וואס האבן צוערשט, פארן דערנענטערן זיך פון לעגיאן, אראפגעווארפן זייערע ווייבער און קינדער פון פעלזן-בארג, און אליין נאכגעשפרונגען. פארשאלטן זאלן ווערן די, וואס שליסן אן אפמאך מיט די רוימער.

כא. — א ייד האט אויפגעהייבן די הענט אינדערלויפטן הויך ווי א לולב, און געזאגט: די יידן זענען אמתע שונאים פון די אמתע יידן.

כב. — א זקן האָט אויסגעשריגן מיטן גאַנצן כוח: ירושלים, ירושלים, דו וועלכע טויטסט דײַנע נביאים, פאַרשטיינערסט די, וואָס ווערן געשיקט אַלס שילוחים צו דיר; אויף דיר פאַלט דאָס גאַנצע אומשולדיקע בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף דער ערד פון הבל ביז זכריהן, וועמען איר האָט געטויט צווישן בית-המקדש און דעם מזבח.

כג. — א יידענע מיט בראַגענדיקע אויגן האָט אַרויסגעזונגען הויך אויפן קול: וואָס איז געוואָרן מיט מײַן זון, וואָס איז אויפ-געוואַקסן אויף מײַן שויס? איך ווייס עס נישט. שטורעמווינטן און געוויטערס זענען אָנגעקומען און האָבן אים אויסגעריסן פון מײַנע הענט. נאָך בעסער מרים פון בית-עזר, די טאכטער פון אליעזר, זאָגט זי, האָט אַרויסגעגעבן די אויסגעהונגערטע יידישע זעלנער איר קינד אויפצועסן.

כד. — און זייערע אַלעמענס אויגן זענען פאַרגרעסערט געוואָרן אין דער נאַכט.

כה. — יאָ, מען וועט דעמדאָזיקן ווידער זען ווי ער שטייט, וואַקלט זיך נאָך און, פאַרשיכורט פונם טויט, מיט פאַרויס אויסגעשטרעקטע אָרעמס, ווי א געקרייצטער אָן א צלם, נאָכדעם ווי ער וועט זיך האָבן באַפרייט פון זײַן שרעקלעכער אַנלענונג.

כו. — פונקט ווי יהודה פון גמלה און צדוק, וואָס זענען אויפגעשטאַנען תחית-המתים; זייער פייער האָט געשפריצט פון זייערע מײַלער און, ווי מענטשן זאָגן, האָבן זיי געהאַט דעם כוח צו פאַרשליסן דעם הימל, אַז עס זאָל נישט רעגענען. אַזוי איז עס דאָרט געשען מיט די צוויי, מיט בוימאייל געזאַלבטע, מיט די צוויי עדות, וואָס די גריכן רופן: מאַרטירער.

כז. — און מען וועט אים אויך זען מיט זײַן גאַנצן גוף אַרויפשטײַגן אין הימל אַרײַן; און אין דער ליכטיקייט פונם

העלן טאָג וועט מען זען, ווי אויף דער ערד טײלן זיך אָפּ זײנע פּיענטעס פון זײן שאָטן.

כח. — דו זעסט אָט די, וואָס ליגן אויסגעצויגן און טויט, און די וואָס שטײען ארום. אַלזאָ, דאָס זענען איין און דיזעלבע אין דער ווירקלעכקייט. מצן קאָן נישט ויסן מער, ווער ס'שטייט און ווער נישט, אזוי אַז דו קענסט אונדז נישט איבערציילן.

כט. — און מיט די צווײ לעכער אין פּנים, אָנשטאָט אויגן, האָט דער ליגנדיקער קריגס-העלד געקוקט אויפמערקזאַם אויף דעם, וואָס עס האָבן געזאָגט די, וואָס זענען געבליבן לעבן.

ל. — אַזוי האָבן זײ גערעדט אין דער מדבר, ווו דער ווינט פונם לאַנדשאַפט האָט אַ ביסל פאַנאַנדערגעטריבן דעם ריח פון די הורדוסעס.

לא. — כדי צו זאָגן, אַז דער המון איז פּחדנותדיק און זײנע ערינערונגען ווערן צעשוומען. אָבער מיר הייליקע, מיר ברענגען אַרויס דעם מוט פון פאָלק ישראל.

לב. — אין זײן גלויבן.

לג. — וואָרום ישראל איז אַן אויסדערוויילט פאָלק. די וועלט איז געגעבן געוואָרן די יידן פון גאָט, וואָס האָט צו זײ דורך אַ בת־קול אַראָפּגערעדט פון שפּיץ פונם בארג־סיני. און דער שטאַם פון דוד-המלך איז נישט ווייניקער אויסדערוויילט געוואָרן, כדי צו באַפעלן, צו הערשן איבער יהודה און איבער דער גאַנצער וועלט-יבשה, לויט דעם ברית, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיט משהן, דורך די לוחות, אויסגעקריצט מיט אַ געטלעכן פינגער (נישט איינמאָל, נייערט צוויי מאָל); און כדי צו ברענגען דעם באַזיגטן דעם נצחון.

לד. — מיר, פּרושים, קנאים, נוצרים, יורשים פון דער הבטחה.

לה. — מיר טראָגן פאַר די לעצטע טויזנטער יאָרן פון דער וועלט, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס אָנגעהייבן, דעם נצחון פאַר

יידן אקעגן דעם מושל פון רוים, די פארזעעניש מיט זיבן קעפ; קעגן קיסר פאנטיוס פילאטוס און דעם רויטן דראכם אנטיפאס, וואס האט א פנים און רויטע האר, ווי עשו און די צען הערנער פון דעקאפאליס.

לו. — און לאמיר פאטשן די פעלקער מיט אן אייזערנער רוט.

לז. — מיר וועלן דערהייבן דאס פאלק ישראל איבערן רוימישן אדלער. אזוי ווילן מיר פארשטיין און לעבעדיק מאכן דאס, וואס ס'שטייט געשריבן אין די הייליקע שריפטן.

לח. — און לאמיר טאקע גיין און אראפרייסן די אדלער, ווי יהודה בן צפורי און מתי בן מרגלית האבן געטאן מיטן אדלער פון פיינגאלד, דאס פארשאלטענע זיימען פון אדום, וואס הורדוס האט געלאזט פארברויכן צום בית־המקדש, און זיי האבן אים ארויסגעריסן אין די אויגן פון דעם גרויסן הורדוס. ווער האט אייך געהייסן דאס טון? זיי האבן אים געענטפערט: אונדזער הייליקע תורה!

לט. — ווארום די, וואס טוען אזוי, זענען די אמתע לומדים פון דער תורה!

מ. — און יענער, וואס איז געלעגן אויף דער ערד אין זיין גאנצער לענג, מיט דעם וואקס פון א שרף, און ווען מענטשן אויגן־הוילן האבן אונדז באטראכט אין דער גאנג, האט אויך געהאט דאס מויל אפן און געזאגט: יא.

מא. — ער איז טויט און ער וועט זיין דערוויל טויט, האט געזאגט יהודה בר־אבא, און ער האט זיך אויסגעדרייט צו מיר.

מב. — ווילסטו זיין דער מלך איבער די יידן?

מג. — ווארום פאר אונדזער באוועגונג, ביזטו עפעס.

מד. — ווארום דו האסט ריין געמאכט מצורעים און די בלינ־

דע געמאַכט זעענדיק, און אַפילו געהיילט געהאָרכזאַמע, האָט שמעון געזאָגט.

מה. — צי דערמאַנסטו זיך ווי כ׳בין אין איינעם אַן אָוונט אַוועקגעגאַנגען פול מיט דיר, כדי זיי צו לערנען.

מו. — ווייל מיר האָבן געהערט, אַז מ׳רופט דיך נוצרי, אַז דו האָסט געגרופן קעגן די רייכע און פאַר גאָטס קעניגרייך, האָסט גערעדט פאַר דער גערעכטיקייט, רחמנות און גלויבן.

מז. — גערעכטיקייט, הייסט — צוריקשטעלן דודס שטאָם, פון וועלכער מען זאָגט, אַז אויך דו שטאַמסט; רחמנות הייסט — ציריקקערן דאָס פאָלק ישראל צו זיין פריערדיקער מדרגה; גלויבן, — דאָס איז זיין נקמה.

מח. — וואָס האָסטו דערויף צו ענטפערן? שווייג, ווייל דו האָסט נישט וואָס צו ענטפערן.

מט. — איך זאָג דיר, אַז מיר זענען די אמתע און איינציקע, וואָס היטן דאָס געזעץ פון ענטגילטיקן קאַמף פאַר גאָטס קע-ניגרייך און דאָס אייביק לעבן, וואָס איז דער אומשטערבלעכער רום פון דעם זיגרייכן ייִד.

נ. — ווייל דער נאָמען פונם גואל וועט זיין אַרומגערינגלט, און מיט באַגריסונג אויסגערופן כסדר דורך דער געדעכעניש פון פאָלק ישראל.

נא. — און ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערע אייביקייט, ווייל דער היכל שפּיגלט זיך נישט אָפּ אינם שוואַרצן בלוט פון די קברים און די ווערים וועלן נישט אויסשפּייען די מענטשן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען און איינגעזונקען געוואָרן!

נב. — דער אמתער משיח שטייט ביים טויער, ער וועט זיך נוהג זיין ווי דער שרף, וועמען די יידן רופן אבדון און די גריכן אפּאָלאָ.

נג. — ווי באַלד עס וועט זיין נייטיק, וועט ער שפּרייזן איבערן

יס, ווי די זון, און ער וועט פארמערן דעם סכום ברויט, כדי צו שפייזן זיין ארמיי מיט גארנישט.

נד. — אלזא, זיי דו יענער.

נה. — איך בעט דיך, זיי דו די מגפה פון משיח.

נו. — פארוואנדל דאס וואסער אין בלוט; און ווייס, ווי־אזוי צו מאכן וונדן אויף דער ערד פון די פעלדער.

נז. — האסט דערצו געדארפט טויטן די רייכע, כדי אליין צו ווערן רייך און טראגן דעם שטורקאץ ביז אין בית־המקדש אריין.

נח. — האסט אויך געדארפט טייער מאכן דאס ברויט, אז א מעסטל תבואה זאל קאסטן א טאלער און אומעטום זאל הערשן הונגער.

נט. — ווארום דאס זענען די בעסטע באדינגונגען פאר א רעוואלוציע.

ס. — דורך דיר זאל גאטס ווארט זיך קוילערן איבער שטעט, ווי א וואלץ.

סא. — ברענג נישט דעם שלום, נייערט דעם שווערד, אין די בייכער פון די הורדוסעס און פון די רוימער, וואס ווילן מיר זאלן זיי צאלן שטייערן, אין די פרומע פון בית־המקדש, וואס ווילן נאר די פארשמאכטע רויקייט.

סב. — און אין די אלע, וואס האבן פארוואנדלט יהודה, שומרון און ארץ־ישראל און א נייע מצרים.

סג. — ווייס צו געבן דעם קיסר, וואס דעם קיסר געהערט, און גאט, וואס גאט געהערט.

סד. — ווי מ'האט געזאגט וועגן דעם דינור פונם שטייער.

סה. — ווארום דער דינר איז א צונויפמישונג פון זילבער מיט בראנז.

סד. — און דאָס זילבער, וואָס צערטלט, איז פאַר גאָט; די בראָנז, וואָס שלאָגט, פאַרן קיסר.

סז. — זיי דער לייב פונם זאַמד-היגל, וואָס עפנט זיין מויל און דונערט מיט זיין קול.

סח. — מען איז באַשאַפן געוואָרן, זאָגן זיי, כדי צו טון דאָס, וואָס איז גערעכטיק און צו פאַרטיליקן דאָס, וואָס איז אומגערעכטיק.

סט. — און מען ווייס, אַז דו האָסט איינמאָל געזאָגט אין בית המדרש (איך אַליין האָב דיך געהערט מיט מיינע אויערן): דאָס קעניגרייך געהערט איצט צו די אכזרים.

ע. — טאָ דאַן זאָל עס געהערן צו די נאָך ערגערע אכזרים.

עא. — און ס'איז נישטאָ קיין אַנדער וועג אַרויסצופירן דאָס יידישע פאָלק פון גלות, דאָס פאָלק וואָס דרייט זיך אויף דער ערד פון זיינע אבות.

עב. — זיי דער משה פון משהן.

עג. — אַזוי האָבן זיי צו מיר געזאָגט, אַ טייל דערפון, וואָס איך אַליין האָב מיר עוין געהאַט געזאָגט. און די ווערטער האָבן מיך געקלאַפט, ווי קלעפּ פון דערשטוינונג.

עד. — די יידן אַרום מיר, האָבן זיך געשטופּט איינער איבער אַנדערן, אין דער לופט פון דער נאַכט; און זייערע הענט האָבן געשריבן מיט פאַרשידענע באַוועגונגען. זיי האָבן געזאָגט צו מיר:

עה. — ווילסטו זיין דער מלך פון די יידן?

עו. — זייער שאלה איז געווען פול מיט לייב און בלוט, און מיך געדריקט מיטן ברוסט.

עז. — איך האָב געענטפערט: אייער אויפשטאַנד איז צו קליין.

עח. — איך גלויב נישט אין אייער זאַך, ווייל איר זענט נאַר

בינטל פויסטן, און איר ווייסט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס די רוימישע מאַכט — אָפּן זיך איר אַנטקעגנצושטעלן. איר וועט געהרגעט ווערן איינער נאָכן אַנדערן און פאַרלעשן דעם בטחון ביים פאָלק ישראל, וואָס איז דאָך פיל גרעסער ווי איר. מען דאַרף נישט שטעלן פאַר אַ נסיון די רו פון דער אוממעג־לעכקייט.

עט. — און נאָכמער איז אייער חלום אַ פאַלשער, ווייל ער איז נקמה און נישט גערעכטיקייט, ווייל ער איז אַ טרוים פון אַ פאָלק נישט פונם פאָלק.

פ. — וואָרום אַפילו דוד אַליין זאָל קומען אין געשטאַלט פון דודן וועט ער דען צונעמען ביי די מענטשן זייער אומגליק? ער וועט נאָר מיטברענגען די שלעכטע מלחמה, דאָס וואָס רופט אַרויס מלחמה, סיי דורך אַ מפלה, סיי דורך נצחון.

פא. — ביזטו עס, האָבן זיי מיך אַלע געפּרעגט, צוזאַמען מיט די שלעגערישע פּרושים, מיט די צדוקים, מיט די זונות און מיט די באַגרענעצטע איסיים, אָדער מיט די פחדנושע געלערנ־טע, וועלכע זוכן אין זייערע ספרים אַ היתר, ווי אַזוי ליב צו האָבן די רוימער.

פב. — ניין: מען דאַרף זיין אַ ריז, כּדי אויפ־דאָסניי אויפצובויען דעם טורעם פון בבל און ווידער באַזיגן דעם פאַרלוירענעם גן־עדן.

פג. — און איר זעגט עס נישט דער ריז. ווו איז ער?

פד. — זיי ענטפערן אַלע צוזאַמען: זיי עס דו! און זיי זענען צוגעשטאַנען צו מיר: דו מוזט זיך באַשליסן און זיך נעמען צו דער אַרבעט פון דערדאָזיקער באַרג־הויכקייט, פון וועלכן מען זעט די מלוכות.

פה. — און דאָס איז געווען אַ נסיון.

פד. — אָבער דער פּאַרנעם איז נישט געווען קיין ממשותדי־קער.

פז. — איך וואָלט זיך אַריינגעוואָרפן אינם אָפּגרונט פון אַלע מענטשן, אָבער נישט אין אייער ברונעם.

פח. — זיי האָבן געענטפערט: אונדזער שליחות איז אוממעג־לעך, ווי דו אַליין זאָגסט. אָבער מען מוז פּרווון, וואָרום מיט דעם, וואָס מען פּרווט דאָס אוממעגלעכע דערגרייכט מען דאָס מעגלעכע.

פט. — איך האָב געזאָגט. דאָס וואָרט איז נאָר דעמאָלט גרויס, בעת מען גייט אויפן אמתן וועג.

צ. — איך רעד נישט אין מיין נאָמען, נייערט אין נאָמען פון די אַלע, וואָס זענען גלייך צו מיר.

צא. — אייערע מחלוקת פון מלכים קען איך נישט מער.

צב. — די מענטשן טראָגן נישט אויף זייער הויט די פאַרב פון אַ לאַנד, נאָ מיר, וואָס זעט זייער גרויסן פינסטערן בין־השמשות פון פאַרוויסטונג און שטויב.

צג. — און איך טראָג דאָס צעפליקטע בילד פון אַ פאָטער־לאַנד, וועמענס גרענעצן עס זענען די האָריזאָנטן פון דער וועלט, אַ פאָטערלאַנד, וואָס עקזיסטירט נאָך נישט, און עק־זיסטירט דאָך.

צד. — און איך גלויב נישט, אַז דער גרויסער שטורעם איז אַ יידישער.

צה. — איך האָב מסכים געווען צו זיין באַזיגט אינם גייסט פון דידאַקע, און שמעון בר יהודה האָט מיך באַטראַכט מיט שנאה.

צו. — ער האָט געזאָגט צו מיר, ווי מיט קלעפּ פון אַ האַ־מער: זיי וועלן דיך נישט פאַרשטיין און זיי וועלן זיין גערעכט.

צז. — איינמאָל אין אַן אָוונט פון די צייטן, ווען די פוס-גייער אויפן וועג מאַכן הינטער זיך און פאַר זיך א מדבר.

צח. — איז יענער אַוועק פול מיט מיר.

צט. — איך האָב לפּחות דערין געגלויבט און ער האָט אויך געגלויבט.

ק. — אָבער אינדעראמתן איז ער נישט דערגאַנגען צו מיין וואָרט!

קא. — און צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע האָט ער מיך אַוועק-געטריבן און געזאָגט: ביזט גאָרנישט. גיי און פריידיק.

אכטאונצוואנציקסטער קאפיטל

א. — אויפן וועג קיין דמשק, האָב איך אין איינעם אַ טאָג באַגעגנט אַ מענטשן, וואָס האָט געזאָגט צו מיר: איך בין פּאַולוס, דיין תּלמיד. און איך האָב דורכגעוואַנדערט די וועלט, איך, וואָס בין אין איינעם אַן אָוונט אַוועק פון דיר. אָנגעלאָדן מיט דיין וואָרט, צוזאַמען מיט שמעונען, וועלכער האָט דיך פאַררעטן.

ב. — וואָרום די קנאים זענען מערדער.

ג. — זיי גנבענען און טויטן, כּדי צו הערשן, און זיי וועלן נישט הערשן; זיי וועלן נאָר אַרויסרופן רדיפות און תּפיסה.

ד. — ער האָט גערעדט צו מיר ווייטער: דאָך זענען געקומען צייטן, ווען דאָס גרויסע ווערק פון די גריכן און רוימער וואַקלט זיך אויף זיין פונדאַמענט.

ה. — ווייל דאָס איז נאָר געווען אַ דמות פון אָרדענונג, וואָס פאַרבאָרגט און פאַרפעסטיקט אונטער דער אויבערפלעכלעכקייט די אומאָרדענונג פון זאַכן און די ליידן פון מענטשן.

ו. — אָבער אַ הויך, ענלעך צו אַ יידישן הויך, וועט טרייבן אַלע מענטשן, ווי איינעם, קעגן דער גריכישער פאַלשער אָרדענונג.

ז. — און דערדאָזיקער הויך איז דאָס לעבן.

ח. — און וואָס קען אויפטאָן די איבערפּלעכלעכקייט פון דער וועלט קעגן דער טיפקייט פון דער וועלט?

ט. — וויס, אז ס'איז פאַראַן אַ נייע פאָרם פון רעליגיע פון אונדזערע אבות, וואָס מיר טוען צוגרייטן.

י. — און איך זאָג דיר, דו ביזט עפּעס פאַר אונדזער באַוועגונג.

יא. — איך האָב געפרעגט: מיט וואָס איז זי נייַ?

יב. — מיטן אָנקומען פון משיח.

יג. — אָבער דער משיח איז דאָך נישט געקומען.

יד. — און ער: ווען ער וואָלט נישט געקומען, וואָלט דאָס פאָלק ישראל מיר געוואָרן ווארטנדיק און עס וואָלט אונטערגעגאַנגען; אָדער עמעצער וואָלט דעמאָלט געקאָנט זאָגן: איך ב'ין דער משיח. און דאָס וואָלט אויך געווען גריבער צום אונטערגאַנג.

טו. — און ווייטער, די מעשים פון משיח, זענען דער תמצית פונם צווייטן געזעץ, וואָס איז אונדז אַנטפּלעקט געוואָרן.

טז. — דער משיח איז שוין געקומען, הגם אין דער ווירקלעכקייט איז ער נאָך נישטאָ.

יז. — און אָט, וואָס מיר דערוויסן זיך אויף די שפּיצן-בערג, מיר, די נייע:

יח. — די וועלט איז אונטערגעגאַנגען און פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט צוליב די זינד פון איינעם: צוליב אדם הראשון. אָבער זע, זי איז שוין פון היינטיקן טאָג אָן אויסגעלייזט און פאַרמשפּט געוואָרן צום לעבן דורכן בלוט פון איינעם: דורך דעם לעצטן אדם, וואָס איז בפירוש געשיקט געוואָרן פון גאָט.

יט. — וואָרום דער ערשטער אדם איז געווען דער אויסערלעכער מענטש פון לייב, און דער לעצטער אדם איז דער אינערלעכער מענטש פון גייסט.

כ. — און דער גייסט האָט זיך באַציִען צו אונדז, צו די נייע-
דורכן וועג פון חסד, כדי מיר זאָלן קאָנען אָנזאָגן די מענטשן
דעם ברית-החדשה און, צעטיילנדיק דעם גורל פון זייער גוף
און זייער נשמה, האָבן מיר זיי פאַרבלענדעט מיטן עולם-הבא
און מיט דער רפואה קעגן טויט, און מיר האָבן זיי געזאָגט-
אַז דער ברית-החדשה שאַפט אָפּ די תורה פון בית-המקדש און
אַז דער גלויבן דערין פאַרבייט אַלץ, אפילו די דינים, און
אפילו אויך די ספרים.

כא. — און אָט פון איצטער אָן איז די פּרעכטיקע תפיסה פון
משיח.

כב. — וואָרום מיר האָבן געזען, אַז דו און אַלע אַנדערע
גלייך צו דיר, האָבן גערעדט פאַרן גייסט און פאַר דעם אי-
נערלעכן מענטש, פאַר גערעכטיקייט און פאַרן לעבן, און פאַר
די עלענדע אָרעמע; קעגן די פּוסטע באַדערפענישן, קעגן די
רייכע און קעגן די טויטע געזעצן; אַז דאָס פאָלק האָט אייך
אויסגעהערט האָט עס אייך ליב באַקומען, אומעטום ווו איר
זענט נאָר פאַרבייגעגאַנגען, און אַז איר האָט באַהערשט דאָס
האַרץ פון דער וועלט.

כג. — (און אַזוי־אַרום האָסטו מיך אַרויסגעצויגן פון מיר
אַליין און דו ביזט געווען די סיבה און דאָס לעבן, בעת דו
האָסט אַרויסגערופן דאָס געשריי פון דער ערד).

כד. — און, אַז פון דער צווייטער זייט קען מען דאָס אַלץ
אַרויסדרינגען פון די הבטחות, וואָס געפינען זיך אין די שריפטן.

כה. — און דערפאַר וועסטו זיין מיט אונדז, ווייל דאָס פּ[illegible]
האָט דיך ליב און עס נייטיקט זיך מיט דיר צו שרייען, און
די קירך מוז געבויט ווערן פון פאָלק אַליין.

כו. — און איך: אויף אַזאַ אופן האָט איר אויף מיינע רייד-
דערהייבן אַ גאַנצן בנין.

כז. — און איך וויל דאָס נישט.

כח. — בעת איך זאָג דער גייסט, איז עס דער גייסט און נישט די זאַך, וואָס שוועבט איבער די שטערן פון די מענטשן; און די גערעכטיקייט איז אין מיין מויל די גערעכטיקייט, און זי איז פול מיט וועלט; און מיין לעבן איז נישט דער חלום פון מתים, און איך בין נישט געקומען פארטרייבן דאָס לעבן פונם לעבן, און איך בין נישט געקומען פארבלוטיקן קברים, און ס'איז נישט פאַראַן קיין כישוף.

כט. — אדרבא, דאָס נעמט אוועק די מנהגים, די נאַקעטקייט פונם אמת, און די פליכטן, וואָס שפּרודלען פון הארצן, ווי פון אַ פעלז, און די התחלה פון אונדז, ווי איך האָב געזאָגט; און די עוואַנגעליע, וואָס איך האָב געפּריידיקט, האָט נישט קיין רעליגיע, און דאָס איז מיין איינציקער פארדינסט, פון מיר, ווע לכער וועט האָבן געוועזן דאָ אונטן.

ל. — ס'איז פאַראַן נייעס, האָט ער געזאָגט מיט אַ העכער קול, כדי מיר צו ענטפערן. מיר האָבן אנידערגעלייגט דעם טויט צו גאָטס פיס, ווי ס'שטייט אין תהלים. מיר האָבן אויפגעוועקט דעם גאַנצן טויט פון מענטשן!

לא. — איר האָט נאָר אויפגעוועקט דאָס געשפענסט פון די שלאָפנדיקע. איך וויל די לעבעדיקע זאָלן ווערן אויפגעוועקט.

לב. — דעמאָלט האָט ער געענטפערט: מיר דארפן דיך פאר לייב צו אונדזער יינגער ביבל, און כדי אויפצושטעלן דאָס געזעץ.

לג. — ער איז געווען אויסגעמאָגערט און באַגייסטערט, און ס'האָט אויסגעזען, גלייך ער וואָלט ארויסגעוואַקסן פון דער ערד.

לד. ער איז געווען פול מיט אויסרופן און בליצן, מיט צעבראָכענע שטיקלעך פון ירמיהו, יחזקאל און פון תהלים. ער

האָט גערעדט מיט פלאַמען פייער און . . . ארויסגעטראָגט פון זיין גרויס גאונות.

לה. — און ער האָט גערעדט צו מיר, כדי אר יבצובערענגען אין מיר די ניסים, וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן!

לו. — אלזאָ, דער נייער סנאָפּ איז רייף, האָט ער געזאָגט.

לז. — עס איז איצטער די צייט אים צו בינדן אויף דורי־דורות.

לח. — ס'איז די צייט צ' . . . מענען מיט אַן אייגן נאָמען די אַלע אַלטע נביאות.

לט. — ס'איז די צייט אויפצוּוועקן דעם גאָט, וואָס וויל טויטן די צוקונפט.

מ. — ס'איז נייטיק, אַז ער זאָל זיין גלייך צו די מענטשן, ווייל אַזוי האָבן די נביאים אָנגעזאָגט אין זייער נביאות.

מא. — איך האָב געפרעגט: וויאַזוי קאָן מען זיין גלייכצייטיק גאָט און מענטש?

מב. — וויבאַלד דאָס איז אַ גאָט מיט אַ קערפּערלעך געשטאַלט און מאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט געווען אַ דורכגייער, איז ער נישט מער, ווי אַן אָפּגאַרעריי פונם מענטש.

מג. — וואָרום אויסער דעם מענטש איז קיין זאַך נישט מענטשלעך.

מד. — ער האָט געזאָגט: דערמיט, וואָס גאָט האָט אָנגענומען אונדזער טבע, גיט ער אונדז אַוועק זיינע.

מה. — איך האָב געענטפערט: ניין.

מו. — ער האָט געענטפערט: אַזוי מוז זיין. מען מוז אויף אַ געוויסער צייט שטעלן דעם מענטש העכער איבער די מלאכים, ווי ס'שטייט אין תהלים.

מז. — ער האָט שטרענג געענטפערט: ער מוז אויך זיין מילד און גוט (וואָרום מיר שאַפן אַ פאַרבינדונג פון חסד און רחמנות)

און מיט דערדאָזיקער נייקייט בויען די נייע מענטשן און דער־
מיט פאַרניכטן זיי די יידישע טענות און די אָריענטאַלישע חלומות,
און דעם גריכישן פאַרשטאַנד.

מח. — ווי איז עס, דאָס צארטע־לעבעדיקע, דאָס האַרץ פונם
הימל.

מט. — און דער געצנדינער פון דאַגמען, וואָס האָט געחלומט
פון גרויסן נייעם קבר פון אַ בית־המקדש, איבער דעם אַלטן,
האָט מיך פרעמד באטראַכט און געזאָגט:

נ. — אפשר ביזטו עס.

נא. — איך האָב געלאַכט.

נב. — דו קאָנסט מיך נישט מיטנעמען, ווי אַ געפאַנגענעם, ווייל
איך האָב קיין שום שייכות מיט דיר.

נג. — ער האָט מיך נישט געהערט, ווי יענע. וואָס פאַרפלייצן
מיט זייער געדאַנק. און ער האָט געזאָגט:

נד. — מען וועט אריינציען אַלע מענטשן אין דער נייער אָר־
דענונג, אין דער באַגלייטונג פון בלוט־באַפלעקטן העלד.

נה. ער דאַרף זיין פון דוד־המלכס שטאַם, וואָרום אַזוי שטייט
געשריבן.

נו. — און ער מוז באַלד שטאַרבן, פדי די גרויסע משיח־
הבטחה פון דער צוקונפט זאָל אַראָפּקומען אויף אים און מען
זאָל בויען אויף זיין לייב.

נז. — ער מוז שטאַרבן, כדי נאָכרעם לעבעדיק צו ווערן.

נח. — לויט ווי ס'שטייט געשריבן און לויט דעם חלום, וואָס
שוועבט איבער אַלע לענדער פון דער רוימישער וועלט אין דער,
ריכטונג פון אַלע פיר ווינטן פונם שכח.

נט. — ווייל אויפן מערב זענען פאַראַן סיריער און פעניציאַנער,
אויפן צפון — גריכן, אויפן מזרח — בבלים און אויף דרום — די מצרים;
און די אַלע מענטשן זענען ענלעך איינער צום אַנדערן דער־

מיט, וואָס זיי גלויבן אין איין גאָט, וואָס שטאַרבט און לעבט ווידער אויף אין זייערע אָרעמס, און זיי האָבן ליב דעמדאָזיקן סוד (הגם זיי זעען עס נאָר אויף דער העלפט, ווייל זיי זענען איינאויגיק).

ס. — און ווען די גאַנצע וועלט זאָל נישט האָבן געמאַכט קיין הכנות, וואָלט אונדזער נייער גלויבן געווען אַ נישטיקער טעות.

סא. — מיר מוזן פון זיי אַרויסרייסן זייער טויפבלוט, און די קאָמוניע פונם לייב.

סב. — און זייער תחית-המתים.

סג. — וואָס די גריכישע פילאָזאָפן פאַרגעטערן מיט רויקייט און רופן עס אָן די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה.

סד. — און דאָס אַלץ צונויפנעמען אויף אונדזער יידישן חשבון, און שאַפן דערפון אַ נייע אחדות.

סה. — ווייל ווי אַזוי וועל איך צעשטערן די מאַכענאַציעס פון די געצנדינער, אַז איך וועל זיי נישט באַכמאַכן?

סו. — איך האָב געזאָגט: דאָס, וואָס מען מאַכט נאָך — איז נישט צעשטערט.

סז. — און נאָכמער: ווי שטאַרק די יידן באַגערן דעם משיח, וועלן זיי דאָך נישט גלויבן, אַז ער איז געקומען.

סח. — ער האָט געזאָגט: דאָס יידישע געשריי און דאָס בלוט פון זיין עגל — דאָס איז די יירונגס-שטאָף אין דער מאַסע; אָבער ווען דידאָזיקע מאַסע וועט זיך שטרויכלען, וועט מען זיי אַרויסוואַרפן.

סט. — איך: איינצומויערן אים אין אַלע מענטשן, בלויז אין נאָמען פון זינד, דאָס הייסט הפקרות איבערן מענטשן. און וואָס איז מען דען, כדי זיך דערלויבן צו זאָגן: קיינער דאָ אונטן איז נישט אומשולדיק! די ליבע צו גאָט וועט אונדז

אויסלייזן, זאָגסטו, דאָס זענען פאַרגעניגנס פאַר פרינצן.

ע. — נישט לויט דער אומגערעכטיקייט, אָדער בעסער, לויט לעבן מוז זיין די גערעכטיקייט. די גערעכטיקייט דאַרף גוט זיין פאַרן זון פונם מענטש. שטייט דען נישם אַזוי געשריבן: דעם מענטשנזון און נישט דעם קומענדיקן שאָטן.

עא. — און דורך דיינע פאָרמולן ביזטו אַ טאָפּלטע טיפקייט אין די קברים.

עב. — דו גרייפסט אָן אויפן גייסט דורך זיין לאָך, דאָס הייסט דורך דער מורא פאַרן טויט און דו פאַרשטיינערסט אים מיט קברים-שטיינער; בעת דו, מיט דיין מויל פרווסט דעם טויט צו פאַרבייטן מיטן האַרט אומשטערבלעכקייט. און דו מאַכסט גאָט פאַר אַ שותף פון די, וואָס פאַרפאַלגן.

עג. — גאָט האָט געזאָגט — האָט פאולוס גערעדט.

עד. — דער גאָט! האָב איך געזאָגט — ער האט געזאָגט: איר וועט שטאַרבן! די שלאַנג האָט געזאָגט: איר וועט נישט שטאַרבן. הייסט אַריינהויכן טיוולאָנישע עצות אין די פאַרמשפּטע כון דאַנען, אַז זיי זאָלן נישט לעבן זייער לעבן און מאַכן אַז זיי זאָלן פאַרלירן זייערע אָרעמע טעג, אונטערן צייכן פון אַ לעבעדיקן בר-מינן.

עה. — אָבער, האָט ער געזאָגט, אַ גאָט, וואָס קויפט אויס די מענטשן דורך זיינע אייגענע ליידן, איז דאָס נישט אויסטערליש שיין?

עו. — איך האָב געזאָגט פּאָלקס-פאַרפירער;

עז. — און ווייטער, האָט ער צוגעגעבן, וויבאַלד אונדזער גלויבן שטיצט זיך אויף עולם-הבא, וועלן די הערשער פון דער וועלט נישט ווערן געשטערט און זיי וועלן אונדז צורוי לאָזן.

עח. — דו האָסט אַ טעות, האָב איך געזאָגט, דערמיט וואָס

דו ווייסט צונויפבינדן דעם אמת מיט די געשפּענסט־געזעצן. דו וועסט נאָר באַווייזן, ווי ווייט די מענטשלעכע ליבע צו גאָט איז אַ געפיל קעגן דער נאַטור.

עט. — ער האָט געענטפערט: דעריבער זאָגן מיר: דאָס איז איבערנאַטירלעך.

פ. — ער האָט זיך אויפגערעגט און אויסגעשריגן: ס׳שטייט געשריבן: איך וועל אויסלעשן די חכמה פון די חכמים און פאַרניכטן די וויסנשאַפט פון די געלערנטע. האָט דען גאָט נישט באַוויזן, אַז די חכמה פון דער וועלט איז נאָר אַ טרוים? און עס איז אים געפעלן געוואָרן צו ראַטעווען די גלויביקע דורכן טרוים, וואָס מיר פּריידיקן.

פא. — איך האָב געזאָגט: סאָפיסט!

פב. — פונדערוויטנס האָט ער אויסגעזען ווי אַ נביא פון פאָלק ישראל, אָבער פון דער נאָענט האָט זיך געטראָגן פון זיינע מלבושים דער ריח פון גריכישער חכמה.

פג. — כ׳איז פאַרבאָטן, האָב איך געזאָגט, צו שטיצן די גערעכטיקייט, וואָס וועט צעריבן ווערן אין שטויב, ווי נאָר דער מענטש וועט צפּענען זיינע אויגן.

פד. — וואָרום ער וועט זיי צפּענען.

פה. — ער וועט דערזען, אַז דאָס גרויסקייט פון מענטש שטאַמט פונם מענטש, און ער וועט אויך דערזען, אַז דאָס גרויסקייט פון מענטשן שטאַמט פון מענטשן.

פו. — און אַזוי איז דער גורל פונם מענטש, און דער גורל פון די מענטשן גלייכן זיך אויס אין צנלעכקייט.

פז. — דיין ענדערונג איז נישט קיין ענדערונג און דו מעטערסט זיך צוליב גאָרנישט.

פח. — דו ווייסט נישט, וואָס דו זאָגסט.

פט. — ס'איז נויטיק אַ פעסט געזעץ, געשטיצט אויף אומבּרחמנות־דיקע צערמאָניעס.

צ. — וואָס שמידן דעם מענטשן,

צא. און זאָלן ווערן געהאַלטן דורך די מנהיגים.

צב. — די אינערלעכע סודות זעט מען נישט עפנטלעך, אין אַלץ איז דאָרט.

צג. — ס'איז נויטיק אַ באַמערקלעכער כּוח און אחדות מיט די קעניגן, כּדי צו קאָנען באַוועגן מיט דער וועלט.

צד. — און טשוועקעס, כּדי צוצופעסטיקן צו דער ערד דעם הימלשן אַפּאַראַט.

צה. — און אויך אַ צלם, ווי דער תּהילים זאָגט, כּדי אים דאָרט צוצופעסטיקן.

צו. — ער, דער, וואָס האָט זיך געגריטיקט אין מיין דערמאָר־דעטן קערפּער, כּדי אים צונעמען אין זיינע אָרעמס און צו שטעלן אין מיטלפּונקט פון זיין מיטאָלאָגיע, האָט געזאָגט צו מיר:

צז. — ווילסטו זיין דער מלך פון די מלכים?

צח. — איך האָב געזאָגט: צווישן מיינע תּלמידים געפינט זיך קיין איין זעלנער פון קעניגן און פון דער הערשנדער אָרדענונג. אָבער צווישן מיינע תּלמידים געפינט מען זעלנער פון דער גע־רעכטיקייט.

צט. — און פּאַוולוס האָט געזאָגט צו מיר: ישו, דו ווייסט נישט, וואָס דו זאָגסט. איך בין צוזאַמען ייִד, גריך און רוימער; איך בין שטאַרקער ווי דו. גיי דיין וועג און פריידיק!

ק. — ער איז געווען פון די, וואָס האָבן ליב צו ברויען.

קא. — וואָס האָבן געהאַט ערפאָלג אויף דער ערד.

קב. — ער איז געווען אַן אומגעהויערער פרוש.

ניינאונצוואנציקסטער קאַפּיטל

א. — אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָב איך געוואָלט בלייבן אַליין.

ב. — איך בין אַוועק אינם מדבר, כּדי צו זיין ביחידות. איך בין געווען צעמישט פון געדאַנקען און פונם עול פון איבער־מענטשלעכער מידקייט.

ג. — צוליב יענע מורדים און צוליב דעם געלערנטן.

ד. — וואָרום אויך פּאַולוס איז, פּונקט ווי שמעון דער קנאי, אַוועקגע־גאַנגען פול מיט מיר אין דער וועלט. און אויך ער האָט מיך נישט פאַרשטאַנען.

ה. — און הגם איך האָב געזייט דעם אמת, האָב איך דאָך אין ביידע זייטן געזייט שקר.

ו. — זענען דען נאָר פאַראַן די צוויי וועגן צו פאַרווירקלעכן די גערעכטיקייט פון די צוויי מענטשן?

ז. — און איז דען דאָס הימלישע קעניגרייך, ווי ירושלים, די מלכּה פון דער וועלט, אָדער דאָס אינערלעכע פון אַ טויטן־שטאָט?

ח. — און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זיך מיר פּלוצ־לונג געדאַכט, אַז איך זע, ווי אויפן האָריזאָנט פון זאַמד און שטיינער פאַרמירט זיך פאַר מיינע אויגן אַ שטאָט מיט פּאַלאַצן, גערטנער און ביימער, מיט זיילן, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין

אַזיערעס ביי זייער צופּוסנס, און העכער — אַ געטלעכע פּראַכט.

ט. — און איך האָב געוווסט, אַז דאָס איז געווען אַן אילוזיע פון אַ רייזנדער אינם מדבר, און אַז די שטאָט און דער פּראַכט איז נישט פאַראַן אין דער ווירקלעכקייט, נייערט נאָר אין מיינע אויגן.

יא. — און אַז דאָס איז אַ באַווייז פון די מעגלעכקייטן, וואָס מען האָט. און אַז מען טוט תמיד אַזוי.

יב. — וואָרום ס'איז נויטיק אַ בליק, כדי פאַנאַנדערצעוויקלען דעם האָריזאָנט און אויסצוגיסן דעם שטח; ס'איז אויך נויטיק אַן אָטעם, כדי די וועלט זאָל לעבן.

יג. — וואָרום, האָב איך געזאָגט, דאָס איז ער, דער מענטש וואָס שפּרייט אויס דאָרט אינדערהויך די בלויקייט און וועמענס גייסט שפּרייזט ארום איבער די הויכקייטן פון ים.

יד. — און דער, וואָס טוט איבערטראָגן בערג דאָרטן, ווו זיי זענען, בעת ער קוקט אויף זיי.

טו. — וועמענס אויג פּאַסט ארום די הימל־געוועלבונג מיט דעם מזל־בער, אָריאָן און די פּלעיאַדן, וואָס ער דערוואַרעמט.

טז. — און וועלכער רעדט צום הימל און צו דער ערד.

יז. — און אין וועמענס הארצן די גרעסטקייט איז אַ משופּע־דיקער שטראָם, וואָס ברילט קעגן דעם רויקן פלאַכלאַנד.

יח. — איך ווייס עס.

יט. — אָבער איר, איר זענט נאָר די מויערער פון אַן אילוזיע.

כ. — בעת דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט און מ'האָט קוים נאָך געזען דעם הימל, בין איך געגאַנגען זיך לייגן שלאָפן אין אַ הייל, וווהין אַ סך הייליקע לייט זענען נאָך אַוועק פאַר מיר.

כא. — און איך בין איינגעשלאָפן אין גרויס אנגסט צוליב דעם, וואָס עס האָט צו מיר געזאָגט דער רעליגיע־באַגייער.

כב. — און איך האָב געטראַכט וועגן אַן איבערמענטשלעך ליכט, און איך האָב געזען ווי דאָסראַזיקע ליכט שאַפט שטאָקן אין הימל.

כג. — איך בין נאָך געווען גענוג וואַך, כּדי צו זאָגן: איך זע גאָט אין חלום.

כד. — ווי אַלע מענטשן.

כה. — אָבער נאָר איך אַליין ווייס עס.

כו. — עס איז ווידער געוואָרן פינסטער, און אין דערדאָזיקער פינסטערניש האָט זיך פאָרמירט אַ מלאך.

כז. — דאָס איז געווען אַ זייער הויך דורכזיכטיק לעבעדיק וועזן, שטייענדיק אויף אַ העלקייט מיט אויגן־פאַרבלענדנדיקע פלאַכקייטן, ענלעך צו אַ פּאַלאַץ אין דער צורה פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך געפּרעסט אין דער נאַכט. די זעקס בלעטער פון זיינע געשטרייפטע פליגל, זענען געווען געוועבט פונם באַגינען־שטאָף מיט גרין און רויט, און דער זוים פון זיין ווייס ריזיק קלייד, האָט זיך צעשפּרייט אויף דער ערד, ווי אַן עגיפּטישע פּיראַמידע, און זיין אומגעהויערע האַלב־אָפענע האַנט, איז אינג־דערהויך געווען צעריסן, ווי אַ וואָלקן פאַר דער לבנה; און אויף זיין האַלב אויסגעדרייטן פּנים, אינדערהויך צו — אַ קרישטאַל־געוועלבונג; פונם אויג און פונם שנייענדיקן קאָפּ פון דעם אויסגעפאָרמירטן מלאך האָט זיך אָנגעהייבן אַ לייטער, וועמענס שטאַנגען זענען געווען פון שטערן, וואָס האָבן זיך געצויגן אין דער ברייט.

כח. -- אַלץ איז פאַרשוואונדן. עס איז ווידער געוואָרן פינסטער און איך ווייס נישט לויט וועלכן סימן איך האָב דערקענט, אַז די פינסטערניש האָט זיך פאַרשפּרייט איבער די שלאַכט־פעלדער, וואָס די מלכים נוצן אויס צו זייער גונסטן, און אַז דער טייך, וואָס איז דאָ געפלאָסן איז געוואָרן הייס, און אַז דער פאַרמלאָזער

שאָטן האָט געהאַט שרעקלעכע פאָרמען: די טויטע מיט די ווילדע תּנועות און מיט אָפענע אויגן, וואָס האָבן נישט געוואָלט שלאָפן.

כט. — און ס'זענען דאָרט געווען אַזויפיל מתים, אַז איינער איז געלעגן אין די אָרעמס פון אַן אַנדערן.

ל. — איך בין געווען אויסגעצויגן אויף אונדזער מאַמע־ערד, וואָס האָט גערופן צו אונדז: אָט איז דיין ברויט. און וועלכע רופט: זאָלסט נישט טויטן.

לא. — ווי איינער, וואָס ראַטעוועט זיך אין אַן אַוויס,

לב. — האָב איך זיך איבערגעטראָגן אין די גרויסע טעג פון נחמיהן,

לג. — אין דער ריינסטער רגע פון מיין ראַסע.

לד. — אָבער אַ קול האָט געזאָגט צו מיר: באַטראַכט בעסער געשעענישן, וואָס האָבן געפאַנגען דיין קינדהייט.

לה. — עזרא איז געווען אַ קליינער מענטש, וועלכער האָט געזאָגט, אַז גאָט וווינט אין ירושלים.

לו. — און די זינד פון עזרא און נחמיה זענען באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט אַ נידעריקע אידעע אינם גרויסן וווּנדערבאַרן כּוח פון דער יידישער תּשובה.

לז. — וואָרום זיי האָבן געשריגן אויפן פאָלק ישראל, נישט דערפאַר, וואָס זיי האָבן געטאָן שלעכטס, נאָר דערפאַר, ווייל די פאַרטריבענע אין גלות האָבן חתונה געהאַט מיט די ווייבער פון לאַנד.

לח. — כ'איז געווען אויס עגאָיזם און קאַרגשאַפט פון דער ראַסע.

לט. — און זיי האָבן געלאָשן דעם גרויסן יידישן דורשט מיט ברודיק וואַסער.

מ. — און דאָס איז נאָך נישט אַלץ.

מא. — זיי האָבן אויסגענוצט זייער אויסערגעווייגלעכן מוט און

זיי האָבן אָנגעהייבן פאַר די אַלע ווידער ארייננצופירן דעם שרעקלעכן סדר פון די רעליגיעזע מנהגים, און דעם צוואַנג פון קרבנות, און פארשידענע רעליגיעזע אָפּצאָלן, פון מעשר, פון טהרות, און אויס־לייז־געלט פאַר בכורים, כדי אָנצושטאָפּן די טויזנטער כהגים און די אַרמיי לוויים, די שוערים, די משוררים, די נתינים און די איבעריקע כלי־קודש פון גאָטס הויז.

מב. — דאָס איז געווען זייער ציל.

מג. — און די יידן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט און נישט געוואָלט.

מד. — אָבער די מאַכינאַציעס פון אויבן זענען געווען דויער־האַפטיקער פון די דורות.

מה. — דער ווידערשטאַנד איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און די קינדער זענען דערצויגן געוואָרן אין קנעכטשאַפט און זיי האָבן ליב געקריגן די ווילדע משוגעת פון יידישע מנהגים.

מו. — און זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן דערדאָזיקער פאַר־קרימונג.

מז. — ווארום דער גלויבן איז געהאַרכזאַם.

מח. — און דאָס פאָלק ישראל האָט זיך געבויגן קעגן זיך אליין, און זיין סקלעט האָט באַהערשט זיין לייב.

מט. — די ריינע רגע פון מענטשן: באַטראַכט אים!

נ. — די נאַכט האָט אויפגעהערט צו פארשטעלן מיינע אויגן און איך האָב דערזען די וויזיע פון אַ זאַך, וואָס הייבט זיך אָן און נאָכדעם ווערט זי איבערגעריסן אין די וואָלקנס. דער טורם פון בבל, וואָס האָט זיך דערהייבן פון דער ערד ביז צום הימל, און אין זיך אַליין צוזאַמענגעפאַלן און אויסגעלאָשן געוואָרן און איז געוואָרן נישט מער, ווי דער פונדאַמענט פון אַ לעבעדיקן באַרג — מיין וויזיע איז צעשטערט געוואָרן, ווי דער פאַרלוירע־נער גן־עדן.

נא. — אין מיין חלום, אין דערדאָזיקער געדיכטער פינסטער-ניש, וואָס איך האָב געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט, האָב איך זיך געקאָרטשעט אויף דער ערד און געשריגן: אָבער די ספרים פון דער תורה!

נב. — און איך האָב געזען דאָס אינערלעכע פונם בית-המקדש, ביינאַכט, אין מיין חלום. עס איז געווען חושך, אָבער דאָס איז געווען דאָס אינערלעכע פון בית-המקדש.

נג. — און אין פינסטערניש האָט זיך אַ מענטש דערנענטערט צו אַ מזבח, וועלכער איז נישט געווען דער מזבח, וואָס מען האָט געקענט, וואָרום דאָס איז בלי-ספק געווען דאָס פריער-דיקע בית-המקדש, פון נאָך פריער, דאָס בית-המקדש פון שלמה-המלך.

נד. — דערדאָזיקער מענטש... אַ גנב? ניין, ווייל ער לייגט אַנידער אַ ספר אויפן מזבח און גייט אַוועק.

נה. — יאָ, אָבער דאָך אַ גנב.

נו. — ווייל דער ספר איז נאָר-וואָס פאַרענדיקט געוואָרן. אַ מחנה סופרים און כהנים האָבן אים צוזאַמענגעשטעלט, לויט זייער געשמאַק. זיי האָבן צונויפגעקליבן לעגענדעס און וואַנדערנדיקע פּסוקים פון יידן, זיי פאַרבונדן מיט דער תורה, און זיי האָבן מוסיף געווען, אָנגעלאָדן און איבערגעלאָדן; לויט די פּאָליטישע באַדערפעניש.

נז. — דערדאָזיקער ספר וועט ווערן דער ספר פון געזעצן. מען וועט זאָגן: עס עקזיסטירט שוין פון אייביק אָן און עס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל. גאָט האָט עס אַנידערגעלייגט אויפן מזבח. און מען וועט פאַרפאָלגן און טויטן יענע, וואָס וועלן מאַכן אַ מינע, אַז זיי גלויבן נישט אין די פאַרבלענדנ-דיקע אותיות, וואָס פאַרמירן דאָס וואָרט: אַנטפּלעקונג.

נח. — און אַזוי איז געשען אין די צייטן פון צווייטן ירבעם און יהושע.

נט. — און אויך אין די צייטן פון עזרא.

ס. — און עזרא האָט געזאָגט: די תורה שטאַמט פון משהן. ער האָט עס געזאָגט דעמאָלט, בעת די תורה איז נאָך געווען נייַ, און טויזנט יאָר נאָך משהן.

סא. — אַ שלעכטער מלאך האָט געזאָגט: עס איז נישט זיכער. די יידישע סופרים האָבן נישט אויסגעטראַכט די ששת ימי בראשית, כדי צו באַרעכטיקן דעם שבת.

סב. — און אויפגעהייבן זיך אויפן ביין פון זיין עלנבויגן האָט דער געפאַלענער מים חוזק געשליידערט דעם געוואַלדיקן חלול-הקודש, וואָס איז אפשר גאָר קיין חלול-הקודש נישט געווען.

סג. — און לעבן אַ זייל פון אַ בית-מדרש, איינגעבויגן איבער זיין טיש, האָב איך געזען דעם סופר אין זיינע מלבושים, וועלכער האָט פאַרפאַסט די ששת ימי בראשית.

סד. — און אין דער פינסטערניש איז געשטאַנען אַן אָנגעצונדענע מנורה; די פינגער פון אַ מענטשנס האַנט האָבן זיך אויסגעשניצט און האָבן געשריבן פאַר דער מנורה:

סה. — די ספרים פון דניאל און חנוך זענען נישט פון דניאלן און נישט פון חנוך'ן.

סו. — זאָלסט וויסן, האָט אויסגערופן אַ קול, אַז אין די הייליקע ספרים איז די נביאות פאַרפאַסט געוואָרן לויט די געשעענישן!

סז. — און זאָלסט וויסן, און דאָס קול איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, אַז עס וועלן אויפקומען הייליקע ספרים, אין וועלכע די געשעענישן וועלן פאַרפאַסט ווערן לויט די נביאות.

סח. — און איך האָב געהערט אַ כאָר, וועלכע האָבן געזונגען פון אַלע זייטן:

סט. — כבוד דיר ישו, זון פון מרים, זון פון דוד, און זון פון גאָט.

ע. — דאָס איז געווען אַן אַפּאָקאַליפּס פון דער צוקונפט, וואָס האָט זיך אויסגעשיילט און פאַרנומען זיין שטח אינם שטח.

עא. — און דער מענטש, וואָס איז געווען אויפן וועג קיין דמשק, איז געווען פאַרמישט אין דעם אלעם.

עב. — איך האָב ווידער געזען ספרים, תנאים, כהנים, נזירים, קירכן, אסיפות, אַלע באַאַמטע פון אַ כסא-מלכות, וועלכע האָבן געהאַט וויכוחים, אין אַן אָפּגעשלאָסענעם שטח.

עג. — און דאָס קול: זיי באַשעפטיקן זיך מיט דיר. זיי פאַר-וואַנדלען דיך אין קריסטוסן. זיי פאַרקריפּלען דיין צורה. זיי שמידן צו דיין לעבן צו אומפאַרענדלעכע טעקסטן, זיי בינדן דיך פון אַלע זייטן מיט קייטן פון אַלטע נביאות, און פון אומגערעכטע תורות. דו, וועלכער האָט געזאָגט: ס׳איז נישט פאַראַן קיין פאַרמיטלער, מאַכן זיי פון דיר אַליין אַ פאַרמיטלער. זיי פאַרשטיינערן דיך מיט דיין נאָמען.

עד. — דו האָסט צעשטערט דעם אָפּגאָט פון פאָלק ישראל און איבערגעלאָזן בלויז דעם גרויסן מענטשלעכן געבוי פון גערעכטיקייט; אָבער דער מענטש פון דמשקער וועג, האָט אויפן שיינעם ליידיקן פּלאַץ אַוועקגעשטעלט אַן אַנדער גאָט.

עה. — אנשטאָט אַוועקצושטעלן דאָרט דאָס לעבן.

עו. — די תורה פון משהן און די גריכישע לעגענדעס וועלן זיך קעגנזייטיק דורכדרינגען און מאַכן פון דיר אַ יאָס-קע, ווייל צעריבן אינמיטן, וועסטו זיין בלויז דער רעגן פון דיין בלוט.

עז. — דו וועסט קיינמאָל נישט וויסן אַלץ, וואָס מען וועט מיט דיר מאַכן, און אַפילו איצטער, בעת איך זאָג עס דיר, ווייסטו עס אויך נישט.

עח. — און עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל דיך פאַרטיידיקן, און די תלמידים פון דיינע תלמידים זאָגן: אמן.

עט. — און איר אַלע, מענטשן פון אומעטום, מאמינים, מענטשן אָן אַ צאָל, איר ווייסט כמעט גאָרנישט, וואָס מען שפּינט קעגן אייך. און איר לעבט רויק, ווייל ס'פאַלט אין אייך נישט אַריין קיין שום חשד, וועגן די פּלענער, וואָס מען האָט געבויט קעגן אייך.

פ. — און ס'וועט קומען אַ צייט, ווען די אָרעמע און די וואָס האָבן גאָרנישט וועלן געבן אַ בלאָז אויף דער תורה וואָס איז שטיקלעכווייז אַרויסגעריסן געוואָרן פון דיין לייב און וועלן מאַכן דערפון דעם לעבעדיקן כּוח פון דער וועלט.

פא. — ווייל דערין וועלן זיי בלויז זען און אַרומפאַסן די עלנטקייט, גרויס און ענלעך צו זיי. די, וואָס וועלן זיין איבערגעפולט מיט יסורים, וועלן ליב האָבן דעם קעניג, געקרוינט מיט דערנער.

פב. — זיי וועלן גאָרנישט פּרוון צו פאַרשטיין, די פאַלש דאָס איז: אַז גאָט איז מענטש, און מענטש איז גאָט. זיי וועלן ליב האָבן דידאָזיקע אידעע בלינדערהייט און מיט מוטער לעכער ליבע.

פג. — אָבער ווען דידאָזיקע תּורה מיט איר צוגענעגלטן גאָט וועט הערשן און האָבן אונטער זיך אַ פעסטן יסוד, דאַן וועט זי זיין אַ קעגנשטאַנד פון די רייכע און תּלינים.

פד. — אומעטום, און תּמיד.

פה. — איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, בעת איך בין געלעגן צווישן די שטיינער אויף דעם שלאַכטפעלד פון דער ווירקלעכקייט, אין די נאַכט שעהן, ווו מענטשן און פעלקער שטאַרבן אָפּ אויף זייערע ערטער, ביינאַכט, ווען די פינסטערניש פאַרפאָלגט אייך, און איך האָב געוואָלט שרייען הייס, איבער מיר: גלויבט נישט אין ישו!

פו. — אָבער איך בין נישט געווען ביים כּוח דאָס אַרויס-

צושרייען, און איך בין נאָך געווען געצווונגען ווייטער אויסצוהערן:

פז. — די, וועלכע וועלן ענלעך זיין צו דיר און זיין ווי דו׳ וועלן ווערן פארמשפט און געטויט פון דיין קירך, אין וועלכער דו ביזט א פרעמדער. זיי פאַרזיכטיק פאר די, וועלכע וועלן זיך אָנרופן נ ו צ ר י ם אָדער זיך אָנרופן אָ ר ע מ ע!

פח. — און די רעליגיע וועט אַלץ צונעמען ביי די אָרעמע, וועלכע זענען אירע מאַמעס, זי וועט באַגנבענען די אומגליקלעכע.

פט. — זי וועט זיי באַגראָבן אין די ערדישע תהומות און אוועקרויבן פון זיי דאָס ליכט און די פרייד.

צ. — א רעליגיע מיט צוויי פנימער,

צא. — וואָס טוט שלעכטס אויף דער ערד און חזרט איבער אונטערן הימל די גוטע לערע, וואָס דו האָסט באשאַפן; האָרכט וואָס איך זאָג וועגן גוטעס.

צב. — און זי וועט אַרויסרופן קללות, צאָרן ביי די גערעכטיקע,

צג. — וועלכע זענען די באַזיגטע פון די דורות.

צד. — גלייך, ווי דו.

דרייסיקסטער קאַפּיטל

א. — עלן איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ שלייער פון זון און איבערגעפילט מיט פרייד, בעת איך בין אָנגעקומען קיין ירושלים, כדי צו באַגעגענען זיך מיטן עולם, מיט וועלכן איך האָב זיך דאָרטן באַשטעלט.

ב. איך האָב געריטן אויף אַ יונגן אייזל, און מיינע תלמידים האָבן געשאָקלט מיט די לולבים, און מענטשן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן און געזאָגט: וואָס איז דאָס? זיי האָבן אויסגעזען צו זיין גליקלעך דערמיט, וואָס זיי האָבן געקוקט אויף מיר.

ג. — און דער שוואַרצער חלום אין מיר איז פאַרשוואונדן פאַר דער שפּע פון זון.

ד. און אַ בלינדער, וואָס איז געזעסן אויף אַ שטיין האָט געפרעגט: וואָס איז דאָ? דעמאָלט האָט ער אויסגעדרייט, אויסגעשטרעקט אין מיין ריכטונג, זיין פּנים, ווו די פינסטערניש פון זיינע אויגן זענען געוואָרן אומבאַמערקלעך, און האָט מיך גערופן, שרייענדיק הויך אויפן קול; און אַ מענטש, וואָס איז געווען באַשניידט מיט קרעץ, האָט אַ דאַנק זיין שרעקלעך לייב, זיך געשטופּט צו מיר, און אַן אַנדער בלינדער, האָט זיך דערנענטערט צו מיר מיט זיינע אויסגעשטרעקטע הענט, איבערגעטראָגן אין מיר זיין מורא און געזאָגט: איך האָב אַ גאַנצע וועלט הינטער זיך.

ה. — ווען מיר זענען אָנגעקומען אין בית־המקדש אַריין, האָב

איך שוין געזען פאַרזאַמלט די פירער פון די כהנים און די סנהדרין פון ישראל.

ו. — און א ביסל ווייטער זענען געווען פנימער פון רוימער.

ז. — און בעת איך האָב דערזען דידאָזיקע מענטשן, האָב איך זיך דערמאָנט די ווערטער פונם מענטש, וואָס איז געווען אויפן וועג קיין דמשק.

ח. — איך [illegible] זענען זיי געווען אויפגערעגט מיט קנאה קעגן מיר. און איך בין געווען פול מיט כעס קעגן זיי, ווייל פון זיי איז אַרויסגעקומען [illegible] ווייטער קומען דאָס גאַנצע שלעכטס.

ט. — זיי האָבן גאָר[illegible] געוואגט צו זאָגן, ווייל זיי זענען גע־שטאַנען צווישן אַן עולם, וואָס האָט געברויזט ווי אַ ים.

י. — און ווען איך האָב זיך אויסגעדרייט און געזען די מחנות מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען קעגנאיבער דער ריי פון די מעכטיקע, האָט מיך באַהערשט אַ געפיל פון רחמנות, ווייל זיי זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט, ווי אַ סטאַדע אָן אַ פּאַסטוך.

יא. — און איך האָב געזאָגט צו די, וואָס זענען געווען מ'ט מיר:

יב. — די שניט איז גרויס, אָבער עס זענען פאַראַן ווייניק אַרבעטער.

יג. — ווייל דאָס פאָלק וואַקסט אַרויס פון דער ערד, ווי די פרוכט, וואָס זיי ברענגען אַרויס פון דער ערד, און ווי דאָס ווערק פון זייער אַרבעט.

יד. — אָבער יעדער איינציקער פון זיי איז אָפּגעטיילט פון אַלע אַנדערע.

טו. — און די מאַסן זענען נישט קיין מאַסע, נייערט אומ־ענדלעכקייטן, וואָס זענען צעברעקלט.

טז. — יוחנן האָט געזאָגט: די פּאַרטיי שאַפט [illegible] גאַנצע.

יז. — און איך: אָבער דאָס גאַנצע שאָפּט די פּאַרטיי.

יח. — און די באַוועגונגען פון מענטשלעכן כּלל קומען פאַר מיט אַ יאושדיקער לאַנגזאַמקייט. עס איז פאַראַן אַ לאַנגער פּיין פון די מאַסן: די לאַנגזאַמקייט.

יט. — זיי וואָלטן אַלץ געקאָנט, ווען זיי וואָלטן געוואָלט.

כ. — זיי וואָלטן געוואָלט, ווען זיי זאָלן וויסן. אָבער איך זאָג אייך, די פאַרווירקלעכונג פון אים איז אַ צו לאַנגזאַמע און אַן אָפּגעהאַלטענע. און דאָס איז דער קאָשמאַר פון דער וועלט.

כא. — און איך שנאה צוליב זייערע ליידן, איך שנאה צוליב ייערע גייציקע הארן, איך שנאה צוליב דעם, וואָס פּאַולוס האָט מיר געזאָגט און צוליב דעם, וואָס עס האָבן מיר גע־זאָגט די אָנהענגער פון בלינדן און זינלאָזן אויפשטאַנד.

כב. — האָב איך געטראַכט:

כג. — עס איז נויטיק איך זאָל מקריב זיין מיין לעבן.

כד. -- איך האָב שוין וועגן דעם געטראַכט: מקריב זיין מיין לייב פאַרן כּלל, געבן מיין טויט אַלס בילד, אויפדעקן פאַר זיי מיין צעריסן לייב, כּדי די צעשפּרייטע זאָלן שאַפן איין קערפּער.

כה. — איך, וואָס האָב שוין געפּרוווט, טאַפּנדיק אין דער פינסטער צו זיין דער פּרינץ פון מעשים.

כו. — מיין טויט איז ביי מיר געווען דער גרעסטער טאַט, וואָס איך האָב געקאָנט אויפטאָן, כּדי אויפצוּוועקן די מתים.

כז. — און מיין מפּלה צו פאַרוואַנדלען אין אַ נצחון.

כח. — און דידאָזיקע רגע איז געקומען.

כט. — די רגע צו מאַכן לייכטן מיין בלוט.

ל. - אין בית=המקדש זענען געווען חלפנים און קרעמער. איך האָב זיך געוואָרפן אויף זיי. איך האָב אומגעקערט זייערע טישן און בענק און זיי פאַרטריבן פון בית-המקדש, אין די אויגן פון גאַנצן פאָלק, שרייענדיק צו זיי:

לא. — דאָ איז געווען דער היכל פון תפילות, און איר האָט עס פאַרוואַנדלט אין א נעסט פון גנבים.

לב. — און דער עולם האָט געשריגן, אַז איך בין גערעכט.

לג. — איך האָב אויך אַרויסגעטריבן די חיות, צוגעגרייט אויף קרבנות, און די, וועלכע האָבן זיי דאָ אַרייגעפירט און פאַרקויפט; און איך האָב געשריגן:

לד. — דאָס בית־המקדש איז שוין נישט מער אַ גרויס שעכט־הויז, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך אַ קאַסטע.

לה. — און דאָס פאָלק האָט בעת־מעשה דערין געגלויבט.

לו. — די, פון אויבן־אָן, וועלכע זענען דורך מיין זשעסט געפּאַטשט געוואָרן אין פנים און דורך די געשרייען פון פאָלק אָנגעגריפן געוואָרן, האָבן געשוויגן.

לז. — אָבער איך האָב גוט געוווּסט, אַז נאָכדעם, ווי איך האָב דאָס אַלץ געזאָגט און געטון, וועל איך שוין לענגער קיין קיום נישט האָבן.

לח. — אָבער די רוימער זענען נאָך געווען גלייכגילטיק.

לט. — און איך האָב אויסגערופן צו דער לעבעדיקער שטאָט, וואָס האָט זיך באַוועגט פאַר מיר:

מא. — צערייסט אייערע קייטן, איר, וואָס ווילט עס!

מא. — צוּוואָס וואַרט איר, מען זאָל אייך אַריינברענגען אין כעס?

מב. — און כדי צו זאָגן די, וואָס נוצן אייך אויס פאַר זייערע אייגענע צוועקן: מיט וואָסערע רעכט?

מג. — און, כדי צו פאַרטרייבן דאָס שלעכטס אויפן גוטס.

מד. — טייטמאָל האָב איך געהערט, ווי זיי זאָגן צו אייך: אויב מען פּאַטשט דיך אין איין באַק, שטעל אונטער די אַנדערע.

מה. — דאָס זענען געווען פאַלשע נביאים, פאַרשפּרייטער פון חלומות און גנבים פון האָפענונגען.

מו. — וואָרום דאָס הייסט איבערגעבן די גוטע אין די הענט פון שלעכטע.

מז. — ווייל יענע האָבן אייך געוואָלט מקריב זיין צו אַ תורה וואָס זאָגט: זייט גוט! אָנשטאָט צו זאָגן: לאָמיר זיין גערעכטיק,

מח. — און איך, דער קרבן, האָב צו זיי געשריגן: זייט אייך נישט מקריב!

מט. — ווער עס איז זיך מקריב, איז נאָך נישט גענוג גוט.

נ. — דער, וואָס לאָזט זיך טויטן, דער איז א מערדער. זיי וויסן דאָס גוט, יענע, וואָס שניידן די האָפנונג, אַז דאָס גוטע קאָן דאָ אויף דער ערד נישט זיין מער, ווי אַ געשפּענסט פון גוטס און, אַז דאָס שלעכטס וועט נישט אויפהערן. מקריב זיין זיך, הייסט, — זיך אַליין נישט פארשטיין.

נא. — דאָס הויכע קול פון דניאלן, וואָס הערשט איבער אַלע אַנדערע, ווי די געוועלבונג פון א דונער, ווי אויך, ישעיה און ירמיהו און די אַלע אַנדערע רעדנער פון אויבערשטן, האָבן נאָר געהאַט די גערעכטיקייט אין זייער מויל.

נב. — די גערעכטיקייט איז די ווירקלעכקייט, דאָס בלוט און דער קוואַל, ווי דאָס הארץ, וואָס איז דאָס לייב פונם לייב. זי זאָגט נישט, ליבע. זי זאָגט: דרך-ארץ; זי זאָגט: ליכט.

נג. — און בעת זי זאָגט דאָס, טוט זי אויסמישן דעם הימל מיט דער ערד, און דעם אמת מיטן פאַלק.

נד. — בלויז דעריבער רעדן זיי צו אייך אַזויפיל פון גוטס, כדי זיך צו באַפרייען פון אייך, צו מאַכן אייך שוועבן אין די וואָלקנס און אייך צו שטערן איר זאָלט קיינמאָל גאָרנישט טון, כדי צו פאַרוואַנדלען די מלחמה אין שלום און דאָס שלעכטס אין גוטס.

נה. — וואָרום יעדערער פון די, וואָס האָבן געבויט זענען געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שווערד; אַזוי האָבן זיי געבויט;

אין דער טרומייטער איז געווען לעבן מיר, האָט געזאָגט נחמיה.

נו. — צווישן די פאַרזאַמלטע האָב איך געזען יוחנן בן זכריהן, דעם באַנייער, וואָס איז צוריקגעקומען, און איך האָב זיך געשטיצט אויף זיין אַנוועזנהייט, און איך האָב אויסגעשריען:

נז. — עס שטייט געשריבן: איך האָב אַריינגעלייגט מיינע ווערטער אין דיין מויל, כדי זאָלסט זיי רייסן און צעשטערן.

נח. — אויב דו האָסט שונאים, באַקעמף זיי.

נט. — אָבער דערקען זיי צוערשט.

ס. — זיי זענען נישט די, וואָס דו מיינסט.

סא. — דאָס זענען נישט די פרעמדע און געצנדינער.

סב. — איינער פון צווישן די כהנים האָט געזאָגט:

סג. — ער רעדט פאַר די נישט געמלטע!

סד. — מיט אַן אויפגעהייבענער פויסט האָט יחיאל געשריגן צו מיר:

סה. — דו באַגייסט אַ חטא אַקעגן פאָלק!

סו. — יוחנן דער זון פון זכריהו, וואָס איז געשטאַנען צווישן מיר און דעם עולם, האָט באַוועגט מיט די הענט און אים געענטפערט:

סז. — וואָס הייסט עס צווינגט אַ חטא קעגן פאָלק? און צו וועלכע חטאים רעכנסטו עס צו?

סח. — איך האָב געזאָגט: עס זענען נאָר פאַראַן צוויי מענטשלעכע אמתן: איינער, און אַלע.

סט. — קיין אָרעמער אויף דער ערד איז נישט פרעמד צו אַן אנדערן אָרעמען אויף דער ערד.

ע. — ווען דער אָרעמער אמת וואָלט געקאָנט רעדן, וואָס וואָלט ער געזאָגט?

עא. — איך בין אַן אַ פאָטערלאַנד.

עב. — ישעיה האָט געזאָגט, האָב איך אויסגעצרופן: איך מאַך

פון דיר דער גלאַנץ צווישן די פעלקער, אזוי האָט געזאָגט גאָט, צום פאַרהאַסטן פון די מענטשן, צום קנעכט פון די הערשער.

עג. — און די נביאים, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויפן אויבערשטן, האָבן פאַרשפּרייט די תורה אויף דער גאַנצער וועלט.

עד. — ווער וועט וואַגן, נאָך זיי, דאָס צו פאַרקלענערן.

עה. — און געבן דעם אמת פאַרשידענע פרעמדע און פיינט־לעכע נעמען.

עו. — דיינע אמתע שונאים, יענע, וואָס דו מוזט אין איינעם אַ טאָג מנצח זיין, זענען די רייכע און די מעכטיקע.

עז. — אָט דידאָזיקע זענען דיינע פרעמדע.

עח. — די, וואָס שניידן די פעלדער, וואָס זיי האָבן נישט גע־זייט, און לאָדן אָן יענעמס פלייצעס מיט בינטלעך, וואָס זיי אַליין ווילן זיך מיט קיין פינגער נישט אָנרירן, און צווישן די פאַלדן פון זייערע קליידער קלעבט זיך דאָס בלוט פון אומ־שולדיקע נשמות.

עט. — מען גיט דעם וואָס האָט, און ער האָט נאָך מער, און מען נעמט אַוועק ביי דעם, וואָס האָט נישט, וואָס ער האָט.

פ. — און ס'וועט קומען יאוש איבער יאוש.

פא. — אָבער ווער עס אַרבעט נישט, האָט נישט דאָס רעכט צו עסן.

פב. — ווי צו אייך, איר וועלכע בויט פאַר זיך פּאַלאַצן מיטן שווייס פון אַנדערע! האָט חנוך געזאָגט.

פג. — און דאָס געלט, וואָס לעבט און פאַרמערט זיך, איז אַ העסלעכקייט.

פד. — אין דער געמיינשאַפט פון אַרבעטער, געשאַפן דורך זיי און פאַר זיי,

פה. — און ווו עס וועט בטל ווערן די מלחמה און דאָס אומ־גערעכטע עשירות,

פו. — דאָרט וועט איינער מיטן אנדערן זיין גלייך.

פז. — ווער עס איז דערהייבט געוואָרן, דער וועט ווערן דער־נידעריקט, ווער עס איז דערנידריקט, דער וועט ווערן דערהייבן.

פח. — זאָל דער גרעסטער פון אייך זיין אייער דינער!

פט. — אין די דורות פון דער צייט זע איך דעם גרעסטן פון אלע דערהייבן זיך איבער אַ גרויס פאָלק און איז זיין דינער.

צ. — וואָרום ביי אזא צוזאַמענשטעל וועלן אַלע נאָר זיך אליין געהאָרכן.

צא. — און וועלן זיין פריי, ווייל זיי זענען קנעכט פון דער גערעכטיקייט.

צב. — איך זאָג אייך, אז פאַרלייפיק איז נאָר פאַראַן איינאיינ־ציק פאַטערלאַנד פון אומגליקלעכע, דאָס איז דער בית־עולם.

צג. — און ווען איר וועט ווערן אויפגעוועקט צווישן די לע־בעדיקע מתים און איר וועט זיך געפינען איינער לעבן אַנדערן;

צד. וועט איר זען, אַז איר געפינט זיך אין תפיסות, ווי פריער אין קברים, און, אַז דאָרט איז אייער ברודערלעכקייט.

צה. — אַלזאָ, צערייסט די קייטן, איר, וואָס ווילט דאָס!

צו. — לאָמיר נישט וואַרטן, ביז מיר וועלן זיין טויט, כדי ענלעך זיין צו איינאַנדער!

צז. — יוחנן דער זון פון זכריה, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין אָרט, האָט אָנגעוויזן אויף מיר און אויסגערופן:

צח. — דאָס איז ער!

צט. — דאָס איז ער. איך האָב געפריידיקט די עוואַנגעלישע פאַר אָרעמע, האָט ער געזאָגט, אָבער ער האָט דאָס וואָרט פון אייביקן לעבן. ער האָט די כלי־זיין פון דער ליכט. ער איז דאָס שעפעלע פון גאָט, וואָס טוט אוועקנעמען ביי דער וועלט די חטאים.

ק. — נאָכדעם, ווען ס'האָט געהערשט אַ פייערדיקע שטיל-קייט, האָב איך אויסגערופן, ווי ישעיה:

קא. — דאָס פאָלק, וואָס זיצט אין פינסטערניש, האָט דערזען אַ גרויסע ליכטקייט.

קב. — איר פאַרמאָגט איצט די ליידנשאַפט פון זען.

קג. — גליקלעך זענען די, וואָס הונגערן און דורשטן נאָך דער גערעכטיקייט, ווייל זיי וועלן ווערן אָנגעזעטיקט. און איך זאָג אָן די צייט פון פאַרווירקלעכונג, ווען ליידן פאַרן אמת וועט ענלדעך זיין אַ פרייד.

קד. — אָבער איר דאַרפט אייך נישט אָפּגעבן מיט פאַלשע פאַסטוכער.

קה. — איר אַליין!

קו. — פאָדערט און מען וועט אייך געבן, זוכט און איר וועט געפינען, קלאַפּט אָן און מען וועט אייך עפענען.

קז. — און כל-זמן איר האָט נישט אַלץ, האָט איר גאָרנישט.

קח. — די אייביקע גערעכטיקייט האָט געשריגן: איך האָב דיך געהיט און געשטאַרקט, כדי דו זאָלסט זאָגן צו געפאַנגע-נע: גייט!

קט. — איינער פון פאָלק האָט אויסגעשריגן צו מיר: מיר וואַרטן אויף דער רעוואָלוציע.

קי. — אַלזאָ איר וואַרט אויף אייך אַליין.

קיא. — פייפט אויף אייערע הערשער, איר, וואָס האָט אַלץ באַשאַפן מיט אייערע הענט, אפילו אייערע יסורים.

קיב. — אָבער נישט יהודה פון גליל, נישט צדוק. און קיינער נישט פון דעם מין.

קיג. — היט אייך פאַר די פאַרלוירענע מלחמות פון דעם צו שוואַכן קעגן דעם צו שטאַרקן.

קיד. — אָבער, איר שוואַכע, גרייט אייך, צו ווערן שטאַרק, ווייל אַלע צוזאַמען זענט איר שטאַרק.

קטו. — און איך האָב אָפּגעגעבן די גערעכטיקייט די קנאים, זאָגנדיק:

קטז. — ווייל דער באַגער פון אַ ראַסע, וועט איינשלינגען דאָס מענטשלעכע אומגליק.

קיז. — גיט צוריק דעם מענטשן דעם מענטש, פאַרייניקט דעם מענטש מיטן מענטש, דערהויבט דעם מענטשן=באַרג.

קיח. — די קייטן וועלן מוזן צעריסן ווערן, דאַמאָלט ווען עס וועט זיין בלויז איין געשמידטער.

קיט. — מאַכט צוערשט די רעוואָלוציע, אין אייערע קעפּ.

קכ. — די רעוואָלוציע פון גייסט.

קכא. — ווייל דאָס הייסט — פאַרבייטן דאָס, וואָס ס'איז דאָ דערויף, וואָס דאַרף זיין לויטן גייסט.

קכב. — און איר זאָלט וויסן, אַז ס'איז נאָר פאַראַן איין אמת. און דאָס, וואָס מוז געשען לויטן גייסט, וועט אין אַ העלן טאָג געשען דורכן כוח פון די זאַכן.

קכג. — און פונם דאָזיקן טאָג און שעה ווייסט נאָך קיינער נישט.

קכד. — דאָס לעבן, דאָס לעבן!

קכה. — ווייל, אינדערעמתן, זאָג איך עס אייך: דער רום, דאָס גליק און די פרייד פון יענע, זענען געשאַפן פון שאַנד, פון אומגליק און פון עלנט פון די דאָזיקע.

קכו. — דער, וואָס שטיצט זיך אויף דער שווערד, דער וועט אומקומען פון דער שווערד.

קכז. — די שווערד איז זייער כלי=זיין.

קכח. — צווישן יענע און די, עקזיסטירט אַ פראַגע פון כוח.

קכט. — און ווער ס'האָט רעכט, דער דאַרף האָבן כוח; און ווײַבאַלד ער האָט אים נישט, זאָל ער זיך אים נעמען.

קל. — ווער ס'האָט נישט קיין כוח, דעם פעלט עפּעס צום זיווג פון שאַפן.

קלא. — דער כוח איז דער זיווג פון גייסט.

קלב. — און די, וואָס שלאָפן אין שטויב, אויף דער ערד, און די, וואָס זענען טויט מיד פון שלאָף אָדער זיי שרייען אויס זייערע חלומות, די וועלן אויפוואַכן.

קלג. — ווען עס וועט זיך הערן א ווײ-געשריי פון דעם עלנד.

קלד. — די גערעכטיקע וועלן ענלעך זיין צו די באַרבאַרן, וואָס די ערד קאָן שוין מער נישט טראָגן. דאָס איינציקע פאָלק וועט מיט זיך אליין לערנען וועגן איינִיקייט פון גאָט אונטערן צייכן פון שווייס און בלוט.

קלה. — איר זענט נאַראָנים, וואָס איר לאָזט אַלץ טאָן

קלו. — אָבער איר וועט זיין די חכמים.

קלז. — און די גוטע!

קלח. — און די יִדן האָבן אָנגעהייבן שרייען פון זייער־ערטער,

קלט. — און דאָס זענען נישט געווען קיין פוסטע געשרייען

קמ. — נאָר דער מלך פון צאָרן האָט ארויסגעטרעטן פון זיי־ערע מיילער.

קמא. — די אויסרופן פון ליבע פון פאָלק צו מיר זענען געווען אזוי גרויס, אז מ'האָט אין דעם אויגנבליק גאָרנישט גע־קאָנט טאָן קעגן מיר.

קמב. — אָבער איך האָב גוט געזען די בלייכע געשטאַלטן פון די מעכטיקע, די אומבאַוועגלעכע מאַסקעס אויף די רוימי־שע און יידישע פּנימער. אויף וועלכע איך האָב געלייענט דעם סוף פון מיין לעבן.

איינאונדרייסיקסטער קאַפּיטל

א. — מיר האָבן פאַרייניקט אונדזער קייך צו דער אָוונט־סעודה און מיינע תּלמידים און איך, האָבן מיר גוט געוווסט, נישט זאָגנדיק איינער פאַרן אַנדערן, אַז דאָס איז אונדזער לעצ־טע געמיינזאַמע סעודה (אָבער דאָס האָט געזאָלט זיין די פאָר לעצטע סעודה).

ב. — איך האָב צעבראָכן דאָס ברויט און תּחילת האָט גע־הערשט אַ שטילקייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער מתּנה.

ג. — דעמאָלט האָט שמעון אויפגעהייבן זיין קול און מיר גע־זאָגט: די ביזט דער פּרינץ פון לעבן.

ד. — איך האָב געענטפערט: איר וועט, באמת, זיין מיינע תּלמידים. איר וועט דערקענען דעם אמת, און דער אמת וועט אייך באַפרייען.

ה. נתניאל האָט געזאָגט: קענען מיר אים, הייסט עס, נאָך נישט איבערצאַנצן?

ו. — ניין, נישט איבערצאַנצן.

ז. — ער האָט אָנגענומען מוט און מיך געפרעגט: ביזטו נישט קענען דער ליבע? ענטפער!

ח. — יעקב, וואָס האָט אויך אָנגענומען מוט האָט געזאָגט: מען מוז ענדערן דאָס האַרץ פון די מענטשן.

ט. — די אַלטע הילצערנע טירן צום צימער, ווו דער טיש

איז געווען געדעקט, איז געשטאַנען אָפן און דורכן גרויסן פיר־עק האָט מען געזען דעם הימל, וואָס די שקיעה־זון האָט באַגאָסן מיט אַ גרינקייט, און די ליכטיקייט האָט זיך שטראָמענווייז אַריינגעגאָסן אינעווייניק.

י. — און נישט געקוקט אויף דער שיינקייט פון די זאַכן, האָב איך געענטפערט: וואָס ווילסטו מיר זאָלן מאַכן מיט דיין חלום?

יא. — דו האָלסט אים, ווי אַ בלום צווישן דיינע פינגער, דו ביזט דערמיט באַצירט, אָבער אינדעראמתן האָלסטו גאָרנישט.

יב. — דו ביזט גענוג חשוב מיט דיין בלום, אָבער דער, וואָס פאַרשטייט און זעט איז מוטיקער און ערלעכער, ווי דו.

יג. — און איך האָב ווידער געריידט צו יעקבן, וועלכער האָט פולשטענדיק אויסגעהאָרכט, דעם קאָפּ פאַרזונקען, און ער האָט געקוקט אויפן טיש, אויף דער שיסלע צווישן זיינע ביידע הענט, באַגילט פון דער שקיעה־זון.

יד. — דאָס האַרץ ענדערן? ניין. ווייל מען קאָן עס נישט.

טו. — נישט דאָס האַרץ דאַרף מען ענדערן, נייערט דאָס, וואָס איז אינעווייניק.

טז. — דעריבער זאָג איך אייך: פאַרשטייט אייך און ליבט איינער דעם אַנדערן,

יז. — איר, וועלכע זענט דאָ און איר, וועלכע זענט נישט דאָ

יח. — דאָס איין און דאָסזעלבע געבאָט, און אָט דעם גיב איך אייך.

יט. — אויב פאַרשטיין הייסט נישט אַרומנעמען, ווייס איך נישט, וואָס דאָס זאָל באַדייטן.

כ. — פאַרשטיין איז אַ לעבעדיק וואָרט, און דאָס לייב פון דעם דאָזיקן וואָרט, איז ליבע.

כא. — שלעכט איז, אַז מען ליבט איידער מען פאַרשטייט.

וואָרום מען הייבט נישט אָן בויען א הויז פון דערהויך, צו־ערשט פאַרשטיין, נאָכדעם ליב האָבן.

כב. — וואָרום די ליבע אָן א כלל איז א באַוועגלעכע זאַך און געפינט זיך אין רשות פון ערד־ווינטן.

כג. — און זי קאָן ברענגען שלעכטס.

כד. — און דאס הארץ שרייט, ווי עס שרייט א שטומער.

כה. — ווען איר גלויבט גלייכצייטיק אין ליבע און אין שכל, זאָגט נישט: די ליבע און דער שכל. זאָגט: די ליבע כוונם שכל.

כו. — אָבער זייט זיכער: פארשטיין גייט נישט אָן ליבע. און פונקט ווי עס איז נישט פאַראַן קיין גרויסע זאַך, וואָס זאָל זיך נישט האלטן אין די גרויסע שורות פון דער גערעכטיקייט, אַזוי איז נישט פאַראַן קיין שום מילדקייט און וואַרעמקייט, וואָס זאָל נישט געהאלטן ווערן אין די גרויסע אָרעמס פון רחמנות. און דער שכל איז גלייך; אָבער אין גרויסקייט איז ער מער משוגע ווי דאָס משוגעת.

כז. — דאָס ערנסטע פנים פון יעקבן האָט זיך אויסגעגלייכט און זיינע ליפּן האָבן געמורמלט:

כח. — פאַרוואָס זאָגסטו תמיד רחמנות אָנשטאָט ליבע.

כט. — ווייל דאָס איז די ריינקייט און די גלייכקייט פון דער ליבע. די זעצוודיקע ליבע.

ל. — ליב האָבן די מענטשן, הייסט זען זיי, ווי זיי זענען און קומען צו זיי, און זיי זאָלן צו אייך קומען. אַזוי איז די ליבע פון מענטשן: ליכט, מאָס, נוצן, ליכט.

לא. — מען דאַרף טון דאָס, וואָס איז מעגלעך. אָבער טו עס!

לב. — אז די ווערטער זאָלן זיין אַרבעטער.

לג. — מען איז גאָרנישט בכוח אויפצוטאָן קעגן דעם אנטלויפנדיקן עלנד פון אייגענעם הארץ, וואָס איז גאָרנישט.

לד. — מען איז בכוח אַלץ אויפצוטאָן קעגן דעם אָנקומענדיקן

פֿלנד פֿון אַלע, וואָס איז אַ שווערע זאַך.

לה. — און וואָס לאָזט זיך טראָגן.

לו. — און אויב די איינזאַמע הערצער פֿאַרייניקן זיך טאַפּנ־דיק מיט אײנאַנדער, אַזוי באַרירן זיך די הענט, וואָס טאַפּן־אויסשטרעקנדיק זיך צו אַנדערע.

לז. — אָט, דער, וואָס גייט פֿאַרביי: דו קאָנסט אים נישט אָבער אויב ער איז אַן אומגליקלעכער, דערמאָנט דערקענסטו אים.

לח. — דײַן פֿרייד און דײַנע ליידן בײַטן זיך און נאַרן אָפּ אָבער די ליידן פֿון מענטשן פֿאַרראַטן דיך קיינמאָל נישט.

לט. — זאָגט נישט: איך וויל פֿאַרוואַנדלען דעם מענטשן אין אַ מלאך און די ערד אין אַ גן-עדן. ווײַל מען ענטפֿערט אײַך: אויף וועלכן וועג דאַרף מען זיך נעמען? זאָגט אויך נישט צו די בלינדע: איך דערצייל אײַך אַ שיין בילד פֿון דער ליכ־ליכטיקייט. ווײַל זיי שרײַען צו אײַך: מיר ווילן דאָס לייב פֿון דער ליכטיקייט!

מ. — זאָגט: איך וויל אַרבעטן, כּדי אײַנצואָרדענען דאָס, וואָס האָט אַ שײַכות דאָ אונטן.

מא. — און זאָגט נישט אַמאָל: גליק. עס איז בעסער צו זאָגן: שלום.

מב. — אָבער איר וועט האָבן קעגן זיך אַלע מעכטיקע, און די געקרוינטע רעליגיע, וואָס איז פֿאַרויס געשאַפֿן געוואָרן, כּדי צו קעמפֿן קעגן אײַך, און קעגן נאָך אַנדערע כּוחות פֿון דער וועלט.

מג. — איר וועט זײַן געהאַסט און גערודפֿט. און די מערדער וועלן וועגן אײַך זאָגן: דאָס זענען מערדער. און די ליגנער וועלן וועגן אײַך זאָגן: דאָס זענען ליגנער. און אפֿילו די אָרע־מע מענטשן, וואָס זענען נישט קיין מערדער און ליגנער, וועלן וועגן אײַך דאָסזעלבע איבערחזרן.

מד. — און אײַער מלוכה איז נישט פֿון דער וועלט.

מה. — אָבער זי מוז יאָ זײַן.

מו. — וואָרום זי איז פון דער וועלט, אָבער נישט פון דער, צייט.

מז. — איך גיי אַוועק, אָבער איך וועל אייך געבן אַן אַנדערן וואָס וועט אייך טרייסטן: דעם גייסט פון גערעכטיקייט, וואָס די וועלט זעט נאָך נישט.

מח. — דערדאָזיקער גייסט וועט אייך אַריינפירן אינם גאַנצן אמת

מט. — וואָס איז דער באַווייז פון גערעכטיקייט? האָט גע־פרעגט דידים.

נ. — איך האָב געענטפערט: דאָס איז מיין לייב, דאָס איז מיין בלוט.

נא. — דאָס איז דער גרויסער טייך, וואָס פליסט אין די גרויסע אָדערן פון דער מאַסע.

נב. — מיין בלוט איז דאָס בלוט פון אַנדערע.

נג. — אָט דאָס איז דער באַווייז פון דער גערעכטיקייט.

נד. — וואָרום נאָר דאָס זעעוודיקע פון זאַכן האָט אַ מענטש־לעך קול.

נה. — זייט תמיד ניי און ווי תחית־המתים אויפגעשטאַנענע אין דער וועלט, וואָס האַסט אייך. און איר זאָלט די וועלט אויך מאַכן אויפלעבן.

נו. — דאָס, וואָס איך טו, קענען אויך אַנדערע טאָן, ווייל די אַנדערע זענען אויך עדות פונם אמת און זענען פעיק דערפון עדות צו זאָגן.

נז. — ווייל מען באַדאַרף נישט קיין מכשפים.

נח. — נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס פון די איינ־ציקע מענטשלעכע אינטערעסן.

נט. — און אויב עס וועט פאַרבלייבן אויף דער וועלט בלויז איינאיינציקע הייליקע זאַך, וועט עס זיין דאָסדאָזיקע.

ס. — איך רוף אייך נישט אָן מיינע קנעכט, ווייל אַ קנעכט ווייסט נישט, וואָס זיין האַר טוט.

סא. — און ווען איך וועל שוין מער נישט זיין, מיינע קינ־דער, זאָלט איר שטאַרק וועגן מיר טראַכטן.

סב. — כדי נישט צו זיין קיין יתומים.

סג. — שמעון האָט ווידער אויפגעהייבן זיין קול.

סד. — און האָט נאָר געזאָגט: דו וועסט ענדערן די וועלט און זי וועט זיין פאַרענדערט.

סה. — די תלמידים זענען געווען טרויעריק, אָבער חוצדעם זענען זיי געווען פול מיט פרייד און מיט הייליקן גייסט.

סו. — יעקב האָט צו מיר געזאָגט, ווי יעקב אבינו: איך האָב געזען דיין פנים, און ס'איז געווען, ווי דאָס פנים פון גאָט, און ער האָט ווייטער גערעדט, ווי יעקב אבינו: איך האָב דיך געזען פנים אל פנים, און מיין נשמה איז באַפרייט געוואָרן.

סז. — איך האָב זיך דערמאָנט וועגן דער מתיקות, וואָס איך האָב געהאַט ביי מיין מאָרגנשטערן, בעת איך האָב באַגעגנט דעם פריינט.

סח. — זינט מיר האָבן זיך גלייכצייטיק אויסגעוויילט, און זינט מיר זענען געווען מיר (ער און איך, די לינקע און די רעכ־טע), איז דאָס וואָרט געוואָרן לייב.

סט. — און צוויי שמייכלען, וואָס שמייכלען צו זיך, זענען באמת איינאיינציקע זאַך אויף דער וועלט.

ע. — אזוי איז עס איצטער מיט דאָסדאָזיק איינציק האַרץ, וועלכעס האָט מיינע געדאַנקען געגעבן פרייד צום לעבן. און ווען זיי וועלן זיין פאַרייניקט, וועלן זיי טראַכטן ווי איך, און אונדזער שותפותדיק וואָרט וועט זיין לייב. ווייל ס'איז דאָ עפּעס מער, ווי די קעגנוואַרט.

עא. — און איך, וועלכער האָט שוין נישט באַדאַרפט מער לעבן, האָב געזאָגט צו זיי: לעבט! האָפענונג איז נאָר פאַר די, וואָס לעבן, האָט געזאָגט קהלת. וואָרום, האָט ער געזאָגט, ס'איז בע־סער אַ לעבעדיקער הונט, ווי אַ טויטער לייב.

עב. — און דער הימל, וואָס מ'האָט געזען איינגעפּאַסט אין ד, ראַמען פון דער טיר, איז געווען רויט, און אַ פויגל האָט געזונגען.
עג. — פאַרשטיין דעם שלום פון גייסט איז אַזוי שווער, ווי דער שלום פונם הארצן.
עד. — און ער איז זיין מאַמע.
עה. — מען וועט פאַרשטיין די ריינקייט פון די פּעדים, וואָס ציען זיך פון יעדן צו אַלע.
עו. — און דעם פּרייז פון לעבן.
עז. — און דאָס אָרט, וואָס האָט אַ רויז מיט אירע ריחות.
עח. — און דאָס אָרט, וואָס האָט אַ נאַכטיגאַל אין דער נאַכט.
עט. — און, אַז דער הימל איז צווישנגעוועבט מיט דער ערד,
פ. — און וואונדערבאַר פאַרשטיין
פא. — דעם נס פונם טאָג און פון פּשטות.
פב. — ווייל דער טאָג און די נאַכט נאַרן אונדז נישט.
פג.—און דעם גאַנצן פּראַכט, וואָס מען קאָן שאַפן אין איין איינציקן טאָג
פד. — די שיינע שרעק פאַרן טויט.
פה. — בייגאַכט האָב איך אין אַ ווינקל געזען יחיאלן.
פו. — דער פריינט, וואָס איז געוואָרן מיין שונא, האָט מיך דערקאַנט, האָט אַ ציטער געטאָן און אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ.
פז. — איך בין שטיין געבליבן לעבן אים, און דעמאָלט האָט ער מיך אַביסל באַטראַכט. און איך האָב געפילט, אַז ער האָט נישט געוואָגט זיך צו וואַרפן אין מיינע אָרעמס.
פח. — איך האָב געזאָגט צו אים: אַלזאָ, דאָס ביזטו.
פט. — זיין אָטעם האָט מיר שטיל געענטפערט: יאָ.
צ. — און נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעשפּראָכן די ווערטער, וועלכע זאָגן אַלץ, וואָס מען קען זאָגן אויף דער וועלט, און מיר האָבן זיך געשטעלט אין דער גרויסקייט פון די צייטן, האָבן מיר זיך צעשיידט.

צוויי און דרייסיקסטער קאפּיטל

א. — אַ גאַנצן טאָג איז גאָרנישט געשען קעגן מיר.

ב. — ס'איז געווען אַ שיינער וועטער, די פֿעלדער האָבן געשטראַלט. אָבער פֿאַר מיר איז שוין געווען צו שפּעט, אַז איך זאָל דערפֿון געניסן.

ג. — און דער אָוונט איז אָנגעקומען, ווי אַלע אַנדערע. און אַז ער איז שוין געווען, האָב איך צו זיך געזאָגט: אין דער דאָזיקער נאַכט וועט עפּעס געשען.

ד. — בעת איך בין אַזוי פֿאַמעלעך בעגאַנגען, גישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, ווייל איך האָב געהאַט צו קנאַפּ צייט פֿאַר זיך, האָב איך דערזען יהודה איש-קריות.

ה. — ער האָט געטראַכט טריב פּיינטלעך, און געקריצט מיט די ציין.

ו. — ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער צו מיר תיכּף געזאָגט:

ז. — איך האָב עפּעס קעגן דיר.

ח. — ס'איז נאַריש דאָס, וואָס האָסט געזאָגט אין דיין דרשה אין בית-המקדש און וואָס דו האָסט שוין פֿריער געזאָגט אין דיין דרשה אויפֿן באַרג, נעמליך: אַז דאָס פֿאָלק דאַרף זיך אַליין פֿאַרנעמען מיט זיינע ענינים.

ט. — רבי, דו וואָלסט בעסער געטאָן, ווען דו שווייגסט, אָדער ווען זאָלסט רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. זע, איך האָב אויסגע-

פאַרשט די זאַך און זי איז, אַזוי ווי איך זאָג דיר. האָרך מיך רבי, און באטראַכט עס צו דיין גונסטן.

י. — מיש נישט אויף דעם קיסר מיט דיין עוואַנגעליע. רעד פון גייסט, און לאָז איבער דעם קיסר צורו.

יא. — איך האָב געזאָגט: פריינט, דידאָזיקע זאַכן גייען נישט צוזאַמען.

יב. — ער האָט געזאָגט: נו, איז וואָס? דאָס לאָזט זיך צו-ערשט נישט באַמערקן. לאָמיר בלייבן אין מיטן. דאָך, גייען מיר אויף דער זייט.

יג. — מיט אַ צייט פריער האָב איך איינגעזען, אַז די שווערסטע נסיונות זענען די, וואָס זעען נישט אויס ווי נסיונות, און אַז דער דאָ-זיקער מענטש איז געווען ווייט פון מיר, און פיינטלעך צו מיר, הגם ער איז נישט געווען קיין שלעכטער.

יד. — ווייל ער דעקט זיך תמיד צו מיט אַ קליינער אונ-מיטלבארער זאַך און מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז גערעכט.

טו. — בעת ער איז דאָרט, דאַכט זיך מיר, אַז די גאַנצע וועלט געפינט זיך דאָרט אין איז קעגן מיר.

טז. — איך האָב געזאָגט: עס איז געווען פונקט, ווי איך וואָלט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ בוים.

יז. — ניין, עס איז געווען פונקט, ווי איך וואָלט זיך ביינאַכט אָנגעשטויסן אָן אַ וואַלד.

יח. — מיין שרעק איז געווען הונדערט מאָל, טויזנט מאָל גרעסער.

יט. — פול מיט יאוש בין איך דעמאָלט געוואָרן, ווי אַ קינד, איך האָב גערופן נאָך מיין מוטער און מיינע פיס האָבן מיך געטראָגן זי אויסצוזוכן.

כ. — זי איז געווען ביי שכנים אין ביתניה.

כא. — אינם דאָזיקן דאָרף האָט זיך פאַרענדיקט דאָס רויקע

לעבן פונם טאָג. דער גאַנצער טאָג איז דורך אלעמען געוואָרן גוט אויסגעפּילט. יעדערער שטייט זיך אויף זיין אָרט. זיי זענען רויק. דער ריח פון זייערע געווינער. קומט זיי אנטקעגן. זיי זאָגן צום אָוונט=ווינט: גיב.

כב. — דער אָוונט איז די בעסטע צייט פונם טאָג.

כג. — און אַלץ איז א סך שענער פון אַלץ.

כד. — איך וויל בעסער אַלץ.

כה. — אָבער איך בין געווען דער ווינטער און איך האָב גע־טראָגן דעם ווינטער מיט זיך, ווייל יעדער איינער שאַפט, איבער יעדער שעה, די וועלט, לויט זיין פאָרשטעלונג.

כו. — ס'דאַכט זיך, אַז די זאַכן זענען באַקליידט מיט שיינ־קייט. אָבער זייער שיינקייט איז די מתּנה פון דעם פאַרבייגייער.

כז. — און נאכט, הייסט – פאַרמאַכן די אויגן.

כח. — מען וואָלט באַדאַרפט א זיסע צייט=לאַנגזאַמקייט, כּדי די צייט זאָל אויסנוצן דאָס ליכט פון דידאָזיקע הייזער.

כּט. — אָבער דאָס אַלץ, פון וואָס זיי געניסן, האָט זיך שוין פאַר מיר געענדיקט.

ל. — איך וועל שוין נישט גיין דאָ און נישט דאָרט. איך געפין זיך אין דער לאַגע, ווו יעדער טריט זאָגט: זיי געזונט.

לא. און אָט זע אן אַלטן מאַן, וואָס גייט אַראָפּ פּאַמעלעך פון די טרעפּ. ער וועט אויף זיי צוריק אַרויפגיין. דער אָבער, וואָס גייט אַראָפּ אין קבר, וועט שוין צוריק נישט אַרויפגיין.

לב. — אין אַ הויז, הינטער אַ פאַרהאַנג פון אַ טיר, פאַר־שפּרייט אַ גליקלעכער געזאַנג דעם ריח פון אומשטערבלעכקייט,

לג. — דאָס טיפע הויז מיט זיינע פאַרמאַכטע עפענונגען. פאַר די, וואָס לעבן אינעווייניק איז עס א זאַך. אָבער פאַר די, וואָס גייען פאַרביי, איז עס דען לעבעדיק? און מחמת עס האָט גערעגנט, האָט די מויער געוויינט.

לד. — א יונג מיידל קומט מיר אנטקעגן. און היות איך דער־
ווייטער זיך, טוט זי זיך אויך דערווייטערן.

לה. — דא, ווו מען פארזוימט זיך, זעט מען א ברענענדיק
ליכט. לעבן דעם ליכט איז דער פירעק פון הויז און די פאל־
מע אינגאנצן בלוי.

לו. — פונקט אזוי ווי די וועלט איז געווען בלוי!

לז. — איך ליב.

לח. — מיין גאט, מיין גאט.

לט. — בעת איך טראכט וועגן מיין גורל, וואס וועט באלד
פארביילויפן, האב איך אויסגערופן, ווי א קינד: מיין גאט.

מ. — מיין מויל און מיין חיטה האבן דאס ארויסגערעדט, מיר
אויף צו־להכעיס.

מא. — איך האב געזען מיין מאמען, וועלכע איז דא געזעסן,
און האב צו איר גערעדט וועגן דער גרויסער זאך: זע, איך
בין אויפגעשטאנען קעגן דער וועלט.

מב. — מיט גרויס אנשטרענגונג האט זי איבערגעריסן איר צר־
בעט, אין וועלכער זי איז תמיד געווען איינגעשלאסן, און אויס
באשיידנקייט צו רעדן וועגן די זאכן, האט זי זיך פארזויטלט־

מג. — זי האט אפילו איבערגעלאזט דאס געפעס, וואס זי האט
געגרייט צום עסן.

מד. — און זי האט געזאגט: מען דארף נישט אפשטיין פון
אנדערע. מען האלט שוין איצט פאר לעכערלעך דיין שרייען
קעגן דעם, וואס ס׳קומט פאר.

מה. — מען איז באמת שטאלץ, ווען די מענטשן הערן דיך
אויס און שעצן דיך.

מו. — אבער אנדערע זאגן, אז דו ביזט נישט קיין גוטער יידי

מז. — היות איך האב גארנישט גערעדט, און די צייט איז גע־
פלויגן, האט זי, כדי נישט צו פארלירן קיין צייט, אנגעהייבן

ריינינקן מיט אירע הארטע פינגער דאָס קעסל, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף איר קני, וואָרום עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און מ'האָט באַדאַרפט פאַרטיק מאַכן דאָס עסן.

מח. — זי האָט געזאָגט ס'וואָלט געווען זייער גוט, ווען כ'וואָלט געזאָגט: מרים, דו ביזט די מאַמע פון ישו, אַן ערנסט־לעכער אַרבעטער, וועגן וועמען קיינער רעדט נישט.

מט. — אָבער אַנשטאָט דאָס, מיין קליינער, זאָגט מען: דער־דאָזיקער ישו איז אָן אַ פאָטערלאַנד, ער האָט נישט קיין שום דרך־ארץ פאַר די איינגעאָרדנטע מענטשן און פאַר אייגנטי־מער. ער איז אַ קאָמוניסט.

נ. — איך ווייס עס נישט, אָבער אַזוי זאָגט מען.

נא. — לאָז אַלץ גיין, ווי ס'גייט. אַלץ גייט גוט, איך פאַרזיכער דיר, גלויב מיר זיי אַ חכם.

נב. — זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אירע גלאַנצנדיקע טרערן אין אירע אויגן, כדי מיך איבערצוציינן.

נג. — און אין מיין גרויסן פיין, בין איך געפאַלן אויף די כּיס פאַר דער, וועלכע האָט מיר אַלץ געגעבן, וואָס איך האָב.

נד. — מיין מאַמען האָב איך זיך נישט אויסגעקליבן. וואָסער שייכות איז צווישן איר און מיר?

נה. — זי איז די פרוי, וואָס איך האָב געזען פנים אל פנים; אָט דאָס איז דאָס געמיינזאַמע צווישן אונדז ביידן.

נו. — די מאַמע בויגט איין אירע קליינע פרויען־אַקסלען.

נז. — די דויערהאַפטיקייט פון אירע טרערן האָט געקענט רירן שטיינער.

נח. — אַנשטאָט אַן ענטפער, האָב איך זיך דערמאָנט וועגן דער געטין עשתורת, פון חנניה מיט איר קליין גאָלדן קינד, וואָס האָט זי אַמאָל געלאָקערט.

נט. — און, פאַרגלייכנדיק די פיינע געטלעכע שיינקייט פון

דער געמין, און דעם פולקאָמען שוועבנדן אָרנאַמענט מיט דער אָרעמער מוטערלעכקייט פון מיין מאַמע, מיט אירע פייכטע אויגן, אין וועלכע עס האָבן זיך געשפיגלט די שטערן, האָב איך אָנגעהייבן צו שעפטשען: די געטין מרים, און אין מיין עלנד האָב איך שטיל געשמייכלט.

ס. — איך האָב זיך געזעגנט מיט איר, און איר פנים איז געווען טונקל פון דער נאַכט. און איך האָב גענומען דעם וועג קיין גד-שמונה. די איינוווינער פון יענעם דאָרף זענען פאַרשטומט געוואָרן, אָפּגעשטאָרבן, און דער געשריי, וואָס האָט זיך באַר-וואָס אָנגעהייבן אין מיין האַלדז, האָט זיך פאַרענדיקט: גאָט, מיין גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט?

סא. — און דאָס איז געווען אַ נסיון, וואָס שטאַמט פון די גרויסע ספרים.

סב. — דאָס איז געווען אַ טיפער טרויער פון פאַרוואַנדשאַפט, וואָס מען האָט בולט געזען: מיין טאַטע...

סג. — מיין טאַטע, וואָס ביזט אין הימל, דו גיסט דעם קלאַנג פון אונדזערע אַלע יסורים.

סד. — און איך האָב דערפילט, פאַרוואָס מען גלויבט אין גאָט.

סה. — ווען איך וואָלט געווען וואַנזיניק, וואָלט איך געגלויבט אין גאָט.

סו. — די לבנה האָט העל געשיינט איבערן הר-הזיתים און אין דעם שייער, וו עס האָבן זיך געפונען מיינע תלמידים, איז אינמיטן אויפן שטרוי געווען אַ גרויסער פירעק פון ליכט, צוליב אַ לאָך אין דאַך.

סז. — און אַרום איז געווען שוואַרץ, אָבער מ'האָט געזען די מאַסע פון זייערע איינגעשלאָפענע גופים.

סח. — איך האָב זיי אָנגערירט, און זיי האָבן, נישט וועלנדיק, זיך אויפגעכאַפּט.

סט. — וועגן וואָס האָבן זיי גערעדט איידער זיי זענען איינ־
געשלאָפן? צוערשט האָבן זיי געשוויגן, דערנאָך האָבן זיי זיך
מודה געווען, אז זיי האָבן גערעדט, ווער פון זיי עס וועט שפּע־
טער זיין דער ערשטער.

ע. — זיי האָבן געוווסט; ביים געזעגענען זיך האָבן זיי מיט
מיר מסדר געווען דעם אָונטמאָל, און זיי האָבן וועגן דעם
גערעדט.

עא. — נאָכדעם זענען זיי איינגעשלאָפן, מיד פון דורכלעבן
א טאָג.

עב. — זיי האָבן זיך אויסגעריבן די אויגן און זענען ווי־
דער איינגעשלאָפן מיט זייער גאַנצער מענטשלעכער שווערקייט,
אויפן ראַנד פון דעראָזיקער העלקייט אויף דער ערד, וואָס איז
דער עק פון דעם ליכט.

עג. — האָבן זיי נישט געקענט וואַך זיין מיט מיר אין דער־
דאָזיקער נאַכט?

עד. — מיינע ערגסטע שונאים זענען די קורצזיכטיקע אָרעמער
לייט. ווי ווייט זיי האָבן געקאָנט, האָבן זיי צוגעפּאַסט זייערע
ווערטער צו מיינע.

עה. — אָבער זיי העלפן מיך פאַרראַטן צוליב זייער מיטלמעסיקייט

עו. — אפילו שמעון וועט זיך פון מיר אָפּקערן. ער וועט זיך
פון מיר אָפּקערן אלעמען אין די אויגן. אפילו איינער אליין
וועט ער זיך אין איינעם אן אָוונט פון מיר אָפּקערן, און דער־
ביי וועט ער מורא האָבן דערפאַר, וועגן וואָס מ'האָט אים גע־
מאַכט טראַכטן, און אינם דאָזיקן אָוונט וועט ער זיך נאָך מיר
ארומקוקן. און איך וועל לעבן אים נישט זיין. און מחמת ער
וועט מיך נישט הערן אינם דאָזיקן אָוונט ביי זיך, וועט ער
מיינען, אז איך הער אים. ער וועט מורא האָבן, און פאַר אים
וועל איך זיין אומעטום, חוץ דאָרט, וווּ ער וועט זיין.

עז. — און יוחנן, וועלכער איז מיר געווען אמנאָענטסטן, דער וועמענס בליק עס האָט מיר געגעבן די אילוזיע פון א שפיגל, דער, וואָס האָט מיר אזוי אָפט באַטראכט מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אויפגעהייבענע אויגן, אויך ער ווערט מיך פאַרראַטן און נישט איינהיטן מיין אָנדענק.

עח. — איך האָב צוועקגעגעבן דעם אומבאַמערקלעכן אמת, דאָס איינציקע גוטע, וואָס איך האָב פאַרמאָגט: מיין לעבן. און איצט געהערט מיר מיין לעבן שוין נישט מער.

עט. — בעת איך האָב וועגן דעם געטראַכט, האָב איך געוויינט אין צימער, ווו איך בין געווען אליין.

פ. — און פאַלנדיק אויף מיינע קני, האָב איך געזען מיינע אויפגעדריקטע הענט, ווארום דער פאַרצווייפלטער מענטש זעט נישט די ליידן פון זיין פנים, נאָר פון זיינע הענט.

פא. — אָבער אן אַנדערער תּלמיד, אויף וועלכן איך האָב קיינ־מאָל קיין גרויס אכט נישט געלייגט, איז געזעסן וואך, נאָנט ביי דער מויער. און צווערשט האָב איך נאָר געהערט זיין קול אינם שאָטן, וואָס האָט געזאָגט: איך בין נישט געשלאָפן.

פב. — דערדאָזיקער יונגערמאַן איז אַרויסגעקומען פון שאָטן, זיך דערנעענטערט צו מיר, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד אין דעם ליכטיקן פירעק און מיר אָפּגעגעבן כבוד, זאָגנ־דיק גאָר שטיל:

פג. — איך פאַרגעטער דיך, ווייל דו ביזט נישט קיין גאָט. וואָלסטו געווען אַ גאָט, טאָ וואָס וואָלט דיר אויסגעמאַכט צו ליידן עטלעכע שעה און דערנאָך צופלייסן שטאַרבן? וואָלסטו געווען אַ גאָט, וואָלט דאָס אַלץ גאָר קנאַפּ וואָג געהאַט אין אייביקייט און אין דיין גלאַנץ; און דער, וואָס ס'איז נישט חסר־דעה, קען ער דען רעדן וועגן דיין אָפּפערונג?

פד. — וואָלסטו געווען גאָט, ווי וואָלט געווען דיין גוטסקייט ? עס וואָלט בלויז געווען אַ שפּיל פון גאָט.

פה. — און איך בעט בײַ דיר, זײַ מיר מוחל, בײַ דיר, וואָס ביזט אַזוי גרויס און וואָס שטייט אַזוי איינער אַליין, און וואָס וועסט נישט אויפשטיין תחית־המתים, מחמת איך האָב דיך נישט אָנערקענט און מחמת איך האָב דיך טיילמאָל באַטראַכט פאַר אַ גאָט.

פו. מרים־המגדלית איז אויך דאָ געווען, ווייס אין דער נאַכט און שיין ווי דער טאָג, און איר שיינקייט איז געווען אַנט־בלויזט פון צירונג.

פז. — פון גרויס באַגייסטערונג האָט זי זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער; און די מענטשן האָבן שוין פון אַ צייט צוריק געזאָגט, אַז זי איז, ווי אַמאָל, באַהערשט געוואָרן פון די זיבן טייוולאָנים.

פח. — זי האָט מיר געזאָגט, ווער איך בין.

פט. — זי האָט געזאָגט צו מיר: אַ מענטש איז געקומען, וואָס האָט אויפגעהייבן הויך זײַנע הענט, כדי זיי צו ווייזן די יסורים, דעם עלנד און די גרויסקייט פון מענטשן.

צ. — דו האָסט אָנגעזאָגט זאַכן, וואָס זענען פאַרבאָרגן, זינט די וועלט האָט זיך אָנגעהייבן.

צא. — דו האָסט געזאָגט אָט וואָס: גלויבט פולשטענדיק אין זיך אַליין, שאַפט איבער דאָס לעבן לויט אייער געשמאַק און איר וועט זיין אויסגעלייזט.

צב. — זאָל יעדערער באַהערשן זיין גאָט, זאָלן אַלע באַהערשן זייערע מלכים.

צג. — און דו האָסט פאַרגעטערט.

צד. — און איך האָב דיך אינגאַנצן פאַרגעטערט, נישט בלויז מיט מיין לייב, וואָס איז דער ראַנד פון מיין איך.

צה. — איך בין געבליבן פאַרבאָרגן פאַר דיר, ווי מיין הארץ איז פארבאָרגן אין מיר. ווייל נישט זאָגנדיק מיר, האָסטו פאַר־זאָגט, אַז איך זאָל ליידן.

צו. — איך פאַרבלייב דער דענקמאָל פון דעם, וואס האָט צו מיר גערעדט.

צז. — און זאָל זיין דיין ליכט.

צח. — ווען די פרוי איז אַנטשוויגן געוואָרן, און איך האָב שוין נישט געהערט איר קול, האָב איך געוווסט, אַז איך האָב פאַר־בראַכט מיין לעבן אויף דער ערד, כדי צו האבן בלויז דעם איין תלמיד.

צט. און איך האָב אים געהאַט בלויז אַ דאַנק דעם כישוף פון מיין הארץ.

ק. — און אפשר אויך דעם אַנדערן, וועלכער האָט נישט גע־וואלט פאַרקלענערן די שיינקייט פון חרטה, וועלכער איז צוגע־קומען, און אויסשטרעקנדיק צו מיר זיין בלויע בלייכע האַנט, ווי די לבנה, און געזאָגט:

קא. — אָט איז דער מענטש.

דרייאונדרייסיקסטער קאַפּיטל

א. — די זעלנער זענען געקומען מיך נעמען, ווי איך האָב פאָרויסגעזען,

ב. — נישט זייענדיק קיין נביא.

ג. — די אָרעמע זעלנער, זיי האָבן דאָך אויף זיך אַליין זייערע הענט געלייגט, ווי תמיד.

ד. — ס׳איז געווען אַן אומאָרדנונג צווישן די תּלמידים.

ה. דער קערן פון דער קירך, דער קוואַל פון דער נייער וועלט האָט זיך צעזייט.

ו. — און איך האָב געהערט, ווי איינער פון זיי זאָגט: איך קען נישט דעמדאָזיקן מענטשן, און איך האָב זיך אפילו נישט אויסגעדרייט אַ קוק צו טאָן, ווער ער איז.

ז. — און כ׳בין געוואָרן איינגעשלאָסן מיט כּריסטן און מעכּטיקע, זיי און איך, צווישן פיר ווענט.

ח. — און אין געריכט זענען געזעסן: דער בישאָף, באַפּוצט מיט צירונגען, און דער קעניגלעכער רייכער, און ער רומפּולער זעלנער, און דער ברומאַלער ליגנער, און דער העפלעכער קריכעדיקער סאָפיסט; אַלע האָבן געטראָגן בראַנזאָלעטן, און אַלע האָבן געהאַט אוירינגלעך אין די אויערן; אַלע האָבן געהאַט איין נשמה און איין קראַפט.

ט. — זיי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, גלייך ווי זיי וואָלטן

מיך אויסגעפּרעגט. אויף מיינע רייד האָבן זיי געגעבן תּשובֿות גינסטיק פאַר זיי און נישט פאַר מיר.

י. — זיי האָבן דערוויזן, אַז איך האָב געמאַכט אַ פאַרשווערונג קעגן דער מלוכה.

יא. — און איך בין אַנטשוויגן געוואָרן, און כ׳האָב אויפגעהערט אפילו צו משפּטן די שופטים.

יב. — נאָכדעם האָט מען מיך אַרויסגעשטויסן אינדרויסן, און פאַר דעם רוימישן באַאַמטן.

יג. — היות מען האָט געמאַכט הכנות צו פּסח, איז דער המון נישט אַריינגעטראָטן אין געריכטס-זאַל. און פון צייט צו צייט געשטופּט אכזריותדיק אין דער טיר, וואָס מען האָט געעפנט, האָב איך געזען אויפן פּלאַץ די אויפרודערונג צווישן די מחנות מענטשן.

יד. — דער באַאַמטער האָט בלויז געטראַכט וועגן זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ באַאַמטן, און האָט געזאָגט: אַלזאָ, וואָסער שלעכטס האָט אָפּגעטאָן דערדאָזיקער מאַן?

טו. — מען האָט אָפּגעענטפערט: ער האָט צעבונטעוועט דאָס פאָלק, ער האָט געזאָגט, אַז ער איז מלך, בעת דער קיסר לעבט.

טז. — דער באַאַמטער האָט געמאַכט אַן אומאָנגענעמע גרימאַסע, און צו מיר געזאָגט: אָרעמער נביא, פון דער רגע אָן, וואָס זיי רעדן פון קיסר, וועל איך האָבן גרויסע צרות, אויב איך וועל דיך נישט פאַראורטיילן.

יז. — איך האָב געוווּסט גאַנץ גוט, אַז דידאָזיקע הויכע פּערזאָן האָט געוואָלט איך זאָל פאַרשווינדן ווערן. אָבער ער איז געווען אַ צבֿועק און אַ פּחדן, ווי אַלע מעכטיקע.

יח. — היות דער המון האָט געקענט באַפרייען אַ פאַרמשפּטן, — דערזעלבער המון, וועמען די כּהנים און די רוימער האָבן אַריינ-

געבלאָזן זייערער ווערטער — האָט ער בעסער געוואָלט באַפרייען יהודה בר־אַבא איידער מיך (ווייל מען האָט אים אוועקגעפירט אין תּפיסה)

יט. — נאָכדעם ווי ער האָט מיך פאַרמשפּט, און די זאַך איז שוין געווען דערליידיקט, האָט דער באַאַמטער אין אַ ווינקעלע מיט אַ שטילער שטימע צו מיר געזאָגט: בעת זיינע קאַלטע אויגן האָבן מיך באַטראַכט: איך לאַך אויס דעם מלך פון די יידן, אָבער מער ווי פאַרן יידישן מלך, האָב איך מורא פאַר דיין פאַרצווייפלטן קעניגרייך.

כ. — פאַר אַלעמען אין די אויגן האָבן זיי אויף מיר אַרויפגעטאָן אַ דאָרן־קרוין, אַ פּורפּור־מאַנטל; זיי האָבן מיר געגעבן אַ ראָר־סצעפּטער. זיי האָבן געזאָגט: אַך, אַך, דאָס איז דער מלך פון די יידן, און לאַכנדיק האָבן זיי מיך געפּאַטשט, וואַרפנדיק זיך פאַר מיר אויף דער ערד.

כא. — און איך האָב געטראַכט וועגן דעם מאַן פון דעם וועג קיין דמשק, און מיין רום האָט זיך אָנגעהייבן.

כב. — און איך האָב געטראַכט, אַז די פון אויבן־אָן וועלן איינמאָל אין אַ טאָג מיט מיר טאָן דאָזעלבע, וואָס דידאָזיקע פון דאַנען, ווען מיין בילד און מיין נאָמען וועט צווישן זיי אויפלעבן.

כג. — זיי וועלן מיך באַקליידן אין בגדי־מלכות, און וועלן מיר געבן אַ סצעפּטער.

כד. — זיי וועלן מיר אָנטאָן אַ קרוין וועלכע וועט מיר פאַרשאַפן ווייטיק.

כה. — זיי וועלן פאַלן אויף דער ערד פאַר מיר.

כו. — און זיי וועלן מיך פּאַטשן.

פירונדרײסיקסטער קאפיטל

א. — דאָס קרייצן.

ב. — ווי כ׳האָב זיך געשראָקן עס׳זאָס פריער!

ג. — כ׳האָב דערפון געהאַט יסורים און ס׳האָט מיך שרעק-לעך געצויגן.

ד. — מיין בלוט איז געפלאָסן, און כ׳האָב געהאַט דורשט נאָך מיין בלוט.

ה. — אָבער כ׳האָב נאָך געקענט זען פאָרויס פאַר זיך.

ו. — און כ׳האָב געזען, אַז ס׳זענען נישט געווען קיין סך מענטשן.

ז. אָבער אַלע זענען געווען קעגן מיר.

ח. און אויב כ׳האָב דאָרט געהאַט פריינט, האָבן זיי נישט געהאַט קיין מוט צו זיין פריינט.

ט. — מיט עטלעכע טעג צוריק זענען זיי אַלע געווען מיט מיר, ווייל כ׳האָב זיי באַהערשט.

י. — אָבער דער המון האָט זיך אויסגעדרייט דאָרט ווו דער ווינט בלאָזט.

יא. — ווייל זיי פאַרגעטערן נאָר דאָס, וואָס באַהערשט זיי. דער גלויבן בלאָזט, דאָרט, ווו די מאַכט בלאָזט.

יב. — אָבער איך, דער מענטש, אויסגעצויגן אין דער פאָרם פון א צלם, האָב איך דאָך גלויבן אין זיי, וועלכע ווייסן נישט היינט, וואָס זיי טוען.

יג. — זײַן וועלכע פאַרפאָלגן זיך מיט שיכחה.

יד. — טאָן גערעכטיקייט. פאַרניכטן דאָס אומגערעכטיקייט.

טו. — דאָס יידישע פאָלק, וועמענס נשמה כ׳האָב הויך גע-האַלטן, וועט נאָך מיר, מיך העלפן זייען די יירושג אויף דער גאַנצער וועלט, הגם ער אַליין וועט זיין צעזייט און צעשפּרייט צווישן איינציקן פאָלק אונטערן הימל.

טז. — תּלמידים, צעשפּרייטע פון אומגליק, וועלכע זענען בי איצטער געווען — דער איינציקער גרויסער פאַסטוך פון די פעלקער.

יז. — איך בין געקרייצט און כ׳וועל שטאַרבן אויפן צלם.

יח. — מיין וואָרט וועט אויך זיין געקרייצט.

יט. — אָבער דאָס וואָרט וועט אויפן צלם נישט אָפּשטאַרבן.

כ. — מענטשלעכער גייסט, ריין ווי דער מלאך און ווידער-שפּעניק ווי דער שטן!

כא. — איך ליב דיך. און איך ליב זיי.

כב. — די אָרעמע, וועלכע זענען אַלע מענטשן און זענען גאָרנישט.

כג. — אַ קראַפט פון דער נאַטור

כד. — פאַרלוירן ווי דער ווינט!

כה. — דורך אַ בלוטיקן אָפּמאַך,

כו. — וועל איך שרייבן מיין וואָרט אויף זייער האַרץ.

כז. — און אָט בין איך, דער געקרייצטער אויף דעמדאָזיקן צלם,

כח. — וועלכער וועט זיין דער אַנטיקריסט פון קרוציפיקס.

כט. — איך, די געטלעכע קרבן-חיה, וועמענס ליב איז אַ רויטער פאָן, איך זע פון איצט אָן ביזן סוף, די אָפּענע מלחמה, צווישן דעם פלייש פון דער מענטשהייט און דעם באַ-גער פון עטלעכע גרויסע פאַרשווערער.

ל. — דיזעלבע וועלכע האָבן מיך דאָ געקרייצט.

לא. — ווייל איך בין געווען דער משיח פונם פאָלק און דאָס וואָרט פון די מענטשן.

לב. — ווייל זינט די וועלט איז וועלט, האָבן זיי געמאַכט אַ גרויסע קאָנטר-רעוואָלוציע אויף דער ערד.

לג. — אָבער די וועלכע זענען געווען די לעצטע, צוליב דעם חטא פון הכנעה, וועלן, נאָך פיל עלנד, זיין די ערשטע.

לד. — און געטלעך וועלן זיי זיין גערעכט.

לה. — איך זע נאָך אַט־וואָס.

לו. — אין מיינע פאַרמאַכטע אויגן.

לז. — איידער איך גיי אונטער.

לח. — און אַט וואָס איך רוף נאָך אין זיך, אין מיין צע-פליקטן כוויל:

לט. — אַ פאָלק, איך גלויב אין דיין לעצטן משפט.

מ. — ווען דו וועסט באַזיצן די נאַקעטע עוואַנגעליע.

מא. — אַ פאָלק, ווען דו וועסט זיין דאָס פאָלק.

מב.— איך האָב אייך געזאָגט ביי מיין לעבן: נישט דעם שלום ברענג איך אייך, נאָר מלחמה, ווייל דער אמתער שלום ליגט אויף יענער זייט פון אַ מלחמה, און אויף יענער זייט פון אַ מבול.

מג. — ווייל איך האָב געפּירט צו דעם לעבן, בין איך געקו-מען, כדי צו ברענגען דעם שווערד און מאַכן אַ מחיצה צווישן פאָטער און זון, און צווישן ברודער און ברודער, און צווישן האַר און קנעכט, כדי צו חתמנען אַ נייעם אפמאַך.

מד. — קעגן אַלע פירשטן פון דער ערד.

מה. — שטייט אויף, פאַרמשפטע פון דער ערד!

מו. — זעט, ווי איך לייד אויף יענער זייט פון מיר. זעט דאָס בלוט פון דעם נייעם אָפמאַך, ווו איך זינק. איך האָב אויפגע-

עפנט דאָס מויל איבער דעמדאָזיקן בלוט פון מיין אינגעווייד, און זיי האָבן געהערט מיין בלוטיק, געשריי:

מז. — איך האָב באַזיגט די וועלט!

מח. — און אין דערדאָזיקער רגע לאָזט זיך אַראָפּ מיין קאָפּ, און די הימלען צעררייסן זיך פון מיין געשריי.

מט. — דער סוף פון ישוס עוואַנגעליע, דער זון פון מרים.

נ. — זאָל ער אייך קומען צו הילף, אייך וועלכע זענט גע־קוועלט, אייך וועלכע זוכט דעם כוח פונם מאַראַלן געזעץ און פון דער זיכערקייט, וועלכע זענט פאַרצווייפלט אין דער מענטש־לעכער אַלמעכטיקייט, זוכט נאָך געטער אין די וואָלקנס, האָרכט אויף ווערטער, וואָס גייען פאַרביי, ווי דער ווינט, און האַקט זיך אין די ליכט־פלויטן, און אין די אַזור־קופאָלן; און אויך אייך וועלכע זענט איצטער איינגעשטעלט אין אָרדענונג, ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט געפינען זיך אין די הענט פון צבועקעס, שטעלט אויף די רייע, קלוגע און גערעכטע אידעע פון דער, רעוואָלוציע אין דער גרויסער רעליגיעזער נשמה פון דער מענטש־הייט. זאָל זיין אַזוי.

סוף

נאָכרעדע

אין אַ ווײַטערדיקן בוך „די פאַררעטער [illegible] וועל איך באַצייכענען די דאָקומענטן, די אָנווײַזונגען און די וועלכע האָבן מיר געהאָלפן אין מײַן פאַרזוך, אַרײַנגעבן אין דעם אמתן עבר, כּדי צו באַגעגענען יעזוסן דעם מענטשן, געטלעך־מענטש, וועלכער האָט מער פון אַלע אַנדערע פאַרשטאַנען, געשטעלט אויף די פיס און אויפגעריכט דעם מענטש.

מיר טרעטן איצט אַרײַן אינעם פעריאָד, ווען די אומאָפּהענגיקע קריטיק האָט זיך דערוואָרבן דאָס רעכט צו באַלײַכטן אויף אַ פּאָזיטיוון און אָביעקטיוון אופן די התחלות פון קריסטנטום. דער אמתער ביאור צו קריסטנטום איז אייגנטלעך דאָ נישט לאַנג אנטשטאַנען. דערדאָזיקער ביאור האָט אָפּגערוימט, אַזוי צו זאָגן, די חורבות פון דעמדאָזיקן גרויסן פּראָבלעם און אַנטפּלעקט אַ סך טעותן, אַ סך אויסרעכענונגען, אַ סך פעלשונגען. ס'איז בײַ היינטיקן טאָג פעסטגעשטעלט, אַז די קאַנאָנישע ספרים, און די קריסטלעכע טראַדיציעס, ווען מען באַטראַכט זיי פון דער היסטאָרישער זייט, פאַרדינען זיי זייער קנאַפּ גלויבן. איצט, ווען די מענטשן גלויבן אין באַווײַזן, זענען שוין אפשר נישטאָ אַזויפיל פאַקטן פון אָבערגלויבן, געשטיצט דורך געוויינלעכע צוואַנג־פּראָצעדורן פון דער „עקזיסטירנדער אָרדענונג", וועלכע האָט אַזוי לאַנג געגעבן אַ ווידערשטאַנד דער געשיכטע.

איך בין פון דידאָזיקע וועלכע האַלטן, אַז דער שרײַבער האָט נישט קיין רעכט צו באַהאַנדלען היסטאָרישע פיגורן לויט זײַן פאַנטאַזיע און לויט זײַן אייגענעם געשמאַק. דער שרײַבער, וועלכער איז אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש, האָט נישט קיין רעכט זיך אָפּצוגעבן, ווײַל אָפּנאַרנדיק זיך אַליין, נאַרט

ער אויך אָפּ אַנדערע. ער דאַרף צוערשט געוויסנהאפטיק נאָכ־שטימען דאָס, וואָס ער וויל אויסדריקן; און בעת ער וויל קאָ־פירן אַ פּערזאָן פונם עבר, דאַרף ער זיך שטרענג האַלטן ביי זיין מאָדעל.

אָבער דער אָרעמער נביא פון גליל, וועלכער האָט קיינ־מאָל נישט געוווּסט, וואָס מען וועט פון אים שפּעטער מאַכן, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין השגה פון דעם לעגענדאַרן רום, אין וועלכן די דורות וועלן אים איינהילן, איז מיט לייב און זעל אויסגענוצט געוואָרן גאָר צו אַנדערע צוועקן, ווי זיינע. איך האַלט, אַז דער וויסנשאַפטלעכער קריטיק איז געלונגען אַרויסצופירן פון די עוואַנגעליעס און פון אַנדערע דאָקומענטן דאָס בילד פון זיין לעבן, פּונקט אויף אַזאַ אופן, ווי ס'איז געלונגען אַרויסצופירן סאָקראַטעס געשטאַלט פון די פאַרפישופּ־טע באַקליידונגען פון פּלאַטאָנס דיאַלאָגן.

אויב איך האָב אין דער באַהאַנדלונג פון דערדאָזיקער פראַגע זיך דערלויבט געוויסע פרייהייט, איז עס דערפאַר, ווייל איך האַלט, אַז וואָס ווייטער שטימען איין מיינע היפּאָטעזן מער מיט דער וואַרשיינלעכקייט און דערנענטערן זיך מער צום אמת, — איך גלויב, אַז איך האָב קיינמאָל נישט פאַרלוירן פאַר די אויגן, דאָסדאָזיק בילד, וועמענסווירקלעכקייט איז באַשטעטיקט געוואָרן נישט דורך די קירכלעכע שרייבער און דורך די קאַטעכיזמס, נאָר בלויז דורך דער אַנטוויקלונג פון די גייסטיקע אוצרות: אַז אין רוימס 8-טן יאָרהונדערט איז געווען אַ מענטש, וועלכער האָט געהאַלטן הויך אין זיינע הענט, כדי אַלעמען צו באַווייזן: דאָס עלנד, די יסורים, און די גרויסקייט פון מענטשן.

און נאָך אַ וואָרט: דידאָזיקע זאַכן זענען נישט פון עבר, נאָר פון שטענדיק. זיי זענען אויך פון היינט. אויב איך האָב טאָג און נאַכט איבערגעבלעטערט די הייליקע ספרים און שטו־דירט אַזוי פיל אַנדערע ווערק, וואָס מען האָט געשריבן איבער פאַרשידענע הלכות, איז עס נישט צוליב אַרטיסטישער פרייד, כדי צו מאַכן אויפלעבן דעם עבר, און ווי אַן ארכעאָלאָג, וואָס

געפינט נישט אין דער עוואַנגעליע קיין שום טעות און קיין שום ווידערשפּרוכן. איך האָב עס געטאָן דערפאַר, כּדי זיך קענען ווענדן צו די אומרויקע און געקוועלטע פון אונדזער צייט — אין אַ צייט, ווען די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע, אינטעלעקטועלע אין מאָראַלישע קאָנפליקטן, הייסן דעם מענטשן, לויטן הייליקן ביישפּיל, צו צעשטערן די אָפּגעטער.

כּדי נישט איבערצולאָדן יעדעס בלעטל פון דעמדאָזיקן בוך, האָב איך מיך געמוזט אָפּזאָגן צו ברענגען די קוואַלן פון אַלע ציטאַטן, וואָס פילן אָן דעם טעקסט. אַחוץ די ציטאַטן, וואָס איך האָב גענומען פון אַלטן און נייעם טעסטאַמענט, האָב איך נאָך געשעפּט פון אַ געוויסן צאָל דייטעראָקאַנאָנישע ביכער, אַפּאָקריפן, אָדער פון צוגאָבן: פּעטערס עוואַנגעליע, יעקבס פּראָט-עוואַנגעליע, קינדהייט-עוואַנגעליע, פּאַפּירוס פון אָקסירינכאָס, דאָקטרינע פון אַדיי, מעשי-טאָמאַס סיריש-פּאַליסטינישער לעקציאָנער, פאַרשידענע עקסטראַ-קאַנאָנישע מאַנוסקריפּטן (באַזונדערס די שריפטן פון קאָדעקס קאַטאַבריגיענסיס), נישט-קאַנאָנישע ווערטער פון יעזוסן, איבערגעגעבן פון קלעמענטיוס פון אַלעקסאַנדריען, אָריגען, הייליקער אויגוסטין, דעם פּסיידאָ-ציפּריער, דעם פּסיידאָ קלעמענס ראָמאַנוס, מוסולמאַנישע טראַדיציעס (עפרעם סירוס, א. אז. וו.) און דעם קאָראַן; ענדלעך די פּאַר-קריסטלעכע יידישע ליטעראַטור: ישעיהס עליה, ספר-חנוך א. אז. וו.

מען געפינט אין דעם בוך מאָדערנע אויסדרוקן. איך האָף, אַז די אַלע וואָרט-אַנאַכראָניזמען וועט דער לעזער נישט צורעכענען אויפן חשבון פון אויטאָרס אומוויסנקייט. אָנוואַרפּנדיק אידעען און זאַכן, וואָס טראָגן דעם כאַראַקטער פון יענער צייט, האָב איך זיך צוגעפּאַסט צו די אָנערקענטע ביבל-איבערזעצער. דידאָזיקע נייע אויסדרוקן אַנטשפּרעכן די זאַכן און די אידעען פון אַמאָל, בעסער ווי די פאַרגעסענע טעכנישע ווערטער, אָדער ווי די פאַרנעפּלטע פאָרמען, וואָס קאָמפּליצירן די פראַזן.

אנרי באַרביס

סעפּטעמבער 1927.

אינהאַלט:

	צום יידישן לעזער	7
I.	אינעווייניק איז די ריינקייט	9
II.	די פאַרלוירענע שטערן	17
III.	דער לייענער און די אותיות	20
IV.	די רעוואָלוציע	23
V.	דער אומבאַגרייפלעכער ברודער	28
VI.	די קרוין	31
VII.	דער טויער צו דער וועלט	33
VIII.	טעג און ווערק	39
IX.	מיין טאַטע איז געשטאָרבן	46
X.	פּריסטילע, אָדער: יעדער און אַלע	50
XI.	נקדימון, אָדער: דאָס לעבן און דער טויט	60
XII.	אמת און ווירקלעכקייט	67
XIII.	פאָרויס!	71
XIV.	דער מענטש און דער ווינט	73
XV.	די קרוין פון דערנער	76
XVI.	נעכטן, היינט און מאָרגן	78
XVII.	מאַרטע און מרים	82
XVIII.	די זיסקייט פון דעם כּוח	84
XIX.	דער טורעם פון די מענטשן	88
XX.	אַ דרשה אויפן באַרג	94
XXI.	די תּשובה פון שלעכטס און גוטס	100
XXII.	גאָט פון מ[illegible]ן גערעכטיקייט!	105
XXIII.	דער טויער צום קעניגרייך	113
XXIV.	די קהילה	118
XXV.	די שטערן זענען איינגעוואָרצלט אין דער ערד	125
XXVI.	איך האָב נישט געוווּסט	127
XXVII.	ישראל אַליין	128
XXVIII.	די אויסמישונג	140
XXIX.	דער אַפּאָקאַליפּס פון דער צוקונפט	150
XXX.	אַ דרשה אין בית-המקדש	160
XXXI.	דער פּראַקטישער אוצר	171
XXXII.	דאָס איז דער מאַן	178
XXXIII.	שופטים	188
XXXIV.	די שטראַלן פון צלם	191
	נאָכוואָרט	195